STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08756

DI NAYSTE VERK

Moishe Nadir

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די נייסטע ווערק

פון

משה נאַדיר

דער געניאַלער אידיאָט

און די „אַרויסהעלפער" זיינע:

לייזערעליע „מיט-די-פּעטענטס"

מעלאַכרינאָ

פּיצצעלי

גיצי

און

אַף וואַקאַציע

(„דרייצן טעג")

פאַרלאַג „מאָרגן פרייהייט"

נומער פופצן, איסט דרייצנטע גאַס,

ניו־יאָרק.

Copyright 1931
By
Isaac Moishe Nadir
(Isaac Reiss)

FREIHEIT PUBLISHING CO.
Fifty East Thirteenth Street
New York City

דער
גענײַאַלער
אידיאָט

1

מיין טעלעפאָן האָט געקלונגען.

— מוישע נאַדיר?

— יאָ.

— וואַרט־צו אַ רעגעלע, עמיצער וויל מיט אייך רעדן.

איך בין געבליבן שטיין באַם טעלעפאָן, געהאַלטן ס׳אויערשטיקל צום אויער און געוואַרט. האָט זיך געעפנט די טיר און ס׳איז אַריינגעקומען מיט שטילע, גומילאַסטיקענע טריט אַ מיטל־יאָריקער לאַנגפּיסיקער מענטש — אַפן ערשטן קוק: אַ קליינשטעטלדיקער באַנקיר, מיט געשטרייפטע הויזן, זייער אַ שמאָל פּאָנים, פּריש ווי באַ אַ טובערקולאָזער קאַלע, אויגן ווי קנעפּלעך — אַ גרין קנעפּל אַף אַ ווייס קנעפּל, און ער האָט אַ מאַך געטאָן, אָן אַ גוטמאָרגן, בעיס ער האָט געהאַלטן אין אַראָפּשיילן פון זיך דעם אויבערמאַנטל:

— איר קענט שוין אָפּלאָזן דעם טעלעפאָן, מוישע נאַדיר. דאָס האָב איך געקלונגען מיט אַ פּאָר מינוט פריער, טאַקע פונם אָפּטייקל דאָ לעבן אייך, נישט געוואָלט אייך זאָגן פאָראויס ווער איך בין, עפשער וועט איר מיך נישט וועלן אויפנעמען. פאַרוואָס האָב איך אייך געהייסן שטיין באַם טעלעפאָן און וואַרטן? דאָס האָב איך געטאָן, קעדיי איר זאָלט זיך נישט אַרויסדרייען פון מיר. אַזוי פיר איך מיך שטענדיק.

— ווער זענט איר?

— איר האָט די ערע צו רעדן מיט דעם געניאַלסטן אידיאָט פון אונזער יאָרהונדערט. קיין אַנדערן נאָמען האָב איך נישט. איר קענט מיר רופן בערל מעקפּאַדן, אויב איר ווילט, ווייל מיין פאָטער האָט געהייסן פאָדענמאַכער. אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. אָט איז מיין קאַרטל.

ער האָט מיר דערלאַנגט אַ וויזיט־קאַרטל. דאָרטן איז געשטאַ־נען אַזוי:

גענּיאַלער אידיאָט

נומער אַזוי און אַזוי, יענע און יענע גאַס
אין דעם נוּדנעם אַמעריקע אין דעם כאַזערשן ניו יאָרק
שטונדן: צווישן הייגט און מאָרגן

איידער איך האָב מיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט לייענען דעם מענ־טשענס קאַרטל, האָט ער זיך באַזעצט זייער באַקוועם אויף מיין וויג־בענקל, אַוועקגעלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, אַ צי געטאָן אויף יעדן „רער" פון זיינע הויזן, פונקט אינמיטן—באַם קניטש, אַזוי אַז זיי זאָלן זיך נישט אויפהאָרבעווען באַ די קניעס, און געזאָגט:

איינגנטלעך קער איך מיך אָן אַ שטיקל קאָרעוו מיט אייער אַמאָ־ליקן לייזערעליען. נישט מער: יענער איז געווען אַ „פּלוט" צוליב „פּלוטעווען". און איך בין אַן אידיאָט מיט אַ טאַכלעס. אין דעם שטעקט מיין גענּיאַליטעט. איך זוך עפּעס. וואָס זוך איך?—וועל איך אייך זאָגן אַן אַנדערס מאָל. דערווייל וויל איך אונטערשטרייכן אַז איר זאָלט נישט מיינען, אַז איך בין אייך דער פּראָווינציעלער לייזער־עליע, מיט ספּאָסיבעס צו ראַטעווען די וועלט. איך האָב די וועלט אונטערן פּראַק, מעגט איר מיר הייליק גלויבן. איך בין געקו־מען צו אייך קיין אַמעריקע איר ווייסט פאַרוואָס? ווייל אַמעריקע איז דאָס לאַנד פון גענּיאַלע אידיאָטן. איך האָב אין מיין לעבן אַ סאַך אַרומגערייזט, אָפּגענאַרט די גרעסטע מענטשן, די קלוגסטע. וואָס איז דאָ אַזוינס, כ'בעט אייך, אין אָפּנאַרן קלוגע מענטשן? גאָרנישט. ס'איז גרינג ווי אַ האָר פון דער מילך. דער נאַר איז באַ זיך נישט זיכער, היט ער זיך, קען מען אים נישט אָפּנאַרן. דער קלוגער אָבער, ווייסט דאָך באַ זיך, אַז ער איז אַ קלוגעטשקער, היט ער זיך נישט, קען מען אים גרינג אָפּנאַרן.

— איר זענט שוין לאַנג דאָ אין אַמעריקע?

— נישט לאַנג. עטלעכע וואָכן. אָבער ענגליש קען איך בעסער פון אַ סאַך אידן. דאָס לאַנד אַליין? וואָס איז דאָ צו קע־נען. אַ לאַנד איז ווי אַ בעט. ס'וועגדט זיך מיט וועמען מ'שלאָפט אין אים. — אנטשולדיקט וואָס איך שלאָג מיר אַליין איבער די רייד: די וועלט איז אַ מאָדנע וועלט. נעמט, לעמאָשל, אייך אַליין, מוישע נאַדיר. אילע יאָרן (שרייבט טאַקע א י ל ע, נישט „אַלע") זינט איר שרייבט, האָט די וועלט געהאַט טאַינעס צו אייך לעמאַי איר האָט נישט קיין „גאָט". און אַזוי זיך ווי איר האָט געפונען אַ „גאָט"

האָבן אַלע צו אײך טאַינעס: צו װאָס טויג נאַדירן אַ „גאָט"? נאָר איך בין נאָך נישט פאַרטיק. איך װיל אײך געבן שטאָף אױף אַ גאַנץ אַרטיקל, איר זאָלט זיך נישט דאַרפן אַלײן ברעכן דעם קאָפּ, ס'איז נישט פאַר אײך. איך הער, אַז איר זענט עפּעס נישט געזונט. װאָס פעלט אײך? באַמיט זיך נישט צו ענטפערן, איך בעט אײך. ס'איז נישט װיכטיק. אַז מ'ענטפערט נישט מײנט יענער: אָ־װאָ, ס'איז עפּעס דאָ דערבײ אַ טיפער סײכל. אַניט פאַרװאָס שװײגט ער? דאָס איז דיפּלאָמאַטי: אַ רענדל אַ װאָרט, אַ קנעפּל אַ שװײג. אױב יאָ רעדן, דאַרף מען רעדן מיט זענפט און מיט פעפערשרױט. לעמאָשל װי דער לעקיש האַגאָדל פּילסודסקי האָט גערעדט צו דעם לעקיש האַ־קאָטן װאָלדעמאַרעס אױף דער זשענעװער קאָנפערענץ. אײנער אַ קײ־לים־טרעגער האָט פּילסודסקין נאָכגעטראָגן אַ קישעלע. אױפן קישעלע איז געלעגן אַ שװערד. אַז דער פּאָן פּילסודסקי איז אַרײנגעקומען אַי־נעװײניק האָט ער געהאַט אַן אױפּטריט װי אַװישאַלעם. ער האָט גע־כאַפּט די שװערד, זיך אַװעקגעשטעלט װי סי דאַרף צו זײן, מיטן פּאָנים צו דער געשיכטע, פּראָשעפּאַנאַ, און ער האָט אַ געשרײ גע־טאָן „קריג אָדער פרידן?" האָט זיך װאָלדעמאַרעס דערשראָקן און געזאָגט: „ל־לאָז זײן פּע־פּע־רידן". „אַ גרױס װאָרט איז געזאָגט געװאָרן" האָט געענטפערט דער דראַמאַטישער מאַרשאַליק פּילסודסקי, „אָט גײ איך שױן דעפּעשירן קײן װאַרשע, אַז מײנע זאָלן גײן טאַנצן אין אַלע גאַסן און קלינגען אין די גלעקער, סי זאָל זיך טאָן כװישעך". „איך גײ אױך טאָן דאָסזעלבע", האָט געזאָגט װאָלדע־מאַרעס, און זיך אַרױפגעקעמט די האָר מיט אַ גאָפּל (דיפּלאָמאַטן טראָגן מיט זיך שטענדיק גאָפּלען). „איכל מײנע אין קאָװנע אױך דעפּעשירן, אַז זײ זאָלן גײן טאַנצן מיט אױסגעריבענע הינטנס און מיט באָרװיסע פיס... ס' זאָל זיך—װי זאָגט איר—טאָן כװישעך".

דער גענױאַלער אידיאָט האָט דערװײל דערזען, אַז מײן באַלע־באָסטע האָט געגרײט פאַר מיר דעם טיש צום נאַכטמאָל, האָט ער זיך צוגערוקט, גענומען דאָס סערװעטל אױף דער קני און גענומען עסן —רואיק, שטיל און פײן, װי אין אַ רעסטאָראַן.

אַז ער האָט געהאַלטן בײם פלײש האָט ער געזאָגט:

װי אַ פלױ אױפן יאַם—אַזױ איז דער מענטש. די פלױ מײנט, אַז דער יאַם רױשט קעדײ זי איבערצושרעקן און זי קען נישט פאַר־שטײן װאָס האָט צו איר דער אַבזער—דער יאַם? זי װערט מעלאַנ־כאָליש און הײבט אָן זינגען לידער. עקצע האָמאָ. אָט־דאָס איז דער

מענטש: איך, איר, אַלגין. אַלע. כאַכמע? באַ! אַ געפּרעגלט פּליגעלע פון אַ הון שטייט באַ מיר טויזנט מאָל העכער פון... שפּי־נאַזאַן. אומשטערבלעכקייט איז דעם טויטס קראַנקהייט. (שטרייכט מיר דאָס אונטער, כ'בעט אייך, נאַדיר, ווייל דאָס איז גוט געזאָגט). אַ געזונטער מעס וויל זיין טויט, נישט לעבעדיק, פונקט ווי אַ געזונ־טער לעבעדיקער וויל זיין לעבעדיק און נישט טויט. דאַפאַר איז קונסט—דעגענעראַציע. טאַלאַנט וואָס שטרעבט צו פאַרלעבעדיקן דאָס טויטע איז אַ קרענק, אַן אַנשיקעניש. מיט אַ מעסער דאַרף מען עס אויסשניידן. איר הערט?—מיט אַ מעסער! אַ שטומפּיק מעסער באַ אייך, מוישע נאַדיר. נישטאָ באַ אייך קיין שאַרפערס?

איך האָב אים דערלאַנגט אַ שאַרפער מעסער. ער האָט צעשניטן אַפּן טעלער וואָס ער האָט באַדאַרפט און ער האָט געזאָגט: „אָווא, שוין באַלד זעקס! נאָר איך איַל מיך נישט. „ס ע ק ס"—דאָס איז די קלאָלע פון אונזער צייט, מוישע נאַדיר. מיר סעקסירן זיך אוים אין ווערטער, אין דער עפנטלעכקייט. דאָס טויג נישט. ס'איז איינס פון די ביידע: סעקס איז אָדער אַ סאָד, אָדער נישט. ס'איז אָבער נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אַן אַכטל סאָד. נע־ספּאַ? אייגנטלעך גייט עס בלויז אין איינע צוויי ווערטער. ווען מ'זאָל קענען זאָגן אָפן אָט די צוויי ווערטער (און עפּשער אויך דאָס דריטע וואָרט—די אַק־ציע), וואָלט אוועקגעפאַלן דריי־פערטל פון דער גאַנצער וועלט־ליטע־ראַטור. וואָס וואָלט דעמאָלט געהאַט צו טאָן, לאָמיר זאָגן, מאָפּאַ־סאַן? אָקטאַוו מירבאָ? דזשיימס דזשאָיס? איבער גאַנצע בערג מיט ליטעראַטור שפּאַנען מיר אריבער, בלויז קעדיי אויסצעמיידן די צוויי־דריי ווערטער. לוינט זיך? איך פרעג אייך? זאָל מען די צוויי ווער־טער אַרויסרעדן און אַ סאָף זאָל דאָס נעמען. זאָל מען באַפרייען די גרויסע באַהאַלטענע ענערגיע פון דעם מענטשן, איבער וועלכע יענע צוויי ווערטער זענען ווי אייזערנע פּאַקרישקעס, וועט ער קענען אויס־נוצן זיין קויעך אַף עפּעס גרעסערס—אַפילע אַף רעוואָלוציע, יאַ־אַ. אָט נעמט, צומביישפּיל אַזאַ זאַך ווי דאָס טעאַטער. (כריין האָט איר? דערלאַנגט, כ'בעט אייך). אַלע שרייען דאָס אידישע טעאַטער גייט אונטער. קריטיקער קראַצן די סייכלס זייערע און גיבן־אַן אַזוינע און אַזוינע טירוצים. קיינעם פאַלט נישט איין, אַז דאָס טעאַטער גייט אונטער דערפאַר, וואָס די קליידלעך זענען קערצער גע־וואָרן באַ די פרויען. איר מעגט לאַכן, אָבער ליגט צו גוט די אויגן, וועט איר אַליין זען, אַז איך בין גערעכט. אַז די קליידלעך זענען געווען לאַנג, און מ'האָט קיין נאַקעטן פרויען־פוס נישט געקענט זען

אכוץ באם אייגענעם ווייב (אָדער ערגעץ אנדערש) איז מען געווען „פּארקאָכט אין דער דראמאטישער קונסט”. אָבער איצט ? לכיטבילע האָבן די קורצע קליידלעך אונטערגעגראָבן די בורלעסק־טעאַ־טערס, דערנאָך האָט דאָס אָנגערירט אויך די אָפּערעטע, איצט האָט דאָס גענומען דערהארגענען די דראמע. די יאָלדוינים מיינען, אז אידן גייען אין טעאטער צוליב פּיעסן. א 30 פּראָצענט, זאָג איך אייך, פון אַלע אידישע טעאטערגייערס, גייען שטענדיק נאָר אין יענע טעאטערס וואו עס זענען פאראן בעסערע... אָפּטריטן. אנדערע (יונגערע) גייען צוליב דעם, וואָס אין טעאטער איז—פינצטערער ווי ערגעץ אנדערש. דער קליינער טייל מענטשן וואָס איז ביז איצט געגאנגען זען די דראַ־מעס טאָקע, גייט איצט אין באָד אריין. דער פאקט איז, אז די גאנצע בעסערע אידישע דראמע טראָגט זיך איבער אין געוויסן באָד אריין אף דילענסי סטריט. ס'איז קיין כידעש נישט. אידן האָבן שטענדיק ליב געהאַט שוויצן אין טעאטער. און אויב שוויצן, איז כאָטש שוויצן סאַניטאריש. פריער זענען אידישע אַקטיאָרן אוועק צו די גויעם, איצט אָבער איז געבליבן נאָך א וועג: אין באָד אריין. אגאוו איז נישט אַלע מאָל עמעס, אז אידישע אַקטיאָרן גייען אוועק צו די גויעם. נעמט, צום ביישפּיל אייער פריינטל יאָסל קאָטלער, וואָס איז איצט מיט דער „ניו פּלעירייטס טעאטער”. קאָן מען זאָגן אַף אים, אז ער איז אוועק צו די גויאים ? ניין. ער איז אוועק צו... די שיקסעס.

איצט גיי איך שוין. אדיע. שלעכטע עסנס באַ אייך. וואָס זוכט איר זיך נישט אוים א בעסערע קווארטיר ?—אָדער אויב ס'איז אָן אייגן ווייב, געט זי אָפּ און נעמט אַן אנדערע—אַזאַ וואָס קאָן גוט קאָכן. שאַ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן ? דאָס וואָס איר שלאָגט נישט איבער די רייד איז זייער גוט. איך האָב געמיינט, אז אירט איבער־שלאָגן. איבעראכטאָג מאָנטיק וועל איך ווידער קומען צו אייך — אַזוי אז איר זאָלט קענען האָבן פּארטיק אייער ארבעט אף מיטוואָך. קיין געלט וועל איך באַ אייך נישט נעמען. איך האָב מער פון אייך. ווי אַזוי איך האָב געמאַכט מיין געלט, דאָס איז זיך א באַזונדער מיי־סע. מירן נאָכאמאָל קומען דאצו. שאַ־יאָ. וועגן מיין מיסיע. וואָס טו איך אין אמעריקע ? ווער האָט מיך געשיקט ? מיט וועמען קער איך מיך אָן פּאָליטיש ? דאָס וועט איר אַלדינג געוואָר ווערן שפּע־טער. דערווייל קען איך אייך בלויז זאָגן, אז דער הויפּט־מאָטיף פון מיין קומען קיין אמעריקע איז... גרעיפּ־פרוט, א פּיירי, וואָס מען קען נישט קריגן אין גאנץ איירָאָפּע. און וואָס מיינט איר ? ס'לעבן האָט נישט צופיל גוטע זאכן, אז מ'זאָל קענען אויסלאָזן אַזאַ טייערע

פרוכט. שיינע פּיסאַזשן, הויכע פּאָליטיק, געשמאַקע פּרויען—דאָס איז נאַרנישט. דער מענטש זעט און פאַרשטייט מער מיטן גומען ווי מיט אַלע אַנדערע כושים. דאָס דערקלערט שוין בעמיילע די פּערווערזע זאַכן וואָס גייען אָן אין די פּאַריזער נאַכטהייזער. אינגיכן פאָר איך קיין אַרגענטינע טרינקען מאַטע. פון דאָרט פאָר איך קיין אַרמעניע עסן שישקעבאַב. און אַזוי קעסיידער. ביז איכל האָבן דורכגעמאַכט מיין וועלט־רייזע. דאַצו העלפט מיר זייער אַ סאַך דאָס וואָס איך קען רעדן אידיש. ווארין אידיש איז היינט צו טאָג קימאַט די איינציקע שפּראַך אין דער וועלט, אף וועלכער מען האָט געוויינטלעך אף היי־צאָעס. ווי מיינט איר, מוישע נאַדיר, איך בין געניאַל? צי אַן אי־דיאָט? צי אַלע ביידע? שעמט איך נישט פאַר די לעזער—אַ גע־שעפט האָט איר מיט זיי. אַ לעזערס געהירן איז ווי אַ טשעמאַדאַן. מי דאַרף אים נאָר אָנפילן און נעמען אין דער האַנט אַריין, איז ער גרייט מיט אייך מיטצופאָרן. איבריקנס, ווי זאָגט מיין שוואָגער פּיצצעלי (ער זייער אַ קליינער, האָט מען אים אין דער טכילעס גערופן „פּי־צעל", „פּיצעלע", נאָר דערנאָך, אַז ער איז אַוועק קיין וואַרשע און געוואָרן אַ דיכטער, האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבן פּיצצעלי—מיט צוויי צאַדיקן). פּיצצעלי זאָגט: „אַ שייטל האָלץ איז טאָמיד שטאַר־קער פון אַ שייטל איוורע". אַזוי זאָגט פּיצצעלי. ער זאָגט נאָך אַנ־דערע זאַכן אויך — אָבער מירן זיי באַהאַלטן אף איבעראַכטאָג. באָן זשור. דאַסווידאַניאַ. סי יו נעקסט מאַנדעי.

2

מאָנטיק זייגער 5, צו־דער־מינוט, איז ער געקומען צוגיין, ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט.

ער איז געבליבן שטיין אף דער שוועל פון מיין שטוב, מיט אַן אויפגעקלאַפּט גאָלדן זייגערל אין דער האַנט, מייסע פּראָפעסאָר, אַ מאַך געטאָן „ריכטיק", זיך געטאָן אַ גלעט איבערן דינעם, שטאַרק־פאַרקעמטן „שרינט" און געזאָגט:

מאַכט מיר אַ גלאָז קאַלטן לימאָנאַד, זייט אַזוי גוט. און מיר'ן זיך נעמען צו דער אַרבעט: איך—מיט דער צונג, איר מיט דעם שטיקל פּען אייערן.

... איך האָב געזען, אַז איר האָט אָנגערופן אונזערע שמועסן מיטן טיטל „דער געניאַלער אידיאָט". מיינט איר, אַז איך בין ברויגעז אף אייך דערפאַר? זאָל מיר אָסור זיין. איך בין געניאַל געגוג נישט קיין מוירע צו האָבן פאַר דעם נאָמען אידיאָט. און איך בין אידיאָט געגוג, צו נעמען מיין געניאַליטעט ערנסט—דער ע מ ע ס ע ר גע־

ניע. שטרייכט מיר אונטער די לעצטע צוויי ווערטער, איך בעט אייך. ווייל דאָס איז זייער גוט געזאָגט.

... „קאָן מעם", ווי דער פראַנצויז זאָגט. זאָל זיין ווי סע וויל. דער עמעם איז, אַז מיט דעם נאָמען „געניאַלער אידיאָט", וואָס איר האָט געשטעלט אַף אייער נייער סעריע מיט פעליעטאָנען טוט איר זיך אַליין מער שאָדן ווי מיר. איר פאַרמעסט זיך צו קליין, צו ענג. ווען איר זאָלט מיך רופן נישט „געניאַלער אידיאָט", נאָר מיט אַ פּאָר־שעטען מענטשלעכן נאָמען, וואָלט איר פון מיר געקענט מאַכן אַ סאַך מער קאַפּיטאַל. אַזוי שטייט איר צישן צוויי פייערן: זאָגן קלוגע זאַכן? וואו־זשע איז דער אידיאָט? ווידער־זשע זאָגן נאַרישקייטן— ווּעמען גייען זיי אָן? בלייבט אייך צו גיין אַף אַ דראָט.

.... און עפּשער איז בעסער אַזוי. איר האָט אַמאָל באַמערקט, נאַדיר, ווי אַזוי אַין צירק, אַז אַ מענטש גייט אַף אַ הויכן דראָט, און אַז ער גייט אריבער בעשאָלעם מאַכן אַלע „אַה־ה". וואָס ליגט, מיינט איר, אין דעם־אָ „אהה"? אַ פריידּ וואָס דער דראָטן־גייער איז אריבער בעשאָלעם און נישט געבראָכן דעם קאָפּ? ניין, פאַרקערט, עס איז אַ געשריי פון אנטוישונג: „אהה, ער האָט נישט געבראָכן דעם האַלזינאַקן, דער פּאַריך".

„קיצור: „אמבאַ מעליאָרעם"—ווי מע זאָגט אויף לאַטיין. איי־נער איז נישט בעסער פונם אַנדערן. נישט מער: איר, מוישע נאַדיר, זענט ווי אַ צעלעבצט פאַס פון ווייַן, מיט איין רייף פון אונטן. מוז אָט־די איינע רייף כאַטש זיין אַ פעסטע. איך בין אַ פּאַשעט פעסל פון באָרטשט נאָר מיט אַ ל ע רייפן. און טאָמער איז איין רייף שוואַכער, איז אויך נישט געפערלעך.

... וואָרין צו וואָס איז דען אַ הייַנטיגער מענטש מער שקלאַף ווי צו פרייהייט? ווי אין אויג אַ שטאָך—אַזוי מוז מען עס שטענדיק היטן.

... איך? נידריקסטער לאַקיי, עמעסער שקלאַף צו זיך אַליין. איך באַדין מיך זעלבסט, ווי אַ קאַיזער. איך באַדין אַנ־דערע אויך,—כ'שמייכל, איך כאַנפע, מאַך מיך אָפּט קלענער קעגן אַ גרעסערן, ווייל איך בין גרעסער פון אים און מיך אַרט דאָס נישט. דערפאַר מאַך איך זיך מוישה־גרוים קעגן נידריקע און פּראָסטע מענטשן. בעאַטום קווי טענעט! גליקלעך איז דער וואָס באַזיצט אַזוי־נע מיילעס. איך בין אַ קנעכט צו אַלעמען און צו אַלצדינגג. איך קען מיך בויגן אהער, איך קען מיך בויגן אהין. איך בין עלאַסטיש. צו אַלע־מען בין איך אַן עוועד־קנאַני, אַלעמען דין איך—אַלעמען, נאָר נישט מיין סייכל. יענער מוז דינען נאָר מ י ר אַליין!

וואָס טויג מיר די קונצן מיט די שיינקייטן פון אַ שיינעם און גרויסן סייכל, וואָס אַרבעט פאַר זיך אַליין, און דער באַלעבאָס זיינער ווערט פון אים אויסגעריסן?

ווי אַזוי איך בין רייך געוואָרן? דאָס איז צו דערציילן און צו דערציילן. איך וויל אייך אָנכאַפּן בלויז איינע פון מיינע פּאַרטלען. דאָס איז געווען בא אייך אין אַמעריקע טאַקע, מיט אַ 15 יאָר קריק. איך בין דעמאָלט געהאַט געקומען צו־גאַסט אויף עטלעכע טעג, און גע־בראַכט מיט זיך: קונסטוועַרק. יאַ־יאַ, קונסטווערק! לאַכט נישט. וואָס איז קונסט־ווערק? קונסט־ווערק איז אַ זאַך, וואָס יעדער שלי־מאַזאַלניק קען מאַכן, אָבער נאָר אַ פּיאיקער מענטש קען פאַרקויפן. אין דעם ליגט די קונסט. אַזוי ווי אין פּיעסן. וואָס איז שרייבן אַ פּיע־סע? גאָרנישט. אָבער פאַרקויפן אַ פּיעסע? אוי, וויפיל כאָכמע מע דאַרף דאָצו האָבן, וויפיל מענטשן־קענטעניש.

... אַקיצער, איך דריי מיך אַזוי אום דאַונטאַון, אין דער וואָל סטריט געגנט, וואו די בערזע געפינט זיך. מיט מיר גייט־מיט מיינער אַ פריינטל, אַ געריבענע ליולקע. ריידן מיר אַזוי וועגן דער בערזע, וועגן אַקציעס. מאַכט ער צו מיר: „דו ווייסט עפּעס וועגן אַזוינע זאַכן?” זאָג איך: „ווייסן ווייס איך נישט, אָבער אַז איך וויל קען איך ווייסן. „ווי אַזוי?” „אָט־אַזוי!”

איך גיב אַ קוק דעריך (שרייבט טאַקע דעריך, נישט „דורך”—דורך איז דייטש!) איך גיב אַ קוק דעריך די צייטונג—אַזוינע און אַזוינע אַקציעס, מיט אַזוינע און אַזוינע נעמען שטייען היינט בא אַזאַ־און־אַזאַ פּרייז. גוט! דערווייל ווי איך קוק אַזוי אין דער צייטונג, באַווייזט זיך עפּעס אַ וואַזשנער מענטש, מיט אַ שיינעם גרויען קאָפּ, אַ „צוויקער” אויף אַ שוואַרץ בענדל.

„דו ווייסט ווער דאָס איז?” זאָגט צו מיר מיין פריינט. „ווער?” „ס'איז דער קופּער־קעניג”. „טאַקע?”, זאָג איך, „דער קופּער־קעניג? אויב אַזוי דאַרף מען זיך מיט אים אַ באַקענען טאָן!” און פּוּפּטערניע גיי איך טאַקע צו צו דעם גרויסן באַנקיר, דעם קופּער־קעניג, דערלאַנג אים מיין וויזיט־קאַרטל, וואָס איז נישט געדרוקט, נאָר אויסגעקלאַפּט. אָמבאָסירט, און האָט אויף זיך אַ הערב: אַן אַדלערל. וואָרין אַ קלאָל האָב איך, אַז אַ מענטש קען זיין ווער ער וויל, האָט ער נאָר אַ רייך־געדרוקט קאַרטל מיט אַ הערב איז ער... געראַטעוועט.

דערלאַנג איך אים ס'קאַרטל מיט דער אויפשריפט אין ענגליש „בער־איל מק'פאדן (בערל פאַדענמאַכער, הייסט דאָס!) הויפּט־לי־פעראַנט צום ברוזיאַנישן קעניג” (סי איז גאָר אַזאַ קעניג נישטאָ אויף דער וועלט!). קוקט ער עס אָן פאַרכידעשט, דער קופּער־קעניג, און

מאכט צו מיר: „איז וואָס־זשע פאַרלאַנגט איר?" זאָג איך: „פאַר מיר אַליין פאַרלאַנג איך גאָרנישט. איך וויל אייך נאָר", זאָג איך, „וואָרענען, אַז איר זאָלט איבערמאָרגן נישט קויפן קיין פּעטראָל, ווייל סי וועט פאַלן אין פּרייז". שמייכלט ער, דער באַנקיר, דאַנקט מיר אָן אַ פּול היטל, קלוימערשט, און דאָס שמייכעלע הייסט: „שוויטע בען פּיקאָליע, מיר גייסטו דערציילן וועגן וואָל־סטריט, וועגן אַקציעס? מ י ר — דעם קעניג פון קופּער?"

און אַז איך בין פאַרטיק מיט דעם באַנקיר מיט מיינעם, מאַכט צו מיר מיין פריינטל:

„דעם קופּער־קעניג גייסטו בלאָפן? כ'על דיר זאָגן דעם עמעס, זאָגט ער, פאַר אַזאַ נאַר האָב איך דיך נישט געהאַלטן."

זאָג איך אים: ביזט שוין פאַרטיק, האַ? הער־זשע אויס, ברודערל, וואָס איכל דיר זאָגן, זאָלסטו האָבן אַ קלאָל, זאָג איך, אַז ערשטנס, וואָס מער סויכער אַלץ מער... יאָלד. עמעס, אין קופּער איז ער טאַקע אַ קעניג, אָבער אין בליי, צי אין זילבער, צי אין פּעטראָל, קען ער זיין גרין ווי גראָז, און רוי ווי אַן אוגערקע. האָבן מיר איינמאָל אַוועק! צווייטנס: פּעטראָל־אַקציעס, ווי אַלע אַנדערע אַקציעס, האָבן אַ טעווע, אַז אָדער זיי פאַלן, אָדער נישט. איז מימוניפשעך: וועלן זיי נ י ש ט פאַלן, וואָס האָב איך דאָ אָנגעוואוירן? איך בין דער איינציקער בערזע־מעקלער וואָס טרעפט נישט? טאָמער אָבער יאָ, טאָמער מאַכט זיך, אַז פּעטראָל פאַלט אין פּרייז, אַקוראַט איבערמאָרגן— בין א י ך דער כאָכעם, דער קאָפּ־מענטש, וואָס מע דאַרף זיך מיט מיר באַקענען פּערזענלעך.

— און וואָס איז געווען דער סאָף?

—דער סאָף איז געווען, אַז פּעטראָל האָט זיך מיאַשעוו געווען מיט צוויי טעג שפּעטער און דערלאַנג אַ פאַל־אַראָפּ, אַז מע האָט געקענט הערן אין מאָסקווע. און דער שפּיץ פון דעם־אַ סאָף איז געווען, אַז אַזוי גיך, ווי דער קופּער־קעניג האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז עפּעס אַ איד מיט אַ לענג־לעכער נאָז און מיט אַ פיין קאַרטעלע האָט אים טאַקע געוואָרנט פאַראויס, אַז סע וועט אַזוי זיין. האָט ער אַ זוך געטאָן אין קעשענ־קעלע פון זיין וועסטל און געפונען ס'קאַרטל, און מיר אָפּגעטעלעפאָ־נירט, איך זאָל קומען צו אים אין אָפּיס אריין. און אַז איך בין געקו־מען צו אים אין אָפּיס אריין, האָבן מיר זיך צערעדט וועגן וועלט־זאַכן, און וועגן די באַלקאַנען, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז איך האָב פּופּצן האַרטע טויזנטער, און נישט ווי קיין שלעפּער, אַ מעקלערל, אים פאַרקויפט אַ שמאַטע אַ „קונסט" בילד—און אויסגענאַרט בא אים

נאָר ווי מע זאָגט אויף לאַטיין: מ א ג נ א   ק ו ם   ל א ו ד ע — מיט גרויס קאָוועד, מיט ווירדע.

... איר ווייסט, מוישע נאַדיר? אַלבערט איינשטיין איז טאַקע, ווי מי זאָגט בא אייך, אָלרייט. אַלצדינג איז רעלאַטיוו. נעמט, לע־מאָשל, אַזאַ זאַך: איר קריגט פון דער „פרייהייט" נישט קיין געלט. איז דאָך שלעכט. א־יאָ? דערמאָנט־זשע זיך אָבער אין די 6 מענטשן, וואָס זענען דערשטיקט געוואָרן אין דער סובמארין, און—איר זענט שוין ווידער א מינארך! אָלרייט, טראַכט איר, איז נישטאָ פון וואַנעט צו צאָלן קיין דירע־געלט, אָבער—אָקסידזשען, זויערשטאָף, הייסט דאָס, האָט איר דאָך גענוג. וואָס טוט איר, וואָס אַכוץ וואָס איר שרייבט פאַר דער „פרייהייט" — פעלט אייך נאָך אויס זויער־שטאָף אויך? אַ שיין פּאָנים וואָלט איר דעמאָלט געהאַט.

... איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז כאָטש איך קער מיך אָן מיט לייזערעליען אַ שטיקל קאָרעוו, פונדעסטוועגן אַז איך וויל ראַ־טעווען די וועלט, וויל איך עס נישט טאָן א ו מ ז י ס ט. אַי, אַ מענטש טרענקט זיך? איז ערשטנס: נו, טרענקט ער זיך! ווער האָט אים געהייסן? צווייטנס, דאַרפן אים ראַטעווען באַזונדערע מענטשן, ספּעציאַליסטן. איך קען אים דערוויל פאַרבאַווען די צייט מיט דעם, וואָס איך וועל אים שפּילן אַף דער פליוט. (איך שפּיל זייער נוט אַף דער פליוט!). היינטיקע צייטן איז אומעטום סאָציאַלי—לאָ־מיר כאַפּן דעם אָטעם! — ...זאַציע. אין בערלין בין איך געווען מיט עטלעכע וואָכן קריק, גיי איך אריין אין אַ רייכן רעסטאָראַן און באַ־שטעל לעבערלעך פאַר פאָרשפּייז. מאַכט צו מיר דער קעלנער: „אויב לעבערלעך, הער דאָקטאָר, וועט איר זיך מוזן ווענדן צום לעבערלעך־קעלנער". ווענד איך מיך צום לעבער־קעלנער, מאַכט ער: „סאָרא לעבער־לעך ווינטשן זי, הער פּראָפּעסאָר?" זאָג איך אים: „געגזענע!" זאָגט ער: „אויב געגזענע, וועט איר זיך מוזן ווענדן צום ספּעציעלן קעלנער פון ג ע נ ז ע נ ע   לעבערלעך. איך בין בלויז אַף הינערשע". קומט צוגיין דער ספּעציעלער קעלנער פון די געגזענע לעבערלעך, מאַכט ער: „ווי אַזוי ווינטשט איר אייערע לעבערלעך, הער געהיימראַט?" זאָג איך: „געהאַקט און מיט שמאַלץ". מאַכט ער: „אויב געהאַקט און מיט שמאַלץ, וועט איר זיך מוזן ווענדן צו צוויי ספּעציעלע קעלנער—איינעם אַ   ג ע ה א ק ט ן, און איינעם אַ באַשמאַלצענעם... איך אַליין, מאַכט ער, ספּעציאַליזיר מיך אַף   ג א נ צ ע   געגזענע לע־בערלעך און אָן שמאַלץ".

... איז יאָ, וועגן דעם, ווי אַזוי צו ראַטעווען מענטשן פון סוב־מארינעס. איך הער, מע גיט אַלערליי אייצעס: שטאָלענע „אויערן"

אַף אונטערצוהויבן די שיף מיט שטריק, אין פאַל פון אַן איס־צאָרע, רערן אַף ארייננצולאָזן לופט, פאַנטונס און ענלעכע אייצעס־טויוועס, וואָס טויגן אַף קלאָגן. מיין אייצע איז זייער אַ פּראָסטע און איז שטארק געקאָפּיראַיט אין וואשינגטאָן, און געזעצלעך געשיצט אין אַל־באַני — היינו אַזוי: ווען פּאַסירן צומייסט אומגליקן מיט די סוב־מארינעס? ביים אַראָפּלאָזן זיך אין וואסער. נע־ספּאַ? גוט. וואָס־זשע טוען מיר? טוען מיר אַזוי: וויבאַלד אַ סובמארין וויל זיך אַרונטערלאָזן אונטערן וואסער, האָבן מיר פון פריערט אָנגעגרייט 6—5 גרעסערע שיפן, אַף יעדער שיף זיינען דאָ פון 80 ביז 110 מענטשן. אַזוי גיך ווי די סובמארין גיט אַ סיגנאַל, אַז זי איז גרייט אונטערצוטויכן, שטעלן זיך אוועק אַלע מענטשן אַף די 6—5 שיפן און הויבן־אויף אַ גוואַלד, אַז די סובמארין זאָל זיך נישט דער־וועגן אַרונטערצולאָזן, און מע ראַטעוועט אַפּ די סובמארין.

...אָבער וואָס קומט אַרויס פון די אַלע קלוגע אייצעס מיינע, אַז קיינער וויל פאַר זיי נישט באַצאָלן? די וועלט ראַטעווען? נישט דערלעבן וועט זי עס! ווער איז מיר די וועלט? די ערד? טויזנט מייל ערד שטייען גרייט און וואַרטן, איך זאָל צומאַכן אַן אויג—זיי זאָלן מיר אַ כאַפּ טאָן און פון מיר מאַכן שטויב. סאַדיסטיש איז די ערד. פאַר יעדן ברעקל ברויט דאַרף מען זי קיצלען אין די ריפּן מיט אַן אַקער, איר דערלאַנגען איבערן מויל מיט אַ בראָן. איינגעבויגן מוז מען גיין צו איר נאָך דעם שטיקל ברויט... אייביקייטן שטייען גרייט מיט זייערע מעשענע שטיוול אַריבערצוגיין איבער אייער קייווער. ווילדפרעמדע ווינטן, וואָס ווען איר זעט זיי היינט, וואָלט איר מיט זיי נישט גערעדט, וועלן פונדעסטוועגן פייפן איבער אייער מאַצייווע.

אָך, דער טויט. דער גוטער יאָר זאָל אים נעמען! נאָך גוט, וואָס שטענדיג שטאַרבן א נ ד ע ר ע מ ע נ ט ש ן, און נישט מ י ר. ווען מ י ר זאָלן אויך, כאַלילע, נעמען און געבן אַ שטאַרב־אַפּ, וואָלט געוועזן גאָר פּאַסקודנע.

יאָרצייטן? אָט איז אונז אין די לעצטע יאָרן צוגעקומען אַ מאַ־סע יאָרצייטן: מענדעלי יאָרצייט, פּערעץ יאָרצייט, שאָלעם־אַליכעם יאָרצייט, גאָלדפאַדען יאָרצייט, נאָמבערג יאָרצייט און אַנדערע יאָר־צייטן. איך רעד שוין נישט פון די אייגענע יאָרצייטן, וואָס מע האָט נאָך טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער, קינדער, פרויען. איך שטעל מיר פאָר, אַז אין אַ 200 יאָר אַרום וועט יעדער טאָג זיין אַ יאָרצייט, און אַלע פעלקער וועלן אַרומגיין טאָג־און־נאַכט און וויינען און מאַ־כען העספּיידים. אַ גרויסער, שטענדיקער, פאַראַדנער טרויער וועט

ארומכאפן די וועלט. און אייערע ווערק־האקדוישים וועט קיינער נישט האבן קיין צייט צו לייענען.

... אביסל צו גרוים ארויסגעקומען דער היינטיגער פעליעטאן. אבער סע מאכט נישט. דער איקער איז צו מאכן די ערשטע פאר איינ־דרוקן. שפעטער־אהין וועט איר שוין קענען אפנארן אביסל, געבן א פאלשע וואג. ווי מיין פריינט מארים מעטערלינק זאגט: „דאס רעדן קער זיך אן מיט דער צייט. אבער דאס שווייגן קער זיך אן מיט דער אייביקייט". אט א שרייבער, דער מעטערלינק! און מיט וויפיל פוסטע־וויכטיגע זאכן שטופט ער אן אייער מויעך? פונקט ווי דער מענטשלעכער גערדאנק וואלט געווען נישט קיין פייער־פויגל, נאר א לאסט־אייזל.

... און איר מיינט, אז איר זענט א געבילדעטער מענטש, נישט וואר? זאג איך אייך, אז איר האט א טאעס. וואס קענט איר מיר טאן? בייז ווערן? מיך ארויסווארפן? וועט איר איבעראכטאג מיטוואך נישט האבן קיין פעליעטאן! מוזט איר טאקע ליידן און שווייגן און הערן ווי איך זאג אייך, אז איר ווייסט אזוי ווייניג, אז ס'א שרעק. אט לעמאשל, וואס ווייסט איר וועגן... בערדיטשעוו? הא? בא אייך איז בערדיטשעוו די שטאט, וואס שאלעם־אליכעם האט באשריבן, און וואו מאקס גאלדפארב איז אמאל געווען א מין גובערנאטאר. אבער אז בערדיטשעוו איז די שטאט וואו ב א ל־ז א ק ה א ט כ א ס ע נ ע ג ע ה א ט מ י ט מ א ד א ם ד ע ה א נ ס ק ע — דאס ווייסט איר נישט!

איר ווייסט מיסטאמע אויך נישט (פון וואנען זאל איר דאס וויסן?) אז צ י ב ע ל ע איז אכוץ א ציבעלע, אויך די געטין פון פרוכטיגער ערד?

— און אז מעקסיקא ווערט ארויסגערעדט ווי מ ע כ י ק א — ווייסט איר?

און צווישן 12 און 1 באטאג גייען אין מ ע כ י ק א נישט קיין באנען, ווייסט איר מיסטאמע אויך נישט?

אז „גוילאם" איז נישט קיין העברעאיש ווארט — איז אייך אמאל איינגעפאלן?

און דאס ווארט „נעביך", וואס ווערט מיט אזא ברייטער האנט גענוצט אין דייטש — פון וואנעט, מיינט איר, נעמט זיך עס? עס נעמט זיך פון די סלאווישע ווערטער „ניע דאי באג". פון ניע דאי באג איז געווארן „ניע באג, ניע באך, נעבאך, נעביך!"

... מיט דעם־א עפעקט קענט איר טאקע ענדיגן. ווי דער לאטיי־

נישער מענטש זאָגט: דאַצענדאַ דיסצימוס — פון לערנען אַנדערע לערנסטו זיך אַליין.

3

איך קען נישט אָנקוקן די מענטשן, וואָס האַלטן, אַז צו ריידן וועגן וועטער איז אַ באַנאַליטעט. מיין גאָט און האַר, וואָס קען זיין וויכטיגער, ווי דאָס וועטער? וואָס האָט נאָך מער צו זאָגן אויף אונזערע שטימונגען, אונזערע וועלט־אויסבליקן ווי דאָס וועטער? גיט מיר אַ שיינעם טאָג מיט אַ סאַך זון, אַ קילבלעך ווינטל, אַ פּאָר דעם גרינגם פאַרן אויג, אַ ביסל מיידלווארג פאַר די ליפּן, און איך וועל אייך אָוועקגעבן אַלע מעטאַפיזישע טיפקייטן, אַלע קלוגע ביכער. דאָס קליינע ווערימל, וואָס סע הייסט „מאָל", (אויף גאַליציאַניש: „מויעל") גראָבט זיך אין אַלע ביכער־בלעטלעך. ווער געווינט? סאָקראַט, צי דאָס ווערימל? שפּינאָזאַ, צי די צייט, וואָס פאַרברענט אַלדינג?

דער גענ־אַלער אידיאָט האָט צוגעלייגטביידע הענט צום מויל און אַ געשריי געטאָן „געוואַלד!" איך האָב מיך אַזש דערשראָקן.

— איר פאַרשטייט, — האָט ער געזאָגט, — ווען עס זאָל, לעמאָשל, אָנכאַפּן זיך בא אייך אין שטוב, לאָמיר זאָגן, אַ פאָרהענגל, וואָלט איר, אָן סאָפעק, געשריגן „געוואַלד!" אַלע, וואָס וואָלטן געשטאַנען און צוגעקוקט, ווי ס'פאָרהענגל ברענט און ס'איז אַ געפאַר, אַז דאָס פייער וועט פאַרכאַפּן די פּוטרינעס פון פענצטער, דערנאָך ס'גאַנצע הויז,—וואָלטן געמאַכט קוילעס, געליאַרעמט, געשיקט נאָך פייערלעשער. מע וואָלט געקלונגען מיט די גלעקער, „נאָ־גע־וואַלט" — עס וואָלט זיך געטאָן אַ ביסל! אָבער אַז איך זאָג אייך די וועלט ברענט, די צייט איז ווי פייער איבער אונז—אַ גרויסע סריי־פע איז איבער אונזערע קעפּ, אונטער אונזערע פיס, אין אונזערע איינגעווייד, אין די הויטן פון די אויגן, אין די פייקלעך פון די אויערן, אין יעדן נערוו, אין יעדן טראָפּן בלוט אונזערן — און אַז איך וואָלט מיך אָוועקגעשטעלט בא אייך אַפּן גאַניק און גענומען שרייען „געוואַלד", וואָלטן מיך געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם, כאָטש דאָס פייער, די צייט, איז אַ סאַך גרויזאַמער, ווי דאָס פייער אויף אַ ברעג פאָרהענגל, בא אַ ווינטיק פענצטער.

— אביסל שנאַפּס האָט איר נישט? דערלאַנגט, זייט אַזוי גוט. וועל איך מיר אונטערשלאָגן דעם האַלז מיט פּוטער, און די ווערטער וועלן אַרויסקומען וואַרימער, גלאַטער.

...נישטאָ? איר דאַרפט זען בא מיר אַ וואוינונג! 3 צימערן אין

א פיינעם האָטעל, א וואַנע אין דיל אַריינגעזעצט. א נאָדל־שפּריץ. שטילע טעפּיכער, וואָס לעקן די טריט, ווי א וואַרשעווער מעקלער. אין די ווענט — פלעשער פון גרינלעכן קרישטאָל. די שטאָ־פּיקעס פון די פלעשער זיינען טיפע און אויסגעהוילטע,—דינען פאַר נלעזער. איבער די שטאָפּיקעס — זילבערנע שרויף־דעקן, האַלטן די פלעשער סאַניטאַריש. אַלדינג נעט, פּינקטלעך. וואָרין דער איקער איז אָרדנונג: סיסטעם, כעשבן. בלאָנדע אום זומער, ברונעטע — אום ווינטער. און יעדן מאָל פאַרשריבן. אין די קליינע העפלעכקייטן נישט פאַרגעסן. נאָך דער „ליבע“ טאָר מען קיינמאָל נישט פאַרגעסן צו זאָגן דער דאַמע „א דאַנק!“ און זי דאַרף ענטפערן „א, לאָז אייך וואויל באַקומען!“

...העפלעכקייט איבער אַלעם! ....

א העפלעכע „מדינקע“ ווי אַמעריקע, לעמאָשל, פאַרגעסט נישט צו דאַנקען דער „נאַציאָנאַלער גוואַרדיע“ פון ניקאַראַגואַ דערפאַר, וואָס זי האָט זיך פאַרקויפט צום סוינע, אוים ריינער ליבע — פאַר אַזויפיל און אַזויפיל דאָלאַרן.

סי מאַכט נישט אוים, וואָס דאָס מיידל רעכנט מיט א טולער־צוויי מער ווי אַן אַנדערע, אבי ס׳איז ריינע ליבע.

...איך זע, מוישע נאַדיר, אַז די אַמעריקאַנער, אַלס א פאָלק, הויבן זיך אָן אויסגרינענ, וואַרפן אַוועק די אַלע עטישע פּלי־טערלעך, פון דער צייט ווען אַמעריקע איז נאָך געווען יונג און „גרין“ און יווישערדיג־ברוטאַל. דעמאָלט האָט מען געהאַלטן, אַז סע פּאַסט נישט, אַז א גרויסער, געזונטער יונג, זאָל זיך שטעלן שלאָגן מיט א... מלופן־קינד. שלאָגן? יאָ, פאַרוואָסנישט? אין שלאָגן אַליין ליגט שיינקייט! ...אָבער „פעיר פּלעי“. שלאָגט זיך מיט דיינס גלייכן!

היינט האָט זיך אַמריקע עוואָפּייאיזירט. דאָס איז א גוטער סימען. אַמעריקע וואַקסט, ווערט א לאַנד צו גאָט און צו לייט. אַזאַ לאַנגער „מאָצעשאַבעס“ ווי אָנקל סעם שטעלט זיך היינט שלאָגן מיט אַזאַ פּיצל „שקאָץ“, ווי... ניקאַראַגואַ. אוים סענטימענטן, אוים איי־דעלקייט, אוים „רולס אָוו די געים“. ווי אין לאַטייניש פּאַסיק שטייט: אודענטעם דעאוס יובאַט, דעם דרייסטן העלפט גאָט!

...אַגאַוו: האָט איר באַמערקט דעם כילעק צישן סאַנדינאָס ביקסקוילן און די אַמעריקאַנישע? די ביקסקוילן פון סאַנדינאָס אַרמיי טרעפן שטענדיק אומשולדיקע מענטשן„ וואָס שטייען אין דער זייט און קוקן, בעים אַמעריקאַנישע קוילן האָבן א טעווע, אַז זיי טרעפן נאָר די „באַנדיטן“, — קיין זייטיקע מענטשן טרעפן זיי נישט!

...דאָסזעלבע וואונדער האָט זיך באַמערקט אין וועלט־קריג

א ו י ך, אויב איר געדענקט. דייטשע לופט־באָמבעס האָבן געהאַט א טעווע צו טרעפן בלויז עלטערע פרויען און קליינע קינדער, אָבער די ענגלישע לופט־באָמבעס האָבן קיין פרוי און קיין קינד נישט אָנ־גערירט. שטענדיק האָבן זיי נאָר געטראָפן אין „באַנדיטן", „הונען". אַז אַן ענגלישע באָמבע האָט דערזען אַ קינד, אָדער אַ פרוי, איז זי עטוועדער אַ ר י ב ע ר א י ב ע ר׳ן קאָפּ, אָדער זי האָט זיך דורכגעגאַנוועט צישן די פיס, אַבי נישט אָנצורירן אַן אומשולדיק וועזן.

...יאָ, כ׳האָב אייך פריער אָנגעהויבן דערציילן וועגן מיין האָטעל. ס׳איז שטיל. עסקליוזיוו. די ווירטין איז אַן ענגלענדערין. אַ ציכטיקע, נעטע פרוי, וואָס האַלט אין איין נאָכיאָגן באַצילן. ס׳איז נישט דער האָטעל אליין, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, נאָר די „קליינע פיינקייטן" פון באַדינען די געסט! די אַש־טעצלעך באַם בעט, די ביבל שטענדיג אויף דער ריינער קאָלדרע, — אַזוי, אַז מע זאָל נישט באַדאַרפן אין מיטן נאַכט מאַטריאַך זיין ס׳מידל זי זאָל אַראָפּ־גיין פון בעט זוכן די ביבל!

איכ׳ל אייך געבן אַ ביישפּיל פון אונזער באַלעבאָסטעס נעטקייט: אַזוי גיך ווי זי באַמערקט, אַז סי קומט צו מיר צו גאַסט אַ פרוי, איז באַלד שיקט זי מיר אַרויף מיט דער דינסט נאָך עטלעכע פרישע האַנטי־כער.

...פאָרם, סטיל, „אומגאַנג מיט מענטשן", דאָס איז הויפּטזאַך! אין סייכל ליגט ווייניג... באַכמע. קיינער האָט נישט ליב, אַז דו ביזט קליגער פון אים. אַדעראַבע, מאַך דיך פאַר אַ נאַרעלע, וועסטו קענען אויסנאַרן, אָפּנאַרן.

לעמאָשל מיין איינפאַל צו פאַרקויפן „בלאָטע פלאַסטערס" פאַר פרויען, — וויפיל מיינט איר האָט דאָס מיר איינגעטראָגן? אַלעוואי אויף אייך געזאָגט געוואָרן, מוישע נאַדיר. איך בין אייך נישט קיין סוינע.

...אַז בלאָטע ליגט אויף דר׳ערד, איז עס בלאָטע! נעמט־זשע אָבער דיזעלבע בלאָטע און פאַרקויפט זי צו פרויען אויף שיין צו מאַכן זייערע געזיכטער, איז דאָס שוין אַ געשעפט! בלאָטע אין אַ פּודעלע איז שוין נישט קיין בלאָטע, נאָר סכוירע!

דאָסזעלבע מיט כריין. וואָס איז אַ וואָרצל כריין? גאָרנישט. אָבער נעם דאָסזעלבע קרייטעכל און גיב אים אַ נאָמען „רייבעסאַריין", פאַרקויף עס אין אַפּטייק אין אַ קליין פּעקעלע, מיש עס אויס מיט עפּעס אַ זאַלב, וואָס שטינקט סקאָנעסנפּאַשעס, רעכן דאַפאַר 75 סענט און סי ווערט אַ רעפוע!

...א קלאל זאָלט איר האָבן, אז שווער איז נאָר צו פארקויפן א זילבערנעם דאָלאר פאר 90 סענט! איך האָב עס אנומעלטן גע־פּרופּט — אף א וועט. ארויסגעפּירט אף א װענגעלע נייע, זילבערנע דאָלארס אף דילענסי סטריט, זיך אוועקגעשטעלט און געשריגן: „90 סענט פאר א נייעם, עמעסען זילבערנעם דאָלאר. אויב דער דאָלאר איז נישט קיין גוטער, ברייגגט אים קריק וועל איך אייך געבן א דאָ־לאר מיט צוואנציק סענט!" זיינען אלע געשטאנען ארום און געלאכט. קיינער האָט נישט געקויפט.

אף מאָרגן האָב איך גענומען דאָסזעלבע װענגעלע מיט דאָלארס, מיך אוועקגעשטעלט אף דעמזעלבן אָרט אף דילענסי סטריט, און גע־שריגן „נייע זילבערנע דאָלארס פאר א דאָלאר מיט 20 סענט א שטיק!" האָבן מיך באלד ארומגערינגלט א מאסע נייגעריקע מענטשן. א טייל האָבן געשמייכלט — דאָס זיינען געווען די אומפּראקטישע, די נאראָנים, וואָס שטענדיג לאכן זיי ווען זיי זעען עפּעס אן אומגע־וויינטלעכע זאך. אָבער די קלינערע, די פּראקטישערע האָבן באלד פארשטאנען, אז מיסטאמע אז א מענטש וויל מיט 20 סענט מער אופן זילבערנער דאָלאר מיסטאָמע איז דאָך עפּעס אין דעם. און מע האָט צעביסלעכווייז אָנגעהויבן אָנטאָן די ברילן, קוקן אף די נו־מערן פון די פּלאָטשיקע זילבערנע רעדלעך און... מע האָט געקויפט.

...און דאָס וואָס איר זאָגט „די היינטיגע טעכניק פארגוילעמט דעם מענטשן, מאכט אים פאר אן אויטאָמאט", זאָג איך אייך, אז איר דארפט זיך נישט שרעקן. טאָמער וועט מען געפינען א ספּאָסיב צו באשאפן אן אויטאָמאט־מענטש — איז וואָס די געפאר? מיט יאָרן קריק, ווען סע איז ערשט געהאט דערפונדן געוואָרן א מיטל אויסצו־בריען הינדלעך מיט א מאשין, האָבן אלע געמיינט, אז די וועלט גייט אונטער. „וואָס פאר א טאַם וועלן האָבן מאשין־אויסגעבריעטע הי־נער?" פלעגן טיינען די קלוגיטשקע. וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט? סי האָט זיך אויסגעלאָזט, אז די מאשין האָט בלויז געמאכט, אז אויי־פעס זאָלן ב י ל י ג ע ר ווערן. אָבער דעם טאַם פון דעם הינערשן פלייש איז געבליבן דערזעלבער.

דאָס בעסטע אין אונזער לעבן איז דאָס, וואָס איז א ו י ־ ט אָ מ א ט י ש.

...ווען איך זאָל דארפן טראכטן יעדעס מאָל וואָס איך הויב־אויף א פוס אף צו גיין: „אָט הייב איך אויף א פוס, אָט לאָז איך אראָפּ א פוס", וואָלט דאָס לעבן קיין לעבן נישט געווען. נישט מער, אז מיר ווילן שטעלן א טריט, קומט צוגיין אונזער זיידע, אונזער עלטער־זיידע, אונזער עלטער־עלטער־עלטער־עלטער־זיידע, הויבט אויף אונ־

זער פוס און מיר גייען—נישט טראַכטענדיק דאַפון!

ווי אַזוי קען מען אָנרופן אַט די אַקציע אויב נישט: א ו י-ט אָ מ א ט י ש?

לייגט־צו אַ פינגער צום הייסן דעקל פון אויוון און נאָך איידער אייער געדאַנק וועט האָבן צייט צו זאָגן „היט זיך!" וועט שוין דער פינגער האָבן אַ ל י י ן אָפּגעשפּרונגען!

ווי אַזוי קען מען אָנרופן אַט דאָס אויפּפירן־זיך פון דעם פינגער אין יענעם מאָמענט אויב נישט א ו י ט אָ מ א ט י ש?

פאַרקערט, ווידער דאָס, וואָס מיר טוען נישט־אויטאָמאַטיש איז שטענדיג אומגעלומפּערט, שווער, פאַרבונדן מיט אנגסטן, מיט יעסו־רים.

דאַפאַר זאָג איך, לאָזט וויסן דורך אייער בלאַט, מוישע נאַדיר, אַז איך, דער געניאַלער אידיאָט, ב ע ר ל מ ק׳פ א ד ן (בעריל פאַדנמאַכער) בין פאַר „ראַבאָטס", פאַר ליימענע גוילעמס. ניין, נישט אַזוי: שרייבט, אַז דער געניאַלסטער אידיאָט פון אַלע צייטן, איז דאַפאַר, אַז מענטשן זאָלן וואָס מער פאַרגוילעמט ווערן, זאָלן לאָזן איבער זיך הערשן טראַדיציע, שימל. זאָלן אונזערע טויטע עלטער־זיידעס לעבן פאַר אונז! לאָזן זיי באַוועגן אונזערע געדאַנקען, ווי זיי באַוועגן אונזערע שריט, ווי זיי שלעפּן אַוועק אונזערע פינגער פון פייער, קעדיי אונז אויסצוהיטן פון געפאַר, — לאָמיר אַלע ווערן אוי־טאָמאַטן, גוילעמס, און דורכגיין דורך דער וועלט שמייכלענדיקע און זינגענדיקע.

4

איך ווייס נישט וואָס פאַרא שרייבער איר זענט, מוישע נאַדיר, וואָס איר כאַפּט זיך קיינמאָל נישט, אַז מען נאַרט אייך אָפּ. נעמט, אַ שטייגער מיך אַליין, דעם געניאַלן אידיאָט: אין אָנהויב האָב איך געשיט מיט לאַטיינישע פּאָסוקים, ווי מיט ביבקעס. איצט, שוין די אַנדערע וואָך, אַז איך האָב נישט אַריינגעמישט קיין לאַטייניש ווערטל. מיילע, אייך פעלט עס נישט אויס—וואָס פעלט אייך רעדן יאָ אויס? בא אייך איז דאָך רעכט, אַז פּאָעטן זאָלן באַטאָג שטעפּן הויזן און באַנאַכט—אויב זיי האָבן עפּעס צו זאָגן—זאָלן זיי עס זאָגן. איר זענט אַ מענטש, זאָגט מען, וואָס בא אייך איז רעכט—איך ווייס? לייקענען אין אַצקויצעצן אַליין, — אָבער פאַר די לעזער? ווי איז מען נישט יויצע פאַר די לעזער און מע כאַפּט זיך נישט, אַז איך בין געוואָרן אויס „לאַטיינער"?

וואָס מיינט איר, איז טאַקע געשען מיט מיר? געבענטש. אַ

קלייניקייט. איך האָב פאַרלוירן מיין ביכל מיט לאַטייניש⸗ע ציטאַ־טעס.

ס׳איז דיזעלבע מייסע וואָס מיט דעם זשורנאַליסט דר. קלינג־פין: אזוי לאַנג ווי דער דר. קלינפין איז אינדערהיים, איז ער א גוואַלדיגער כאַכעם, שיט מיט פּערסישע, לאַטיינישע און גריכישע ציטאַטעס ווי אַ קאָזע מיט דרעקלעך. ער מאַכט עס מאַמזעריש: „אויב איך האָב קיין טאָעס נישט", שרייבט ער, זאָגט העראקליט, אָדער שפּי־נאָזא—..." און בעים ער שרייבט „אויב איך האָב קיין טאָעס נישט, זאָגט יענער אַזוי און אַזוי", ליגט פאַר אים אָפן דאָס בוך מיט די ציטאַטעס פון יענע גרויסע לייט, און ער קאָפּירט ביפּיירעש וואָרט־אַמע־וואָרט. נאָר וואָדען? עפּעס איז שענער, אַז מע מאַכט עס גרינג, פון דער האַנט אַוועק. כ׳ווייס—סי האָט באַ מיר אַ ווערט דער פילאָזאָף, יענער פילאָזאָף?

די גוואַלדיגע ערודיציע און דער גרויסער זיקאָרען פון יענעם זשורנאַליסט איז דורכאויס געוועגדט אַן דעם, ווי ווייט זיין שרייב־טיש איז פון זיין ביכער־שאַפע. פאַרט ער אַוועק אַף אַ טאָג פון ד׳ער־היים, ווערט ער אויס כאַכעם, אוים גרויסער באַל־זיקאָרן.

האָט איר געלייענט, נאַדיר, אין „פאָרווערטס" אַן אַרטיקל „ווי אַזוי צו לעבן לויטן מעדרעש?" איך האָב דאָס אַרטיקל נישט געלייענט, נאָר אַזוי אַ בליק געטאָן אַפן קעפּל. איין זאַך ווייס איך: אַז לויטן מעדרעש איז נישט אַזוי שווער צו לעבן, ווי לויט... אַז מען האָט קיין אַרבעט נישט.

איך געדענק מיט יאָרן קריק, ווען איך האָב נישט געהאַט וואָס צו עסן, האָב איך מיך אויסגעפּוצט אין פראַק און צילינדער, האָב פאַרבעטן אַ כעוורע גוטע־ברידער (אויך „געבראָכענע") און בין אַוועק צו דעלמאָניקאָס אָפּגעדונגען אַ סעפּעראַטקע און באַשטעלט אַ דינער פאַר 16־אירע, מיט שאַמפּאַניער, מיט אַלעמען.

אַז ס׳איז געקומען צו באַצאָלן, האָבן זיך אַלע (לויט מיין אייצע) אַ כאַפּ געטאָן צו די קעשענעס. יעדער האָט געוואָלט זיין אַ דזשענ־טעלמען און באַצאָלן. האָבן מיר זיך אַ ווײַלע געאַמפּערט צווישן זיך. דערנאָך רוף איך מיך אָן: „ווייסט איר וואָס, קינדער? לאָמיר דעם קעלנער פאַרבינדן די אויגן, און וועמען ער וועט כאַפּן, דער וועט באַ־צאָלן"...

ס׳איבעריגע דאַרף איך אייך שוין נישט דערציילן.

ס׳איז ווי די מייסע וועגן בוידעם: שטייט אַ בלינדער אַפן בוידעם און ער וויל אַראָפּגיין און ער האָט נישט ווער סע זאָל אים פירן. איז ער זיך מיאַשעוו און נעמט זיין שטעקן אין האַנט אריין

און הויבט אָן זוכן דעם לאָך צום ליטער. גייט ער אַזוי און קלאַפּט מיטן שטעקן און מאַכט: „בוידעם, בוידעם... בע־בע־בוידעם... אויס בוידעם!"

דאָס דערמאָנט מיך נאָך אַ מייסע: איך האָב אַמאָל געהאַט אַ פעטער אַ פאַרמער. האָט ער געקויפט אַ סאַד פאַר 60 דאָלאַר. און דערנאָך האָט ער אויסגעגעבן העכער אַכט (8) הונדערטער אַף צו בויען אַ פּלויט, וואָס זאָל באַשיצן דעם גאָרטן פון גאַנאָווים...

איטלאַכס פאָלק שרייבט און רעדט אַזויפיל וועגן דער גרויסקייט פון זיין „אייגן פאָלק", אַז מיט דער צייט הויבט עס אַליין אָן גלויבן, אַז ס'איז טאַקע ס'גרעסטע פאָלק אין דער וועלט.

דאָ מוז איך אייך ווידער געבן אַ מאָשל מיט מיין אייגענעם פעטער, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַ „קענדי־סטאָר" אין די בראָנקס, אין אַ „באַמערישן" געגנט, וואו מע פלעגט אים רייסן די באָרד און נישט געבן צו לעזן אַ פעני.

האָט ער דאָך געזען, אַז ער איז אריינגעפאַלן, האָט ער זיך מיאשעוו געווען, ער וועט אריינשטעלן אָן אַנאָנס אין אַ צייטונג, אַז ער וויל פאַרקויפן ס'געשעפט זיינס.

געטראַכט און געטאָן. פאַרקאַטשעט די אַרבל—אַ שטיקס באַל־מעליצע איז ער, מיין פעטער, פון טאָמיד אָן, האָט ער גענומען און אָנגעשריבן אַזאַ מין אַנאָנס:

„צו פאַרקויפן אַ פּראַכטפולע קענדי סטאָר, אין איינעם פון די בעסטע געגנטן אין די בראָנקס. געלעגנהייט שנעל רייך צו ווערן. אורזאַך: קען זיך אַליין נישט אַ־פּאָרען".

האָבן אָנגעהויבן קומען קוינים. פאַרשטייט זיך, אַז פּאַכלייט האָבן באַלד דערקענט דעם שווינדל, נאָר עפּעס אַ „גרין אידל" האָט זיך פאַראינטערעסירט און געוואָלט אָפּקויפן ס'געשעפט און באַצאָלן אַ פּרייז. מיין פעטער האָט שוין אָבער אַזוי פיל מאָל געהאַט איבער־געלייענט זיין אייגענעם אַנאָנס אין צייטונג, אַז ער האָט אַליין אָנגע־הויבן גלויבן, אַז ס'איז טאַקע אַ גאָלדן געשעפט, און ער האָט נישט געוואָלט פאַרקויפן.

„קונסט", שרייבט איינער אין „טאָג", איז פּונקט אַזוי נויטיק ווי ברויט. די וויסנשאַפט קען דאָס באַווייזן". פונדעסטוועגן ווייס איך, אַז בא מיר פּלאַצט אַ „פּייפ" (רער) אין באָד־צימער, לויף איך נאָך אַ פּלאָמבער. אַז דער ווינט ברעכט מיר אויס אַ שויב, לויף איך צום גלעזער. אַז סי פעלט מיר אויס פוטער באַם טיש, טעלעפאָניר איך אין „גראָסערי".

ווי לאַנג זענט איר שוין אַ שרייבער, נאַדיר? 23 יאָר! גוט!

קענט איר זיך דערמאָנען, אַז דורך די 23 יאָרן, וואָס איר שרייבט, זאָל אַ לעזער אַמאָל קומען אריינצולויפן צו אייך און זאָגן: „שנעל, שרייבט מיר אָן אַ ליד, סע איז מיר אויסגעגאנגען די לידער!?“ אָדער אַז עמיצער זאָל אייך טעלעפאָנירן און זאָגן: „קומט וואָס גיכער, כ׳בעט אייך, מיין ווייב דאַרף אַ נייעם פעליעטאָן אַף שאבעס?“.

איר׳ט זאָגן, אַז מיט וויסנשאַפט קען מען גאָרנישט באַווייזן? דאָס איז אויך עמעס.

דער בעסטער ביישפּיל איז דאַרווינס טעאָריע.

יאָרן לאַנג האָט דאַרווין געהאָרעוועט אַף צו באַווייזן דער וועלט, אַז מענטשן זענען אַמאָל געקראָכן אַף אַלע פיר, אַ־יאָ? אָבער קוקט זיך אַליין צו, מוישע נאַדיר, און זעט ווי איבעריק די גאַנצע דאַרווינישע וויסנשאַפט איז! איר דאַרפט נאָר אַ קוק טאָן אַף אַן אַקטיאָר אין אַ טעאַטער, ווי ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט די הענט, און איר זענט איבערצייגט, אַז די נאַטירלעכסטע זאַך וואָלט געווען, ווען ער לאָזט זיך אַראָפּ אַף אַלע פיר און הויבט אָן צו גיין ווי אַ מאַלפּע!

פאַרוואָס רויכערן מענטשן? פאַרוואָס טראָגן זיי שטעקנס? פאַרוואָס קנייטשן זיי די היטלען אין די הענט, אָדער שפּילן זיך מיט נאָז־טיכלעך, צי מיט די שפּיזלעך פון די ברילן? אַלץ דערפאַר, ווייל דער מענטש ווייסט נאָך נישט וואָס צו טאָן מיט די פ ע ד ע ר ש ט ע צוויי פיס, וואָס ער האַלט אין דער לופטן, און זיי שטייען אים אין וועג.

ליגן די הענט אריין אין די אַרבל, האַלט זיי אָפּן וויהייסטמענעס. אָדער אין די קעשענעס — סי וועט דיר גאָרנישט העלפן! מע זעט, אַז סי איז פיס, און זיי קענען זיך לאַנג אין דער לופט נישט האַלטן.

...איר האָט ליב די נאַטור, נאַדיר? איך האָב זי ליב „אין די העמדלעך“ אַזוי ווי קאַרטאָפּליעס.

...די „נאַקעטע נאַטור“ רייצט ווייניגער, ווי די אָנגעטועניע.

... נעמט, לעמאָשל, אַ זון וואָס פאַרגייט אין הימל און אַ זון, וואָס פאַרגייט אין אַ... בילד? די ערשטע איז נישט אָרגאַניזירט, האָט קאַפּריזן, קען אונטערגיין אַזוי און אַנדערש. אָבער אַף אַ לייוונט, אַז אַ זון גייט אונטער, גייט זי אונטער לייטיש, אויסגערעכנט—זי וועט קיינמאָל נישט אונטערגיין ווייטער ווי דאָס רעמל.

...דאָס אייגענע מיט׳ן ים. פּאַרסט אויף אים וואָיעוועט ער, קאָכט זיך, קערט דיר איבער די געדערים, — סלונעט דיר אַרויף ביז איבער דער פּערענטשע פון שיף. דו פּאַרקילסט דיך און

הויבסט אָן ניסן. אָבער א יאָם אף א לייוונט איז א פארגעניגן. קענסט לעבן אים זיצן וויפיל דו ווילסט, וועסט זיך נישט פארקילן, קענסט אין אונטערלייגן אונטערן געזעס, און אף אים אָפּפאָרן ביז שיקאגא, און סי וועט דיך נישט אַרן. איר שרייבט אַרן מיט אַן אלעף, צי מיט א היי? מיט אן אלעף? — נו, לאָז זיין, סי איז נישט קיין בילעק.

... מאָדנע איז די וועלט, מאָדנע איז די געשיכטע פון דער מענטשלעכער ראַסע!

...צומערשטן האָט דער מענטש זיך געלערנט נאָכמאַכן די גענג פון באַיעס, און די שטימען פון פייגל, קעדיי ער זאָל זיך קענען אויס־באהאלטן אין וואלד פון סאָנים. היינט לערנט ער פייגל—זינגען, באַיעס—טאַנצן.

...דער מענטש איז די קרוין פון דער וועלט, נאָר די קרוין איז מסוקן געפאלן היינטיקע צייטן, נאַדיר.

...וואָס העכער די „קרוין" הויבט זיך אויף, אלץ נארישער זעט זי אוים!

מע דארף זיין דער גרעסטער דורין, הערט איר, אוסיצוטראַכטן אזוינע מאשינעס, וואָס זאָלן זיין מיליאָנען מאָל קליגער און שטארקער פון דעם אויסטראַכטער אליין!

א קלוגער מענטש וויל שטענדיג בלייבן קליגער פון דער זאַך, וואָס ער באשאפט.

...דערפאר לעבן מיר היינט אין א צייט פון געניאלע אידיאָטן.

...מענטשן פליען אריבער דעם אָקעאַן אין וועלכע צוויי טעג, און מענטשן גייען אוים פון הונגער אף דער בויערי.

מענטשן טוען אלצדינג אין דער וועלט צו שפּאָרן צייט, דערנאָך טוען זיי אלצדינג אין דער וועלט דיזועלבע צייט צו דערהאַרגענען.

...צייט איז טייער, צייט וואלגערט זיך אין די וואָדעווילן! צייט אין א רענדל א מינוט אף צו שפּאָרן, און צוויי רענדלעך א מינוט פּאַטער צו ווערן פון איר.

בילדונג? קולטור? א מאָדע־זאַך, א פאַסאָן. אפילע „ליבע" איז היינט א זאַך מיט וועלכער מען צ י ר ט זיך!

...וואָס פארא קולטור גייט היינטיגן זמאַן?

...וואָס פארא „ליבע" פּאַסט צו מיין היינטיגן גארניטער?

..איך בין אנומעלטן געוועזן אין א ביכער־געשעפט אף גרענד סטריט, האָב איך געזען, ווי א קייל־עבדיקער, גאָלד־באַקייטלטער איד איז אריינגעקומען, זיך אוועקגעשטעלט לעבן די שאפעס מיט ביכער, פארמאכט אן אייגל, אנגעוויזן מיטן שטעקן און געזאָגט: „גיט מיר,

זייט מויכל, צוויי טוץ פון די גרינע... אַ האַלב טוץ פון די בלאָע, און וואַרפט־צו אַ צענדליק פון די קליינע בעוורע מיט לעדערנע רוקנדלעך".

...האָט איר געליִיענט, נאַדיר, ווי אָפענע רויבעריי האָט זיך פאַרשפּרייט בא אונז אין ניו יאָרק?

...איך האָב אַ לאַנדסמאַן, האָט ער זיך אויך גענומען צו דעם־אָ שטיקל ברויט, איז ער אָבער זייער אַ פּרומער. אילע מאָל איידער ער לאָזט זיך אַרויס מאַכן אַ „האָלד־אָפּ", בעט ער בא גאָט: „ריבוינע שעל אוילאָם, אויב סע איז באַשערט עמיצן דערהאַרגעט צו ווערן, זע אַז אַ י ך זאָל אים דערהאַרגענען!"

...נעמט די שטאָט ניו יאָרק: וואָס זאָגט מען אָף אונז? „די קלוגסטע מענטשן אין דער וועלט. בויען הייזער פון 60 ביז 105 שטאָק".

...שטעל דיך אָבער אָפּ אָף אַ מינוט, דו אַמעריקאַנער, און באַרעכן דיך. וואָס וואָלט פּאַסירט אין ניו יאָרק אין פאַל פון אַן ערד־ציטערניש? דאָס גרעסטע אומגליק וואָס אַ מענטשלעכער מויעך קען זיך אָפּמאָלן. און וואָס וועט מען דעמאָלט זאָגן: „אַזאַ אידיאָטיש פאָלק, די אַמעריקאַנער. זיי ווייסן, אַז די סיבעס פון וואולקאַנען זענען נאָך נישט אויסגעפאָרשט, און דעריבער קען קיינער נישט זאָגן, וואו סי קען מאָרגן אויסברעכן אַן ערדציטערניש. פונדעסן בויט מען אַן אַ ז ו י נ ע וואָלקנקראַצערס!"

...געלט. געלט. מענטשן ווילן געלט. דער עמעס איז דאָך אָבער, נאַדיר, (איך בין היינט פאַרקילט און פילאָזאָפיש!) דער עמעס איז דאָך, אַז אָט וואָס מיר רופן־אָן „געווינס פון באַזיץ", איז אייגנטלעך בלויז אַ „פאַרלוסט פון וואונטש". אַז מיר האָבן זאַכן, האָבן מיר זיי נישט, ווייל מיר קענען זיי צו זיך נישט צו־העפטן. אָבער פאַרלירן פאַרלירן מיר זיכער עפּעס וואָס איז אַ טייל פון אונז: אונזער פאַרלאַנג צו דער זאַך, וואָס מיר געווינען...

...איר קענט דעם דר. זימרי? ניין? ער איז אַ ספּעציאַליסט אָף היילן הערצער. ער האָט נעבעך אַליין זייער אַ קראַנק האַרץ, קוים וואָס ער דערבעט.

...אַנומעלטן שיקט אים פּיצעלים ווייב רופן, קומט ער צוגיין, דער דר. זימרי, גיט אַ קוק אָפן בלעטל פון פּיצעלים ברייוקעסטל „זעקסטער גאָרן" — גייט ער נישט אַרויף, נאָר ער גיט אַ דריק ס'קנעפּעל אונטן, שטעקט יענע אַרויס דעם קאָפּ דערכן פענצטער: „דאָס זענט איר, מיסעס פּיצעלי?" „איך!" „וואָס איז אייך?" „דער מאָגן, נישט פאַר אייך געדאַכט, הער דאָקטאָר". „שטעקט אַרויס די צונג, זייט אַזוי גוט, מיסעס".

אַז פּיצצעלים ווייב האָט אַרויסגעשטעקט די צונג, האָט דער דר. זימרי אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שפּאַקטיוו און אַ קוק געטאָן אַרויף, צום פענצטער פון זעקסטן שטאָק, וואו די פּיצצעליכע איז געשטאַנען מיט אַן אַרויסקעשטעקטער צונג, און געזאָגט:

„ס'איז אייך גאָרנישט, מיסעס. וואַרפט אַרונטער פינעף דאָלאַר!"

.5

אינאיינעם מיטן געניאַלן אידיאָט, איז היינטיקס מאָל געקומען צו מיר נאָך אַ גאַסט. דער „געגאַיד" האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר מיר מיט די ווערטער: „מיסטער מ. מעלאַכרינאַ, פון דעם העברייאישן שוירעש מעלעך־רינאַ... איכל אייך אַן אַנדערס מאָל זאָגן צוליב וואָס איך האָב אים געבראַכט צו אייך. שטעלט זיך אויף, מיסטער מעלאַכרינאַ, און גיט נאַדירן די האַנט!... דאָס איז דער שרייבער נאַדיר, וואָס קריגט זיך מיט דער גאַנצער וועלט און אַליין איז אים אַרמעטיק. איצט זיצט שטיל, מיסטער מעלאַכרינאַ, מישט זיך נישט אַריין אין מיינע רייד ביז איכל אייך נישט געבן אַ סיגנאַל—אַ קנאַק מיטן פינגער. אַז איכל געבן אַ קנאַק מיטן פינגער וועט איר זיך אויפהייבן און זאָגן דאָס וואָס מיר האָבן אָפּגעמאַכט איר זאָלט זאָגן.

אין דרויסן איז שוין פרילינג, נאַדיר. מע הערט שוין די פויגל זינגען אין אַלע זשורנאַלן. נאָר די פייגל אַליין זעט מען נאָך נישט.

די מייסע האָט איר געהערט?

„צו בערגלסאָנען קומט צופאָרן אַ כאַוועד פון וואַרשע, אַ אידישער שרייבער, אַן אָרימאַן אין זיבן פאָלעס, און—קיין דירע האָט ער נישט.

„בערגלסאָן אַליין וואוינט לעבן בערלין, אין אַ קליינער וואוינונג, און איינמאָסטן באַ זיך דעם גאַסט קען ער נישט.

פירט ער אים אַוועק צו אַ באַקאַנטן דייטש און דינגט פאַר אים דאָרטן אַ צימערל—פאַר אַזויפיל און אַזויפיל אַ כוידעש.

גייט אַוועק אַ כוידעש און צוויי און דריי, והאיעלעד און דער באָכער צאָלט נישט קיין גראָשן דירעגעלט, ווייל ער האָט נישט.

קומט צעלויפן דער דייטש צו בערגלסאָנען: „סטייטש?" מאַכט צו אים בערגלסאָן: „נו מיילע, וואָס איז דאָרטן אַזוינס דער גוואַלד אַז אַ מענטש האָט נישט געצאָלט קיין דירע־געלט צו דער מינוט? נאָך אַלעמען, זענט איר דאָך עפּעס אַן אינטעליגענטער מענטש, רעב דייטש, איז אַזוי באַציט זיך אַן אינטעליגענטער מענטש צו אַ גרויסן שרייבער, כ'פרעג אייך!"

„האָט דאָס דעם דייטש אַ נעם געטאָן. סי איז אים געפעלן, וואָס בערגלסאָן רופט אים „אינטעליגענטער מענטש“.

„איז אַוועק נאָך אַ כוידעש, נאָך צוויי, נאָך דריי. און דער גרויסער שרייבער האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט געצאָלט אַ פעניג דירעגעלט.

„אָנהויב זעקסטן כוידעש איז דער דייטש אַריינגעפאַלן צו בערגעלסאָנען אין שטוב אַריין מיט אַ גוואַלד, מיט אַ געשריי: „הערט נאָר, איך בעט אייך, ווי לאַנג קען איך זיין אינטעליגענט?“

איך׳ל אייך דערציילן אַ מייסע פון „יענע טעג אין לאָנדאָן“, ווען איך בין געשטאָרבן פון הונגער און געשלאָפן שטייערנדיקערהייט באַ דער טעמזע־וואַנט.

לייען איך אַזוי אין דער צייטונג, אַז באַ אַ געוויסן לאָרד עקס איז היינט באַנאַכט אַ גרויסער מאַסקן־באָל. וועגן מיין הוילעך דאַרף איך אייך נישט דערציילן. אַ שענערער פון מיר גייט איבער די הייזער.

„רוף איך מיך אָן צו מעלאַכרינאָן (דעמאָלט האָט ער געהייסן אַ גראָבן נאָמען) „מעלאַכרינאָ, איך גיי היינט באַנאַכט צו אַ מאַסקן־באָל פון לאָרד אַזוי און אַזוי“. זאָגט ער „ביזט מעשוגע“? זאָג איך: „ניין. איך בין מאַסקירט. אַ מאַסקירטער נאָבלמאַן פון בעלגיע“.

„און איך גיי אַוועק און ראַזיר מיך אָפ און פאַרשמיר מיר ס׳פּאָנים מיט קויל, סי זאָל אויסזען ווי איך האָב אַ באָרד. און איך גיי אַוועק צום לאָרדן־באָל, און... איך מאַך אַ פוראָר!

„אַלע באַוואונדערן מיין קאָסטיום, מיין האַלטונג.

„לאָרדיכעס מאַכן מיר קאָמפּלימענטן, טאַנצן מיט מיר, איך עס און טרינק און טאַנץ. אַנטליי, מקלוימערשט, באַ עטלעכע לאָרדן געלט... דערנאָך נעם איך אַף אַ געלעכטער, אַראָפּ מיין צעריסן היטל און גיי־צו צו די לאָרדיכעס, און צו די בנוים־לאָרדן און איך זאָג מיט אַ שמייכל „שענקט אַ נעדאָווע אַן אָרעמען טרעמפּ!“ און עס הויבט אָן רענענען מיט געלט. ס׳אַ שעפּעבראָכע! איך מאַך ערשט אויף די אויגן!

...בין אַהיימגעגאַנגען מיט העכער 100 פונט אין קעשענע. אָבער דאָס איז נאָך ווייניק. אַ טעאַטער־דירעקטאָר, וואָס האָט מיך געזען באַם באָל, האָט באַמערקט אין מיר אַ „גרויסן שוישפּילער“ און געפרעגט, צי איך וואָלט נישט געוואָלט אויפטרעטן אין זיין טעאַטער. איך האָב אָפּגעמאַכט און גענומען באַ אים 40 פונט אַן אַדערויף.

„ווי מעלאַכרינאָ האָט אַמאָל געזאָגט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געזען ווי אַן „על“ גייט אין דער הויך: „מיילע, אַ באַן גייט איז

דער הויך — גייט זי,—איז דאָס אויך געוויס כידעש, נאָר ווי אַזוי איז זי אַ ר ו י ס ג ע ק ו מ ע ן אהינצו, אָט דאָס פאַרשטיי איך שוין גאָרנישט".

דאָס „ארויסקריכן" איז שווער, אָבער נאָר פאַר מענטשן. פליי קריכן זייער גרינג, זיי שפרינגען.

דערזעלבער מיסטער מעלאַכרינאָ (איר דאַרפט זיך נישט אויפ־הייבן, איר וועט ערשט רעדן שפּעטער, ווען איכל געבן אַ קנאַק מיטן פינגער!) דערזעלבער מעלאַכרינאָ, וואָס איז היינט אין אַמעריקע, און, איז ווי איר זעט, אַ פרומער איד, האָט מיר אַנומעלטן געזאָגט וועגן זיינע קינדער, וואָס זענען געבוירן אין אַמעריקע: „וואָס קער איך מיך אָן מיט זיי? מיר זענען אפילו קיין לאַנדסלייט אויך נישט!"

„אַזוי איז עס, נאַדיר. אין אַמעריקע ווערט מען פאַרפרעמדט פון די אייגענע קינדער אפילו. וואָס קומט ארויס דערפון וואָס די באָבע „בלאָנדעוועט" זיך די האָר, און גייט קערץ געשוירן, און רוי־כערט פּאַפּיראָסן, און זעט אויס ווי זי וואָלט געווען איר אייגן אייניקל? אַז דאָס אייניקל איז איר אפילע קיין לאַנדסמאַן אויך נישט.

באַ די ווערטער האָט דער געניאַלער אידיאָט אַ קנאַק געטאָן מיטן פינגער. מיסטער מעלאַכרינאָ האָט זיך אויפגעהויבן, געוואָרן זייער בלאַס, געקוקט אפן געניאַלן אידיאָט, און קוים ארויסגעשטאַמלט:

— אַ גור־טע נאַכט!

(באַמערקונג: צו וואָס מיין געניאַלער אידיאָט האָט באַדאַרפט מיטברענגען דעם מיסטער מעלאַכרינאָ, און וואָס ער איז אויסן געוועזן מיט דעם הויב איך נישט אָן צו וויסן. זאָל איך זאָגן עפּשער, אַז דאָס איז... סימבאָליזם? ווער ווייסט!)

6

דער געניאַלער אידיאָט האָט ווידעראַמאָל געבראַכט מיט זיך זיין פריינט, מיסטער מעלאַכרינאָ, אים אַוועקגעזעצט לעבן זיך, אַף אַ ווינקשטול, אים אריינגעשטופּט אַ פּאַפּיראָסל צישן די ציין. אים דערלאַנגט אַ שוועבעלע ער זאָל פאַררויכערן און אים עפּעס אריינ־געזאָגט אין אויער אריין.

דערנאָך האָט ער זיך אַליין אַוועקגעזעצט לעבן מיין שרייבטישל, אויסגעפּרופט דעם שפּיץ פון מיין נייער שטאָל־פען אַף זיין גראָבן נאָגל און געזאָגט:

...האָט איר געלייענט, נאַדיר, דאָ אַנומעלטן ווי דר. זשיטלאָווסקי האָט זיך „אויסגעקוועטשט" (אידיש פאַר דעם וואָרט „אויסגעדריקט"!) אַז ער האַלט מיט יצחאָק גרינבוימען אַז אַ טייל פוילישע אידן וואָל־

טען באראפט אויסוואנדערן פון פוילן, קעדיי צו פארבעסערן די אי־דישע לאגע? דאס דערמאנט מיך אן מעלאכרינאס ברודער, (אויך א פילאזאף). בעים מיסטער מעלאכרינא איז נעבעך געווען אף סיפקע צארעס און געשטארבן פון הונגער, איז יענער געקומען צו אים אין גאסט, אויפגעגעסן בא אים ס'לעצטע רעטשענע קיכל, וואס ער האט פארמאגט, דערנאך האט ער זיך צעשמועסט מיט מעלאכרינאן וועגן דעם ווי אזוי סי גייט אים אין פארנאסע, און אז מעלאכרינא האט אים געזאגט, אז ער שטארבט פון הונגער, האט יענער פאר־קנייטשט מ'שטערן, זיך פארטראכט, דאנאך האט ער אים געגעבן אן אייצע, אז אויב ער לײדט הונגער, זאל ער פארלאזן די היים, און זיך אביסל דורכגיין הינטערן שטאט, וועט אים בעסער ווערן.

...אליין האט זיך מעלאכרינאס זאטער ברודער אוועקגעזעצט איבער א טילימל און גענומען בעטן צו גאט: „גאטעניו, מאך מיר וייך מיין הארץ, עפשער וועל איך פארט ראכמאנעס האבן און געבן מיין ארימען ברודער עפעס".

...איך ווייס נישט, צי איר האט דאס שוין אמאל געזאגט, נאדיר, אויב נישט, וועל א י ך עס זאגן: די לופט פון א לאנד מאכט א מענטשן אדער קלוג אדער נאריש! אז א כאכעם פארט ארויס אף פרישער לופט, ווערט ער אדער קליגער, אדער נארישער. „שיווענ־צעך" (ווי לעאן קאברין וואלט געזאגט), וואספארא לופט ער אטעמט.

...אין דער געמארע שטייט געשריבן, אז די לופט פון ערעץ איס־ראעל מאכט קלוג. דעריבער איז קיין כידעש נישט, וואס אזוי פיל מענטשן וואנדערן אוים פון פאלעסטינע.

...יא, וואס זאגט איר צו דעם, ראביי סטעפאן ווייז האט דאך רעזיגנירט פון זיין אמט, אלס „כאיעמס סטעפאן".

...דער ציאניסטישער „איוואן דער נאר", וואס רופט זיך סטע־פאן דער כאכעם („ווייז") איז סאף קאל סאף געקומען צום סייכל, אז א גרויסער „פאטריאט" דארף נישט נאר שטארבן א י ן זיין פאטערלאנד, נאר מ י ט אים!...

...איך הער קעסיידער ווי מע רעדט „עוואלוציע" און „רעוואלו־ציע" און איך פארשטיי נישט, וואס איז דער כילעק?

עוואלוציע איז עוואלוציע און רעוואלוציע איז אויך עוואלוציע, נאר אביסעלע ש נ ע ל ע ר.

אז מע גיט דער שלאבריקער עוואלוציע א בריק אין הינטן, זי זאל מויכל זיין גיין אביסל שנעלער, מאכמעס א וועלט ווארט אף איר, ווערט דאס ר ע ו ו א ל ו צ י ע.

מעלאכרינא האט וועגן דעם א לידל. א־יא, מעלאכרינא?

דארפסט זיך נישט באמיען צו ענטפערן. איך וועל עס שוין אליין זאָגן. איך געדענק עס בעסער פון דיר.

לייכטע לייכטער לייכטן
נישט אומזיסטן.
באַ די לייכטע לייכטער בענטשן
קאָמוניסטן.
ווייל שאַבעס איז נישט שאַבעסער
ווי דינסטיק,
און יעדער טאָג אין יאָר
איז גינסטיק...

דאָס־אָ ליד איז אייגנטלעך מ י י ן שפּעגילאַציע, לויטן סטיל פון די ווייסיכוואָסיסטן: פרומלעך לויטן טאָן, אַפּיקוירסיש לויטן אינ־האַלט. זישא לאַנדוין דאַרף דאָס זייער געפעלן.

...דאָס דערמאָנט מיך אָן פּיצצעלים מיינונג וועגן... ליטעראַטור־קריטיק.

...אַ גוטער בעקער קען מיר עפּשער געבן צו פאַרשטיין ווי אַזוי מע מאַכט ציבעלע־קנישעס — אויב ער איז אַ געלערנטער מענטש און האָט אַ סאַך צייט און געדולד, קען ער מיר געבן די געשיכטע פון קנישעס באַ אַלע פעלקער. אָבער מיך אויסלערנען ל י ב האָבן קנישעס, אַז איך האָב זיי בעטעווע נישט ליב, דאָס קען שוין נישט קיין שום בעקער.

:: :: ::

...איר זוכט מיין מעלאַכרינאָן? ער איז נישטאָ. איך האָב אים געלאָזט אין דרויסן—אויף דער זון, וואָס האַלט באַם פאַרגיין. איכל אים ערשט דאַרפן צום סאַמע סאָף פון מיין פּעליעטאָן, וועל איך אים אַריינרופן.

...איך וועל מיך מיט אייך טאַקע באַראָטן, נאָדיר: זאָל איך אים ווייטער אויך רופן „מעלאַכרינאָ", צי זאָל איך אים בייטן דעם נאָ־מען אויף „קושאַבער"?

...פאַרוואָס „קושאַבער" אויך די איינענע מייסע: פאַרוואָס „מעלאַכרינאָ"? וואָס איז דער כּילעק? אַ נאָמען איז אַ נאָמען... פּונ־דעסן דוכט זיך מיר, אַז „קושאַבער" איז עפּעס שענער, צי ניין?

פּונקט ווי פ אַ ר ד י ז אַ צ י ע, למשל, קלינגט שענער, ווי העגריזאַציע.

...די העגריזאַציע פון אַמעריקע, דאָס וואָס יעדער אײנער ווערט

דאָ אַ שטיקל „הענאך"—דאָס איז גאָר פּאַסקודנע...

...דער וואָס „בעבעט" אויף „מעין סטריט" איז נישט אַזוי געפערלעך, ווי דער וואָס „הענאכט" אין באָראָ־פּאַרק, אָדער אין ריווערסייד־דרייוו.

...„בעביט" רעדט, דריקט אויס מיינונגען — לאָז זיין פאלשע. דער געהירן איז בא אים קרום, אָדער ער באַוועגט זיך. בא „הענאכן" אָבער, ליגט דער געהירן אין הינערפּלעט. ער איז אַ מפּאַרטי־איש. נישט אַהין, נישט אַהער. אים איז נישט קיין בילעל: אַ בעיסאַמערעש, אַ טעמפּל, אַ קלויסטער, אַ מעטשעט—ער גייט אַהין, וואו ס'איז דאָ בעסערע ווענטילאַציע.

... וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן, נאַדיר? יאָ, איצט, אַז לאָנדאָן און פּאַריז האָבן אָנגעהויבן שיסן טראָצקין, וועלן זיי אים שוין שיסן און שיסן—ווער ווייסט ווי לאַנג. אַ מאַראָכע, וואָס טראָצקי אַליין וועט כאָטש נישט ווּיסן דערפון. אז נישט, וואָלט ער געוואָרן נאָך מער נערוויאיש ווי ער איז.

...ס'איז ווי די מייסע מיט דעם אידן, וואָס האָט זיך מיאשעוו געווען ער וועט זיך דערטרענקען. האָט ער צומערשטן זיך דערטרונקען אַ האַנט, דערנאָך אַ פוס, דערנאָך דעם בויך... ביז צום האַלז איז עס געגאַנגען נישקאָשעדיק. אז עס איז געקומען צום מויל, האָט ער זיך מיאשעוו געווען קריק: כאַפּט עס דער רואך! ער האָט זיך שוין גענוג געטרונקען. מער איז ער נישט מעכויעוו.

...שאַ, איך רעד ווי אַן אידיאָט, צי נישט? אויב נישט, וועל איך עס מוזן קריק־רעדן. אָבער איר שרייבט דערוויל, נאַדיר, וואָס איך דיקטיר אייך.

...מוסאָליני האָט היינטיקע וואָך ווידער אַרויסגעגעבן אַ פּאָר טוץ נייע דעקרעטן! דער לעצטער דעקרעט זיינער איז, אַז פאַשיסטן זאָלן זיך נישט אָפּגעבן איינס ס'אַנדערע קיין שאָלעם־אַליינכעם.

...ער איז גערעכט—אויך! צו וואָס „שאָלעם אַליינכעם", אז מיינען מיינט מען „מילכאָמע אַליינכעם"!

...איר ווייסט, נאַדיר, סע איז פאַראַן צוויי־ערליי נאַראָנים: ס'איז פאַראַן דער „פּוסטער קאָפּ" און דער „פאַרשטאָפּטער קאָפּ".

...דער פּוסטער קאָפּ איז גלאַט אַ קאָפּ מיט ווינט, מיט גאָרנישט —אַ מין אב. קאַהאַן. אַ „פאַרשטאָפּטער" קאָפּ, ווידער, דאָס איז שוין אַ דר. קאָראַלניק, וואָס דער קאָפּ איז אים אַזוי פאַרשטאָפּט מיט כאָכמע, אַז ער קען מיט אַ לייטישן געדאַנק נישט אַ ריר טאָן.

...איר זאָגט נאָך שטיינבערג און אַנדערע אָנשיקענישן? סי גייט

נישט אין דעם, וואָס א מענטש האָט א פּארך, סי גייט אין דעם, וואָס ער מ אַ כ ט א ל ע ב ן פון האָבן א פּארך!

...מיין פעטער צעמעך מקפּאדען אָלאָוואשאָלעם פלעגט זאָגן:
„א איד", פלעגט ער זאָגן, „האָט מוירע טאָמער לעבט ער, וועט ער דארפן האָבן צו עסן עסט ער נישט, שטארבט ער. א גוי", מאכט ער, „האָט מוירע טאָמער שטארבט ער, וועט ער שוין סיי ווי סיי נישט דארפן עסן, עסט ער, לעבט ער".

...א מאָדנער שרייבער זענט איר, נאדיר. איר האָט נישט קיין באזונדערן שרייבטיש, קיין באזונדערע הענטל-פענעס, און איר שלאָגט נישט די קינדער מיט עטלעכע שאָ פריער איידער איר זעצט זיך אפן... שרייב-שטול.

...שרייב-שטול? בא אנדערע שרייבער איז דאָס א ב ר אָ כ - ש ט ו ל.

...וועמען זוכט איר, נאדיר? מעלאכרינאָן? ער איז נישטאָ. איך האָב אים איבערגעלאָזט לעבן יאַם.

... וואָס איכל אים גיין ברייגנגען, אז אייער קאָטלער זאָל אים אויסכאפּן און אים אריינשטעלן זונטיק אין דער „פרייהייט"? — כ'מיין!...

...און דער בעהיימעניק ל אָ ז ט זיך!

איך טאָינג צו אים: מעלאכרינאָ, סימבאָל מיינער, אָקס, פערד, בעהיימע—זאָג איך צו אים—וואָס הייסט, דו גייסט אוועק פון מיר און ווערסט א סימבאָל בא עמיצן אנדערש? ווייסטעדעניש — (שרייבט טאַקע ווייסטעדעניש, נישט „ווייסטו-דען-נישט") ווייסטע-דעניש, אז דו ביזט מכויעוו צו ווארפן א שאָטן אף מיין כאראקטער, א ז (שרייבט טאַקע „אז", אָנשטאָט „ א ל ס ") א ז גענ-אידיאָט אנישט צו וואָס האָב איך דיך בידארפט אויסטראכטן, דו פלאָקן איי-נער דו?

...איך האָב א קופּלעטל וועגן א שרייבער, וואָס שרייבט „נאָ-בעל":

דער שרייבער לעמל פּוטערגלאַנץ
איז זייער נאָבל.
דאפאר נוצט ער נישט באַם שרייבן
קיין פראָסטע פעדער פון א גאנז.
אָנשטאָט דעם נוצט ער א שוואנס.
פארשפּאַרט ער טראָבל.

...פארוואָס עפּעס פּאָעזיע, אין מיצקעדערינען? איז דער טע-רעץ: אלצדינג האָט היינט פליגל, אלצדינג פליט! אפילע ווערטער

ווילן היינט נישט גיין צופוס. נאכוואס? אז סע איז א סאך אינ־טערעסאנטער צו זיין א „פליענדיקער נאר", ווי א פיעכאטנער כאַ־כעם.

...איר ווייסט, נאדיר, היינטיקע צייטן מוז מען נעמען אלדינג מיט גוואלט—אז מע נעמט נישט מיט גוואלט האט מען נישט.

...אמאליגע יארן פלעגט מען שמייכלען צו... דער מאדאם אומ־שטערבלעכקייט. היינט מאכט מען אף איר א „האלד־אפ".

...די נאטור איז ווי א פרוי. האט באהאלטענע אויצרעס און וויל נישט ארויסגעבן.

...נעמט אשטייגער ראדיא: נארישע נאטור, וואס האלסטו בא זיך די ראדיא? וואס ווערסטו טאן דאמיט? גיב עס אוועק דיין גע־ליבטן, דעם מענטש!

...ניין, זי וועט נישט געבן, די נאטור. מיט גוואלט דארף מען עס בא איר נעמען.

...דעם גאנצן קויעך פון דער וויסנשאפט דארף מען פארטועען אף איר, קעדיי זי צו אטאקירן און אויסנארן דאס ביסל — ראדיא.

היינט דער גרויסער „קריזיס" אין די נאדלפאבן.

מיילע, וואס עמעס איז עמעס: איך בין דאך מער אידיאט ווי יוניאנמאן, אבער דער איצטיקער קריזיס רירט מיך אן נישט ווייניקער ווי איינעם, וואס איז נישט קיין אידיאט.

פארוואס? אליין פארשטייט איר נישט, נאדיר, איר דארפט נאך פרעגן? וואו מע קומט אריין באטאג אין א שטוב אריין, איז דער מאן אינדערהיים, עב-עה־כע! (שרייבט, אז בא די־א ווערטער טו איך א געשמאקן זיפץ!)

...איך ווייס נישט, צי עס איז נאך דא א סאך לעזער, וואס גע־דיינקען אייער לייזער־עליען. איך אבער האב אים ליב געהאט און האב אים נאך ה י י נ ט אויך ליב אהאוואס־עפעש.

עמעס, לייזער־עליע האט קיינמאל גארנישט אויסגעטראכט קיין נוצלעכע זאך, נאר אין זיין ו ו ע ל ן אליין איז שוין געווען עפעס אזוינס — וואס זאל איך אייך זאגן! עס האט גערירט ביז פרייד, ביז טרערן.

איך געדענק נאך ביז היינט זיין „ספאסיב" (דאס איז געווען אין די מילכאמע־יארן, אונז צו לענגערע יאר!) אז אנשטאט שיסן אפן סוינע מיט ביקסן-קוילן און מאכן אין אים וואונדן, דער „רויטער קרייץ" זאל דערנאכדעם האבן ארבעט צו פארבינדן דיזעלבע וואונדן מיט וואטע (אף וואטע איז דעמאלט געווען א גרויסן יאקרעס), אמער

זאָל מען לעבאַטבילע שיסן מיט וואַסע, וועט מען פאַרשפּאָרן אַלע אומגליקן.

אָדער זיין פּעטן געגן סובמארינעס: מע זאָל מאַכן אַ לעבל אין יאַם, סע זאָל ארויסרינען ס'וואַסער. אַפּן זעלבן פּרינציפּ האָט, שיינט־מאַ, לייזער־עליע אויסגעטראַכט אַ בריק איבערן יאַם, וואָס האָט איר באַזע אין סאַמע מיטן פון אָקעאַן. דער סייכל דאָפון איז אַזוי: באַם איי־ראָפּייאַישן ברעג, לאָמיר זאָגן, אין שערבורג, גייען ארויף מענטשן. און אַף דער אַמעריקאַנער זייט, לאָמיר זאָגן אין ניו יאָרק, גייען ארויף מענטשן. דערוווייל הויבט זיך די בריק אָן דרייען—די אַמעריקאַנער פּאַסאַזשירן פּאָרן קיין „יוראָפּ“, און די „יוראָפּשע“ פּאָרן קיין אַמע־ריקע—אינדערזעלבער צייט.

לייזער - עליע׳ס נייסטער „פּעטענט“ איז אַ דרעי־בריק איבערן ים, אַפּן מוסטער פון די דרעי־בריקן, וואָס געפינען זיך איבער קליי־נע אַמעריקאַנישע טייכן. דינעמבלעכע (שרייבט טאַקע די נעמבלעכע מיט אַ „בעים“) בריק, ווי איר ווייסט, דרייט זיך אוים אינ־דערלענג, אַזוי אַז אַ שיף זאָל קענען דורכגיין.

...איך ווייס נישט, צי איך האָב אייך געמאַכט די זאַך זייער קלאָר, נאַדיר. מע וואָלט באַדאַרפט געבן דערצו אַ דיאַגראַם, נאָר איך האָב דערצו קיין צייט נישט.

...איך האָב אויך פאַרגעסן צו זאָגן, אַז אַזוי ווי דער שפּיץ פון לייזער־עליעס בריק דרייט זיך אַרום אַלע לאַנד־ברעגן, וועט מען קע־נען אַראָפּגיין וואו מע וועט וועלן—אין אַטלאַנטיק סיטי, אין קוני איילאַנד, אין קאַנאַדע, און די בריק וועט אפילע נישט באַדאַרפן בליי־בען שטיין.

סע וועט זיין פּונקט ווי מיט די „באַוועגלעכע טרעפּ“, וואָס איר זעט אין אַמעריקע. אַז איר קומט צום ברעג, כאַפּט איר זיך אַראָפּ און די טרעפּ גייען ווייטער.

נאָכמער: טאָמער, לעמאָשל, לאָזט איר זיך ארוים פון אַמערי־קע אַף לייזער־עליעס דרעי־בריק און אין אַ טאָג אַרום זענט איר זיך מיאַשעוו, אַז איר ווילט פּאָרן קריק, דאַרפט איר נישט וואַרטן ביז איר׳ט קומען קיין אייראָפּע, און דאָרטן אַראָפּגיין און זיך איבערזעצן אַף אַנאַנדער שיף—ניין. אינדערזעלבער צייט וואָס אייער האַלבע זייט דרייט זיך קיין אייראָפּע, קענט איר אַריבערגיין צ ו פ ו ס אַף דער אַנדערער האַלבער זייט, וואָס דרייט זיך קיין אַמעריקע און פּאָרן קריק...

נאָכמער: מע קען מאַכן אַז אַף דער דרעי־בריק זאָל גיין אַ באַן אויך, אַזוי אַז מי זאָל קענען ארויספּאָרן פון ניו יאָרק און אין

עטלעכע טעג ארום אָנקומען קריק קיין ניו יאָרק, נאָך איידער מי האָט זיך אריבערגעדרייט קיין „יוראָפּ".

און אז מען רעדט שוין וועגן פּעטענטס, וועל איך טאָן ווי א גע־וויסער אידישער שרייבער טוט ווען ער „לייענט א רעפעראַט" איבער אידישן הומאָר.

ער טוט („נעמבלעך") אזוי: ער קומט ארויף אױף דער עסטראַ־דע, פּאַרנייגט זיך און גיט א מאַך: „ווערטע אידן און אידענעס, איך וועל אייך לייענען א רעפעראַט וועגן אידישן הומאָר. פאַראַן פירער־ליי אידישע הומאָרן. איין הומאָר איז שאָלעם־אַליײכעמס. איך וועל אייך איצט לייענען שאָלעם־אַליײכעמס „בערדיטשעווער האָטעלן". (ער לייענט און ווערט פּאַרטיק). דער צווייטער סאָרט הומאָר איז אַוור־ראָם רייזענס. איכ'ל אייך איצט לייענען „שטילע טריט". (ער לייענט און ווערט פּאַרטיק). א דריטער סאָרט הומאָר איז מוישע נאַדירס. כ'על אייך לייענען „פּינפּערלעך". (ער לייענט און ווערט פּאַרטיק). איצט, מאַכט ער, וועל איך אייך לייענען מיין אייגענע זאַך — דאָס איז דער פערטער סאָרט הומאָר (ער לייענט און ווערט פּאַרטיק).

און איצט, מאַכט ער, אז איך האָב אייך שוין קלאָר געמאַכט וואָס אידישער הומאָר איז, דאַנק איך אייך, מאַכט ער, פון טיפסטן הארצן, און האָט מיר, מאַכט ער, א גוטע נאַכט.

6

געלייענט אנומעלט פון היפּאָליט טען א באַשרייבונג (אין זיין בוך „דער פאַרצייטיגער רעזשים") וועגן דעם ווי אזוי דער „קעניג" שטייט אויף פון בעט, אינדערפרי.

אָט איז א טייל דאַפון. דרוקט עס. עס איז טשיקאַווע.

פינפערליי געסט קומען אינדערפרי צום קעניגס אויפשטיין. אלע קעניגלעכע וואַרטצימערן—כאָטש זייער גרויסע—זענען געפּאַקט מיט מענטשן.

צומערשט קומען פּרינצן און פּרינצעסינס. לעבן זיי גייען די דאָקטוירים, כירורגן, און אזוי ווייטער.

דערנאָך קומען די הויפּט קאַמער־לייט, די גראַנמאַסטערס, דער מאַסטער פון גאַרדעראָב, דער ערשטער זשענטלמאַן פון שלאָפצימער, די דוקסן פון אָרלעאַנס און פּאַניעווער, און די ערן־דאַמען, וואָס באַ־דינען די קעניגין. דערנאָך קומען מאַדאַמען, פּרינצעסעס, פּריזירערס, שניידערס און אַנדערע באַדינער.

דערווייל נעמט מען דעם קעניג און מע גיסט אים אויף אױף די

הענט שפּירט פון הייליגן וואַסער, ער צייל׳עמט זיך איבער און זאָגט די בראָכעס.

דערנאָך קריכט ער אַרויס פון בעט, בעיס די אַלע געסט קוקן צו, און טוט־אָן די שטעק־שיך. דער ערשטער קאַמער־מייסטער און דער „ערשטער זשענטעלמאַן" דערלאַנגען אים דעם שלאָפראָק. ער טוט אים אָן אויף זיך און דער זעצט זיך אַוועק אויף דעם זעסל, וואו ער דאַרף זיך אָנטאָן די איבעריגע קליידער.

... באַוויסע הרגעע עפנט זיך די טיר און סי קומט אַריין די דריטע גרופּע—די סיניאָרן, וואָס האָבן דאָס גרויסע פאַרגעניגן צו זיין באַם קעניגס „אויפשטיין". סי קומט אויך אַן אַפּטייל באַדינער, דאָקטויר־רים, כירורגן, די אַמוזיר־מייסטער, לייענערס, און אַנדערע. צישן די לעצטע געפינען זיך אויך די לייט וואָס גיבן אַכטונג אויף דעם קעניגס פּריוואַטע באַקוועמלעכקייטן. אַ קעניגס וויכטיקייט איז אַזוי גרויס, אַז קיינער פון זיינע פונקציעס קענען נישט אויסגעפירט ווערן אָן עידעס.

אַזוי גיך ווי די גאַרדעראָב־אָפיצירן נעמען אָנטאָן דעם קעניג, באַווייזט זיך „דער ערשטער זשענטעלמאַן" און לייענט־פאָר די נעמען פון די אַדעליגע, וואָס וואַרטן באַ דער טיר. דאָ קומט אַריין די פערטע גרופּע, וואָס איז נאָך גרעסער פון דער דריטער. צישן זיי געפינען זיך אויך די מאַנטל־טרעגערס, שאַל־טרעגערס, און אַנדערע גרויסע אָפיצירן. דער קירך־אויפזעער, דער מייסטער־פון־דראָשעס, דער קאַפּיטאַן פון קעניגס לייבוואַך, דער קאָלאָנעל־גענעראַל און דער מאַיאָר פון דער פראַנצויזישער גוואַרדיע, דער הויפּט פון קעניגס רעגימענט, די צערעמאָניע־מייסטערס, דער הויפּט וועלף־יעגער, דער ערשטער לאַקיי, דער הויפּט פון דער קיך, די אויסלענדישע אַמבאַסאַדאָרן און מיניסטאָרן, די מאַרשאַלן פון פראַנקרייך און אַלע באַרימטע סיניאָרן און פּרעלאַטן.

אויפזעער צעשטעלן די גרופּן לויט זייערע ראַנגען און אַז סע איז נויטיג, שרייט מען אויף זיי אָן זיי זאָלן שווייגן.

דערווייל נעמט זיך דער קעניג אַרומוואַשן און אָנטאָן. צוויי פּאַזשן נעמען אים אַרונטער די שטעק־שיך. דער גראַנמאַסטער פון גאַרדעראָב ציט פון אים אַראָפּ ס׳נאַכטהעמד. איינער נעמט עס אָן באַם רעכטן אַרבל און דער ערשטער גאַרדעראָב־דינער ביים לינקן אַרבל. ביידע דערלאַנגען עס צו אַן אָפיציר פון דער גאַרדעראָב, בעיס אַ באַדינער נעמט צו ס׳העמד און וויקלט עס איין אין ווייסן פּאַלש־זייד.

איצט שטייט מען באַ אַ זייער ערנסטן פונקט פון דער צערעמאָ-

ניע. די פינפטע גרופע דערשיינט און ווערט פֿאַרגעשטעלט. אין עט־לעכע רעגעם נאָכדעם ווי מע האָט דעם קעניג אָנגעטאָן ס׳העמד, בלייבן אַלע שטיין אַרום אים מיט ערפֿאַרכט, סיי אַף די גאַלעריען, סיי אין די זאַלן.

דאָס אָנטאָן פונם העמד איז פאַרבונדן מיט אַ סאַך פייערלעכ־קייט. דער קאָוועד פון דערלאַנגען דאָס העמד געהער צו „די זין און אייניקלעך פון פראַנקרייך", און אויב זיי קומען נישט—צום הויפּט קאַמערמייסטער און צו דעם „ערשטן זשענטעלמאַן פון שלאָפצימער". דאָס לעצטע פּאַסירט אָבער קימאַט קיינמאָל נישט, וואָרין סיי די פּרינצן, סיי די פּרינצעסינס מוזן זיין בא דעם קעניגס אויפשטיין און אויך באַם אויפשטיין פון דער קעניגין.

איצט דערלאַנגט מען דעם קעניג ס׳פרישע העמד. אַ באַדינער טראָגט אָוועק דאָס אַלטע העמד. דער ערשטער באַדינער פון גאַר־דעראָב און דער ערשטער קאַמערדינער האַלטן ס׳פרישע העמד בא ביי־דע אָרבל. בעים אַנדערע הויפּט-דינער פאַרשטעלן דעם קעניג מיט אַ שלאָפראָק—מע זאָל נישט זען, ווי ער טוט־אָן דאָס העמד.

איצט איז דאָס העמד אָנגעטאָן. עס הויבט זיך אָן דער טואַלעט.

אַ קאַמערדינער האַלט לעבן קעניגס פּאָנים אַ שפּיגל און צוויי אַנדערע באַדינער באַלויכטן דעם שפּיגל פון ביידע זייטן, מיט שטור־קאַצן. דער גראַנמאַסטער פון גאַרדעראָב טוט אים אָן דעם בלאָען באַנד און די שווערט. דאָ באַווייזט זיך דער קראַוואַט־מייסטער. ער ברענגט עטלעכע קראַוואַטן אין אַ געפלאָכטן קיישל. דער קעניג קלייבט אויס וואָס אים געפעלט און דער גאַרדעראָב־מייסטער בינדט אים אויס דעם שניפּס.

דערנאָך קומט דער נאָזטיכל-מייסטער מיט דריי טאַשנטיכלעך אַף אַ זילבערנעם טאַץ. דער גאַרדעראָב־מייסטער דערלאַנגט דעם טאַץ און דער קעניג קלייבט זיך אויס אַ נאָז־טיכל. איצט דערלאַנגט מען דעם קעניג זיין הוט, שטעקן און האַנט־שיך. דער קעניג מאַכט אַכט טריט אין דער זייט פון בעט, לאָזט זיך אַראָפּ קניען אַף אַ זיידן קישעלע און הויבט אָן מיט אַ שטיל קאָל צו זאָגן : „קוועסומוס, דעיוס אָמניפּאָטענס".

אַט־אַזוי מאָלט דער גרויסער שרייבער היפּאָליט טען דעם קע־ניגס אויפשטיין, באַלעקט זיך פון די פיינע צערעמאָניעס מיטן קווי־טיקן העמד און מיטן ריינעם העמד.

...זייט געזונט, נאַדיר, און האָט קיין פּאַראיבל נישט, וואָס איך האָב אייך היינט געזאָגט פּ ר ע מ ד ע טוירע.

7

...מיינע העלדן? פּיצצעלי, גיצצי, לייזער־עליע, מעלאַבּרינאַ.

איך וואָלט באַדאַרפט מאַכן אַן אויסשטעלונג פון זיי. זאָל די וועלט זען, אַז איך בין נישט איינער, נאָר אַ סאַך.

נעמט אַשטייגער מעלאַבּרינאַן: וואָס איז ער? אַ שאָטן.

פונדעסטוועגן קומט ער מיר צעניץ: טוט מיר ווי דער קאָפּ, גייט ער אַרומגעבונדן דעם שטערן פאַר מיר. פאַרקיל איך מיך, הוסט ער פאַר מיר. איז מיר לאַנגווייליג, גענעצט ער פאַר מיר.

זעץ דיך, מעלאַבּרינאַ! ער שטייט און קוקט מיר אין די אויגן אַריין, בעת איך רעד צו אייך, נאַדיר. אָט קוקט אים אָן, כאָטש נעם מעלק אים אויס. קאָן, דאַכט זיך, קיין צוויי נישט ציילן, אַ־יאָ? וואָלט איר אים באַדאַרפט אָנקוקן דעם סימבאָל מיינעם, ווען ער כאַפּט זיך אַריין אין אַ ליד פון אַ היינטמאָדישן דיכטער!

איר זאָגט פּאָעזיע, נאַדיר: צייטן בייטן זיך. נייע פיינגל, נייע לידער.

אַמאָל פלעגט דער ערשטער מאַי זיין לויטער פּאָעזיע, און גרין ווי אַן אוגערקע. היינט איז ער לויטער געשריי און איז רויט ווי אַ סרייפע.

פּיצצעלי זאָגט טאַקע: אַמאָל, זאָגט ער, פלעגן מענטשן שטורכען גאָט מיט די עלנבויגנס, ער זאָל נישט אַנטשלאָפן ווערן. היינט שיסט מען צו אים אַרויף מיט „אייזערנע־בערטאַס".

און אַז מע רעדט שוין וועגן שיסן, נאַדיר, וועל איך אייך אויסזאָגן אַ סאָד, אַז אונזער לייזערליע האָט דערפונדן אַ נייעם ביקס, וואָס שיסט צוויי מאָל אַהין און איינמאָל קריק. ד. ה. יעדער דריטער שאָס קען טרעפן דעם שיסער אַליין, אָדער זיינע שכנים.

דער געדאַנק דערפון איז: אַזוי ווי אין צייט פון קריג, קאָן מען דאָך נישט האַלטן קיין כעשבן אַקוראַט וועלכער ס'איז דער דריטער שאָס, וועט מען מימיילע זיך מוזן אָפּזאָגן פון שיסן, און אַף אַזאַ אויפן, זאָגט לייזער־עליע, וועט אָפּגעשאַפט ווערן מילכאָמע פון דער וועלט.

איר האָט געלייענט, נאַדיר, דער וואַרשעווער שרייבער י. י. זינגער האָט אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז ער וויל זיך מער נישט אָנקערן מיט די אידישע ליטעראַטן.

אַביסל געדעכט איז ער—דער י. י. זינגער. קיין געהויבענע מי־שפּאָכע איז זי נישט—די איצטיגע אידישע שרייבער־מישפּאָכע, וואָס טראָגט ווידענע ספּאָדיקעס און גלאָצט די אויגן, און קוילעט פּאַנבירן...

און אז א לייטישן מענטשן קערט די גאַל פון זיי, דאָס איז אויך עמעס. קוקט אָן ס'ראָוו „זיידענע ליטעראַטן" בא אונז, זעען זיי נישט אויס, ווי „קאָפּווייטיק פּראַשקעס אין געלע פּאַפּירלעך"? (הייגעס אַן אויסדרוק).

...נאָר ווען וואָלט עס גערעדט געוואָרן? ווען י. י. זינגער זאָגט זיך אינגאַנצן אָפּ פון שרייבן, אָבער לאָזן קופּערן *) איינשלינגען זינגערן דאָס איז שוין נישט נאָר א כאָכמע, נאָר א וואונדער.

סע איז קימאַט דאָסזעלבע וואונדער ווי ווען א פלוי זאָל, לעמאָשל איינשלינגען א בער.

מאָרים שוואַרץ האָט פיינט „פּובליסיטי" — אָבער ווייסט איר ווי אַזוי פיינט? אַף סאַמע בראָדוויי און 42טע גאַס קריכט ער ארויף אַף דעם וועבסטער-טורעם (וואו עס שטייט געוויינטלעך דער פּאָליציאַנט, וואָס גיט די פאַרקער-סיגנאַלן) און שרייט אראָפּ: „גוואַלד אידן! אידן, גע-וואַ-לט!! איך וויל נישט קיין פּ-אַ-ב-ל-י-ס-י-ט-י!!!"

מיט הענרי פאָרדן איז אויך געווען די אייגענע מייסע:

ער פאָרט אַף דער שיף קיין אייראָפּע, באַהאַלטן אונטערן נאָמען „ראָבינסאָן", קעדיי קיינער זאָל ניט וויסן, אַז דאָס איז ע ר, און מען זאָל אים נישט דאַקוטשען.

גייט אַוועק א טאָג און צוויי און קיינער דאַקוטשעט אים נישט. ווערט ער שוין אומרואיק און באַנאַכט, ווען אַף דער שיף איז א קאָנצערט און פּאַסאַזשירן טאַנצן און פאַרברייינגען זיך און אים, דעם מיסטער ראַבינסאָן, באַמערקט מען אפילע נישט, ווערט ער שוין טאַקע גוט אין קאָפּ אונזער הענרי און ער שפּרינגט ארויף אַף דער פּלאַטפאָרם, וואו די קלעזמער זענען, און הויבט אָן שרייען:

— העי, דאָרטן, איר אַלע... הערט זיך איין... איר ווייסט ווער איך בין? איך בין נישט מיסטער ראָבינזאָן, איך בין הענרי פאָרד.

8

כ'ווייס, נאַדיר, אַז איר און אייערע לעזער האָבן זיך שוין פאַרבענקט נאָך דעם אַלטן לייזער-עליען אליין, פערזענלעך, ווי מע זאָגט. וועל איך אים טאַקע באַלד אריינפירן. ער שטייט דאָ אין דרויסן און וואַרט. ס'איז דערזעלבער לייזער-עליע, נישט געמינערט א האָר.

*) אונטערן נאָמען „קופּער" שרייבט י. י. זינגער ביליקע סענזאַציע-קאָרעספּאָנדענציעס אין ניו יאָרקער „פאָרווערטס".

מיטן זעלבן לאַנגן ציגאַרנשפּיץ, און מיט די פראַנציאָזעפּישע באַקענ־בערד, און מיט דעם אונגאַרישן אידיש זייַנעם, וואָס מע דאַרף אים פאַרשטיין, ווי, לעמאָשל „שביצי״, פאַר „איך ביטע זי״ און „פסאַ־קלייניקייט״ פאַר: „עפּעס אַ קלייניקייט״ און „בזימיר אַ גוטע נאַכט״ פאַר „האָבן זי מיר אַ גוטע נאַכט״, און ענלעכע אידישע אונ־גאַריזמען.

...איך זע, נאַדיר, אַז איר זיצט אָנגעטאָן אין ראָק און איר... דענקט. דאָס איז מיר אַ שטיקל כידעש. וואָרין לויט ראַדינס סטאַ־טוע „דער דענקער״ קומט אויס, אַז קעדיי צו דענקען, מוז מען אויס־טאָן די הויזן מיטן העמד.

שאַ, אב. קאַהאַנס כאָכמע האָט איר געלייענט? „אינם קלאָוק־מאַכערפאַך״ זאָגט ער, „זענען איצט דאָ צופיל אַרבעטער, דענק איך״, מאַכט ער, „אַז סע וואָלט געווען גלייך ווען אַ גרויסער טייל פון זיי גייען אוועק פון שניידעריי, און ווערן פאַרבערס...״ וועלן דאָך אַרויס־געשטויסן ווערן מענטשן פון „פּיינטעריי״, וועלן זיי ווערן... בלע־כערס. וועלן דאָך בלעכערס אַרומגיין ליידיג, וועלן זיי ווערן קעז־מאַכערס... וועלן דאָך די קעזמאַכערס שטאַרבן פון הונגער, וועלן זיי ווערן שיפסקאַפּיטאַנען. וואָס־זשע וועלן מיר טאָן מיט אַזוי פיל שיפסקאַפּיטאַנען? וועלן ס׳ראָוו שיפסקאַפּיטאַנען מוזן ווערן וויגל־מאַכערס... וועלן דאָך די וויגלמאַכערס...

אב. קאַהאַנס פּאָליטישע עקאָנאָמיע דערמאָנט אָן יענעם בעס־מעדרעש־באָכער, וואָס האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויב אַלע איטאַליענער זאָלן זיך אַ גאַנצן טאָג, איינס ס׳אַנדערע פּוצן די שיך, און ווען אַלע כינעזער (אין כינע) זאָלן זיך איינס ס׳אַנדערע קעסיידער פּרעסן די העמדער, וואָלטן זיי דאַפון אַליין שוין געקענט מאַכן אַ שיין לעבן!

...איצט, ליבער נאַדיר, פאַרנייג איך מיך גאָר העפלעך, און גיב איבער דאָס וואָרט אונזער אַלטן לייזער־עליען. לאָז ער אייך אַביסל נידען. נישקאָשע, איר האָט אים געגוג באַשריבן אַף די בלעטער, אין י ע נ ע יאָרן, ווען איר ביידע זענט נאָך געווען יונג און אַביסל קליגער, לאָמיר זאָגן, ווי היינט! היינט טראָגט שוין לייזער־עליע אַ האַרטן קאַפּעליוש, און איר אַליין, נאַדיר, וואָס וועט פון אייך ווערן? זעט ווי אַנדערע שרייבער האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט בײַ ציוניזם, בײַ פּויצאַדיקיזם, בײַ בונדיזם, אַפּילע בײַ אַנאַרכיזם... און איר וואָס? דאָס איז אַ פּאַרנאָסע? נאָר וואָס וועט העלפן מיין רעדן? איך, נאָר,

רעד... העי, לייזער־עליע, לייזער־עליע, איר קענט שוין אריינקומען, און איבערנעמען מיין פלאץ.

:: :: ::

— זיצט, לייזער־עליע.

— 'שדאנקע אינען.

— וואס מאכט איר? ווי גייט עס אייך?

— וואס זאל איך מאכן, נעביש? (נעבעך) איך מאך „פע־טענטס“, וויסענסי.

— נאך אלץ פעטענטס?

— שביצי, וואס דען זאל איך מאכן? שראבן ספארים? און אז אז שראבן שוין ספארים, וואס קומט אינען ארויס?

— דאס איז ריכטיק־ לייזער־עליע.

— אף וואסארא „פעטענט“ ארבעט איר איצט, לייזער־עליע?

— איך ארבעט איצט אף גאר א גרויסע זאך, וויסנזי. אבער עטוואס קאלא—ווי זאגן זי—סאלעס.

— א שטייגער?

— ס'א „פעטענט“ ווענן א באד־קאסטיום פאר מענטשן, פארשטייענזימיך, וואס לײדן פון רומאטעס.

— הם, אזוי.

— איך האב אויסגעטראכט א באד־קאסטיום, וואס איז געמאכט פון ג ו מ י, אזוי אז סי זאל נישט קענען דורכנעצן. געפעלצי־נען?

— יא, סע געפעלט מיר זייער. נאר וואס וועט איר טאן מיטן פאנים? ס'פאנים קען מען דאך נישט פארדעקן—מע דארף דאך אטעמען.

— האבן מיר צו דעם אויך א מיטל, און צוואר: א ס ו ב־מ א ר י ן. מע זאל זיך ארפלאזן אין וואסער ארייך מיט א סובמא־רין, וועט שוין דאס פאנים אויך נישט נאס ווערן.

לייזער־עליע האט פארדרויכערט א האלבן פאפיראס, אין א לאנ־גען ציגארשפיץ, זיך צענומען די באקנבערד, און ווייטער גערעדט:

— וויסנזי, דערזעלבער קאסטיום איז גוט פאר ווינטער אויך. ווייל ער איז אונטערגעשלאגן מיט פוטער. נישמער, ווינטער טראגט מען דעם קאסטיום מיטן פוטער אינעווייניג, זומער קערט מען אים אויס, מיטן פוטער צום וואסער.

דערזעלבער קאסטיום האט נאך א מאילע: מע קען זיך מיט אים באדן א ו מ ע ט ו ם. ביז איצט, פלעג מען שטענדיג צו א

באַר־אָנצוג דאַרפן האָבן אַ...יאָם, אָדער אַ טייך. צו מ י י ן אַנ־צוג איז דאָס אַבסאָלוט נישט נויטיג. געפעלצינען, נאַדיר?

— זייער!

...האָב איך נאָך אַ פּעטענט. זאָל איך אײַנען אויסזאָגן איצט, צי זאָל איך עס האַלטן אויף איבעראַכטאָג?

— דערציילט היינט, לייזער־עליע. איבעראַכטאָג וועט איך אויסטראַכטן אַ נײַעם „פּעטענט".

— סי ריכטיק. באַ מיר שפּילט קיין פּעטענט קיין ראָלע נישט. איך האָב זיי אין די הונדערטער! אַלזאָ, הערנזי: ס׳איז וועגן אייביקן... פליש—דאָס הייסט, אַז מע זאָל נישט דאַרפן קוילען קיין בעהיימעס, אַז מע זאָל קענען עסן אַ שטיקל פליש ביליק.

— אַ שטייגער?

— אַ שטייגער. אָנשטאָט שעכטן בעהיימעס, וואָס דאָס איז מיעס און ברוטאַל, און... ווי לאַנג קענען זיך איבערהויפּט האַלטן די בעהיימעס, אַז מע האַלט זיי אין איין קוילען? נישוואַר?? האָב איך אַ פּעטענט, אַז יעדער באַלעבאָסטע זאָל האָבן אין קיך אַ לעבע־דיגע בעהיימע, און ווען זי וועט דאַרפן האָבן פליש, זאָל זי אָפּשנײַ־דען באַ דער בעהיימע אַ שטיק זאַדיק, און גלייך צולייגן צו דער בעהיימע אַזוינע פלאַסטערס, סי זאָל זיך שנעל פאַרהיילן! ביזוואַ־נעט ד י העלפט זאַדיק פאַרהיילט זיך, קען מען דערווייל שניידן די אַנדערע העלפט, און אַזוי קעסידער. זי פאַרשטייען? אַז די בע־היימע לעבט, איז דאָס פליש איז שטענדיק פריש, און וועגעטאַריער מעגן דאָס עסן, ווייל דער צאַרבעלאַכאַיעם איז אינגאַנצן באַזייטיקט. איז דאָס נישט קאָלאָסאַל, נאַדיר?

— אָן סאָפּעק!

— נו, זעען זי שוין—מאַכט לייזער־עליע—אַבי זי האָבן גע־מיינט, אַז אויף דער עלטער בין איך קאַליע געוואָרן. און וויסנזי, וואָס כ׳על אײַנען זאָגן, נאַדיר? זי האָבן געמאַכט אַ גרויסן אירטום מיט דעם, וואָס זי האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון מיין קאָרעווו, דעם הער בערל מק־פאַדן (פאָדענמאַכער)! דער עמעס איז, אַז א י ך בין גאָר דער געניאַלער אידיאָט, נישט ע ר... איך בין זיכער, אַז איר וועט דאָס מיט דער צייט איינזען, הער נאַדיר. דאָס איז אַלעס וואָס איך אײַ־נען צו זאָגן געהאַבט האָבן מעכט.

...ב׳זימיר אַ גוטע נאַכט!

9

...וואָס איר זאָגט, נאַדיר? דער „פּען־קלוב" האָט אייך טאַקע געמישפּעט פאַר ערן־באַליידיקונג? וועמענס ערע? אַהאַ, שמועל

ניגערס.—בראַש זענען זיי לויטער „ערע” די שרייבערס—פון קאָפּ ביז צו די פיס! ס'אַ געפּאַר מיט זיי זיך אָנצוהייבן.

...ציטערדיקע בסולעס, מיט ערעס, און מיט „ערנגעפילע”.

אין וואַרשע גייט אַ אידישער שרייבער און נעמט־איין סאַם, ווייל אַ קריטיקער האָט אים „גערירט די ערע”. האָט מען אים אָפּגע־ראַטעוועט, אָבער איצט איז שוין דעם קריטיקערס ערע געווען גע־רירט, און ער איז אַרומגעגאַנגען צישן די וואַרשעווער ליטעראַטן און געבעטן מע זאָל אים אַנטלייען אַ פלעשעלע סאַם (אין וואַרשע טראָגט יעדער אידישער שרייבער אַ פלעשעלע סאַם אין 1 קעשענע, און אַ קריטיק פון נאַכמען מייזל אין דער אַנדער קעשענע!)

...מיר קומט פאָר, נאַדיר, אַז ווען איר זאָלט זיין אין וואַרשע, וואָלט איר באַדאַרפט זיך סאַמען דריי מאָל אַ טאָג—יעדן טאָג, כּוץ שאַבעס און זונטיק. דעמאָלט וואָלט איר זיך באַדאַרפט סאַמען נאָך עטלעכע מאָל ע ק ס ט ר.

סי געפעלט מיר דאָס כאַבעמל פון „טאָג”, דאָס צווי (יאַקל) רובינשטיינדל, וואָס סי לעבט נאָך ביז היינט אויף די עטלעכע כאַבמע־ברעקלעך, וואָס ער האָט אַראָפּגענאַשט פון אייער טיש, נאַדיר, בעיס ער האָט אייך נאָך נאָכגעטראָגן ס'רענצעלע.

דאָס נעמלעכע גייסטיקע קוציקל, דערמאָנט מיך אָן די צוויי קליינע אינגלעך, וואָס האָבן געוואָלט שפּילן אין... אויטאָמאָביל.

„ווייסטו וואָס”, האָט געזאָגט דער גרעסערער, „לאָמיר שפּילן אין אויטאָמאָביל. איינער פון אונז וועט פייפן און איינער וועט שטינקען”.

אויף דעם האָט געענטפערט דער קלענערער, וואָס איז געווען אַביסל טשיפּיליאַווע, און ער האָט פאַרביטן אַ קוק פאַר אַ טעם: „פייפן מען איך ניט, אָבער סטינטען טען איך”.

...דאָס פירט מיך אַרויף אויף דעם געדאַנק וועגן דעם „ק. ק. ק.”.

...די דייטשע פּלישטים האָבן אַ קאַ־קאַ־קאַ פון: „קינדער, קיך, קירך”.

די אַמעריקאַנער פּלישטים האָבן אַ קאַ־קאַ־קאַ פון — ווייסט איר דאָך: קו־קלוקס־קלען.

די אידישע פּלישטים האָבן אַ־קאַ — אַ קעהילע־קדוישע.

...פאַרוואָס באַ די אידן איז מיט איין „קאַ” ווייניגער? דאָס איז דערפאַר, וואָס אידן זיינען אַ שוואַך פאָלק.

...שאַ. איך האָב די לעצטע צייט גאָר פאַרגעסן, אַז איך קען רעדן אויף עטלעכע שפּראַכן: קעל באַ זשור, וואָס פאַר אַ שיינער טאָג היינט איז, שע בעלא זשיאַרנאַטאַ, קע הערמאָזאַ דיאַ!

...לייזער־עליע? בהע. יענער איז אַן אָפּגעשטאַנענער מענטש, מיט ווילדע פּעטענטס. וואָס האָט ער דערפון? ער איז געווען אַן אָרימאַן און איז געבליבן אַן אָרימאַן.

און וואָס פאַר אַ „פּעטענטס" האָט ער, מישטיינס געזאָגט? מע זאָל מאַכן אַ לעבל אין יאַם, סי זאָל אויסרינען דאָס וואַסער, קעדיי מע זאָל קענען כאַפּן די סובמארינען. אָלרייט. סע איז נישט קיין שלעכטער „פּעטענט". אָבער צו וואָס קאַליע־מאַכן אַ גוטן יאַם? וואו וועט מען נעמען אַן אַנדערן? און וואָס וועט ווערן מיט „אונ־זערע ברידער, „די אידן פון יענער זייט יאַם", אַז סי וועט קיין יאַם נישט זיין?

...נעמט אַ שטייגער לייזער־עליעס „פּעטענט" מיט דעם פליגנ־פּאַפּיר פאַר... עלפאַנטן. ערשטנס, איז דאָס נישט זיין פּעטענט, נאָר אייערער. ס'אַנדערע: אַז מ'עט שוין כאַפּן, לאָמיר זאָגן, אַן עלעפאַנט אַף עלעפאַנט־פּאַפּיר, איז, ערשטנס... וואָס וועלן מיר טוען מיט די אַלע עלעפאַנטן? מירן אָנכאַפּן אַ פולע שטוב מיט עלעפאַנטן, דערנאָך וועט נישט בלייבן קיין פּלאַץ פאַר זיך אַליין.

...דערפאַר זאָג איך: לעב אַז סע לעבט זיך, און לאָז דער טויט גיין אין דר'ערד אַריין.

אַמאָל פלעגט נאָך דער טויט זיין אַ שטיקל נאָווינע. אָבער היינט... ווער שטאַרבט היינט נ י ש ט? פרעמדע מענטשן, וואָס איר האָט זיי קיינמאָל נישט אָנגעזען פאַר די אויגן, נעמען און.. שטאַרבן אַוועק!

...איר ווייסט, נאַדיר, עס איז פאַראַן אַ גוואַלדיק ראַפינירטע רישעס אין דעם „צדאָקע טאַצל מימאָוועס", וואָס מי רופט בעים מע גייט פאַראויס פאַר אַ מעס, און מע קלינגט אין דער פושקע.

הערט נאָר, כ'בעט אייך, אַ מענטש איז ערשט געשטאָרבן, טאַי־נעט איר, אַז ווען ער זאָל נישט געווען זיין אַ לויזער און געווען געבן צדאָקע, וואָלט ער זיך עפּשער געווען געראַטעוועט?!

דאָס הייסט: מע נעמט אַ מעס און מע שיט אים זאַלץ אַף די וואונדן!

10

העלאָ־יעס. איך. בערל מקפאַדן. דער געניאַלער אידיאָט אייע־רער, וואָס האָט אייך אַריינגעפּירט אין „טראָבל".

שוין אָנגעשריבן „טראָבל"?—איך בין איצט אַף די בערג, נאַ־דיר... דערפאַר רעד איך דורכן טעלעפאָן.

העלאָ־יעס, פאַרבינדונג איז זייער אַ שלעכטע—דאַפאַר הערט מען נישט...

אב. קאהאן דערמאָנט מיר אָן אַ אידן פון אונזער שטעטל. מע האָט אים גערופן דאָס קאפּעלוש־אידל.

דאָס „קאפּעלוש־אידל" איז געווען נעבעך אַ געמיין מענטשל. אָבער טאַקע געמיין וואָס געמיין הייסט... געלעבט האָט ער פון... היטן פרעמדע קאפּעלושן אין באָד.

אַז סי פלעגט קומען פרייטאָג, פלעגט ער שטיין אין „פּייצאַדיק שטיבל פון באָד" (אַזוי האָט מען גערופן דאָס אָרט וואו אידן פלעגן זיך אויסטאָן), און יעדער איד פלעגט אים געבן אַ גראָהצער, ער זאָל היטן זיין קאפּעלוש... אַז דאָס געמיינע קאפּעלוש־אידל פלעגט אָנטאָן עפּשער 50 קאפּעלושן איינס אויף ס׳אַנדערע, פלעגט ער ווערן באַ זיך גרויס, זיך האַלטן פאַר אַ „קאָפּ"־מענטש, וואָס פאַרדינט זיך זיין שטיקל ברויט מיטן — קאָפּ.

העלאָ־יעס, אַז דער ערעוו־שאבעס איז אוועק און ער האָט אויס־געטאָן די פרעמדע קאפּעלושן, איז ער געוואָרן קריק דאָס פּיצעלע מענטשעלע, דאָס גאָרנישטל.

גוד־באַי, איצט גיב איך איבער דעם טעלעפאָן מעלאַכרינאָן.

:: :: ::

יעהס, אַי־אַך, מעלאַכרינאָ. קכע. איך האָב אַ לידל. דאָס לידל גייט אַזוי:

דאָס קליינע קוציקל,
קומט זיך צונוציקל,
מיט זיין האָרבאַלע —
וואָס דינט אים פאַר אַ טאָרבאַלע.

נישט נאָר פאַר אַ טאָרבאַלע
דינט זיין האָרבאַלע;
אַמאָל איז דאָס אַ טרעף צו צווייגן
מיט גאָלדענע פייגן.

סיי־ווי־סיי: דעם צוציקל
קומט שטאַרק צענוציקל
זיין האָרבאַלע—
סיי אַלס אַ טרעף,
סיי אַלס אַ טאָרבאַלע!

גודבאַי, פּליז... איצט וועט צו אייך ריידן לייזער־עליע.

:: :: ::

...וויסנזי יאָ, העלאָ, דיזענע לייטע דענקען אַז מיינע „פּעטענטס"

זענען נישט קיין פּראַקטישע, האָב איך היינט, ווייסנזי, צוויי־דריי זייער ערנסטע פּעטענטס.

דער ערשטער פּעטענט איז מען זאָל מאַכן שוועבעלעך און טוט־פּיקס (צאָנשטעכערס) אינאיינעם אויף איין העלצל. אויף איין זייט זאָל עס ברענען און פון דער אַנדערער זייט זאָל מען עס נוצן אויף אויס־צוריינינגן די ציין.

העלאַ, וואָס? טאָמער וועט מען זיך פאַרברענען די ליפּן? האָט איר אַ גרויסע דאיגע!... מער האָט איר טאַקע נישט וועגן וואָס צו זאָרגן, נאָר טאָמער וועלן זיך פרעמדע מענטשן פאַרברענען די ליפּן.

האָבן מיר, העלאַ, איין מאָל אוועק!

דער צווייטער פּעטענט איז—וועגן אַ זייגער, וואָס דער אומרו זיינער זאָל שלאָגן קינדער און פוטער און מעלאַמדים

אָבער דיזענער פּעטענט איז נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעאַרבעט.

דער דריטער פּעטענט, העלאַ... זי הערן, נאַדיר, צי זי זענען שוין מיד, וועט אינען סיי־ווי־סיי גאָרנישט העלפן. איך מוז אינען דער־ציילן וועגן מיין דריטן פּעטענט, ווי אַזוי אָפּצוגעוויינען קינדער פון נאַשן זיסע זאַכן.

פאַרוואָס קויפן קינדער קענדי? ווייל ס'איז זיס. איז עס וואָר? נו, גוט, האָב איך אַ „פּעטענט", אַז אַלע ציקערלעך, אָדער בעסער גע־זאָגט, „קענדים", זאָל פריער באַשמירט ווערן מיט כינין, קעדיי סע זאָל זיין ביטער און קינדער זאָל עס נישט וועלן עסן, אין דערזעלבער צייט וועט עס שוין זיין אַ רעפוע קעגן געלן פיבער אויך—טאָמער וועלן זיי וועלן אַמאָל ווערן ציוניסטן און וועלן פאָרן קיין ערעץ איס־ראָעל זאָלן זיי קענען פאָרן!

העלאַ, וועגן דיזענער מישפּאָכע אין נוארק האָבן זי געהערט, נאַדיר, וואו אַלע קליינע קינדער רויכערן גראָבע ציגאַרן? און די מאַמע איז שטאַרק צופרידן דאפון, וואָס דאָס קלענסטע אויפּעלע ליגט באַ דער ברוסט מיט אַ ציגאַר אין מויל?

ווייסנזי, נאַדיר, באַ דיזענע קינדער וועלן זיך זייער גיך אויס־שיטן בערדלעך. און באַ 8 יאָר וועלן זיי שוין קענען זיין ראַבאָנים אין בראָנזוויל און מאַכן אַ גאַנצן פיין לעבן.

די מוטער איז זייער גערעכט, צו וואָס שיקן קינדער לערנען אַ פאַך, אַז אַ באָרד אַליין איז שוין אַ... פּראָפעסיע?

...איז הייסט עס, וואוינט איר שוין אין סי־געיט, נאַדיר—צישן אַלע „קינסטלערס" און „שפּילערס"? אינגאַנצן אַ צוואַנציק שפּיי פון לודוויג זאַצן?—גאַנץ פיין!

...סי־געיט איז אַ פיינע מעדינע—מיט אַן ערשטער קלאַס און

מיט א צווייטער. די ערשטע קלאס איז אינעווייניק, אין דער „גײט“, די „צווייטע קלאס מענטשן“ שטייט באם „סאָף־לאָקשנברעט“, (באָרדוואָק) אין קוני־איילאנד און קוקן נעבעך אריבער.

...און עפשער (ווי זאָגט איר?) פ א ר ק ע ר ט. איר האלט דאָך גאָר, אז די ערשטע־קלאס־מענטשן געפינען זיך העט־אונטן אין די שיפן, וואו די הייצקעסלען זיינען און אז אלע, וואס ערשטקלא־סעווען אין די פיינע סאליעם זיינען... באגאזש!

איידער איך בין אריינגעקומען היינט צו אייך, נאדיר, האב איך געמוזט באם טויער פון סי־גייט ווייזן מיין פאספאָרט, מיין וויזע, זאָגן וואוהין איך גיי, און אף ווי לאנג און צי וועל איך נישט פאלן צו לאסט מיינע קרוווים, און צי האב איך נישט קיין טראכאָמע.

...אז איך האב געזען, ווי דער קוניאיילענדער אוילעם שטייט באם טויער און קוקט אריין מיט אזוינע הונגעריקע אויגן, האב איך מיך דערמאָנט אָן דער צייט, ווען איך האב אליין געארבעט אין א קוני־איינלענדער צירק (פאנאָפּטיקום) אלס א—פארזייעניש.

...א באָרד האב איך דעמאָלט געהאט א לאנגע, האָה איך מיר אונטערגעבעט די בריסט, און איך האב מיר געשטעלט ארבעטן אלס „די פרוי מיט די באָרד“.

...און זעט, וואס מענטשן זיינען, נאדיר!—אז איך בין א פרוי, דאָס האָבן אלע געגלייבט, דער סאָפּיק איז שטענדיק נאָר געפאלן אף דער באָרד. ס'ראָוו באזוכער פונם צירק פלעגן פרוואוון א צי־טאָן מיין באָרד—צי זי איז נישט קיין צוגעקלעפּטע.

שפּעטער, אז איך האב מיך א ביסל מער באקאנט מיט דער „נע־שאָמע“ פון קוני־איילאנד, איז מיר איינגעפאלן צו עפענען דאס גע־וויסע פלאץ, וואס איז געווען באקאנט אלס דאס „נאר־מיך־אפּ־טעא־טער“. אריינצוגיין האט געקאָסט בלויז צען סענט. די עלעקטרישע שילד האט געטראָגן די אויפשריפט: „קומט אריין, לײדיס און דזשענטלמען, וועלן מיר אייך אָפּנארן פאר בלויז צען סענט“.

דאָס נעמלעכע טעאטער איז באשטאנען פון פינף קליינע קע־מערלעך. אז מע איז אריינגעקומען אין ערשטן קעמערל, איז געווען נאָך א שילד: „לאָזט זיך אָפּנארן פאר נאָך 10 סענט!“ און אזוי ביז צום לעצטן קעמערל.

...מיינט איר, אז איך האָב נישט געמאכט קיין געלט? מענטשן האָבן זיך געשטופּט צו דער קאסע נאָך בילעטן, מי איז שיר געהאר־געט געוואָרן.

...סי איז געווען קימאט די איינציקע „שאָו“ אין קוני־איילאנד,

וואו מענטשן האָבן זיך נישט געפילט אָפּגענאַרט.

פאַרקערט, יעדער וואָס איז איינמאָל אַריינגעקומען צו מיר אין „טעאַטער", האָט דערנאָכדעם צוגעשיקט זיינע פריינט און באַקאַנטע— מע זאָל זיי אויך אָפּנאַרן.

מיין מעלאַכרינאָ זאָגט טאַקע: „גאַנץ אַמעריקע איז אַ קוני־איילאַנד, און קימאַט אַלע מענטשן בעטן זיך, מע זאָל זיי אָפּנאַרן".

...פּאָליטיק באַ אונז איז „ביזנעס", ווי אַלע ביזנעסן! „גיט מיר אוועק אייער שטוב", זאָגט דער פּרעזידענט־קאַנדידאַט. „וועל איך דאַפאַר קריק־געבן דעם קוימען". „אַנטליט מיר אייער לעבן" זאָגט דער סענאַט, „וועלן מיר עס אייך קריק־געבן אַף—אויסצאָלן"; „אַנטליט אונז אַף דער בלינדער־נאַכט, די געפאַלענע ווייסקייט פון אייער שניי", זאָגט דער סופרים-קאָרט, „וועלן מיר אייך אָפּגעבן אַ בלאַטע אַף שוואועס".

הואווער וועט „רויבן־און־ראַטעווען" (ווי מיין מעלאַכרינאָ רופט עס אַף סימבאָליש!) און מיר... וועלן שרייען „גוואַלט" שטילערהייט, אַז קיינער זאָל נישט דערהערן.

..איך האָב אייך שוין אַמאָל דערציילט די מייסע, וואָס איך האָב געהערט וועגן אַ געוויסער אידישער טעאַטער־טרופּע?

...זיי האָבן געשפּילט טעאַטער ערגעץ אין—באָסטאָן, און געשטאָרבן פון הונגער, קיין געלט נישט געווען, קיין דירע נישט גע־ווען.

...האָט מען קוים מיט אַנגסטן געפונען אַ גויעש האָטעלכן, הינ־טער דער שטאָט, וואו די באַלעבאָסטע איז מערוצע געוואָרן צו געבן „לאָזשי" אַף באָרג. נאָר בעטנאַי אַז מע זאָל זיך נישט אויפפירן „ווי קיין אידן", און נישט אָנמאַכן קיין טומל, טאָמער יאָ—שטעלט מען באַלד אַרוים די קלימיקעס.

...מיילע, וואוינט מען שוין אין געהאַקטע וואונדן און מע רעדט אַזוי שטיל, אַז מע ווערט אַזש הייזעריק.

ס'איז געקומען מאָנטיק האָט מען אָפּגענומען ס'ביסל געלט, אַהיימגעבראַכט די קאַסע, זי געלייגט שלאָפן, און געוואַרט אַף מאָרגן אינדערפרי מע זאָל זיך צעטיילן.

...העלפט גאָט, און סי כאַפּט זיך אַריין אַ גאַנעוו באַנאַכט און גיט אַ נעם די „קאַסע" אונטערן אָרעם און—בראַך! דורכן פענצטער.

...כאַפּן זיך די בעוורע אויף, און מע וויל שרייען „גוואַלט", דער־מאָנט מען זיך אָבער, אַז מע טאָר נישט שרייען. זעצט־מען־זיך־אויף אַף די בעטן און מע שרייט אַף אַ שטיל קאָל, אַזוי אַז מע זאָל נישט

אויפוועקן די באַלעבאָסטע: „גע־וואַ־לט! גאַ־נאַווים!... ראַ־טע־וועט!".

...פונקט אַזוי שרייען דאָ די פּאַרמערס און די אַרבעטער „גע־וואַלט" — שטיל, פיין, זשענטעלמאַניש, אַז מע זאָל כאָלילע נישט אויפוועקן די „אַמעריקאַן פּייקעריישאָן אָוו לייבאָר", אָדער דאָס גע־וויסן פון די אַרבעטער־פאַרפירער.

...איר ווייסט, וואָס איכ׳ל אייך זאָגן, נאַדיר? די שאָוויניסטן זיינען אַוודאי נישט קיין פיינע מענטשן, אָבער ערגער פון די שאָוויניסטן זענען די שאָווע־בעשאָווע׳ניסטן, די „אויסגלייכער", וואָס ווייסן נישט, צי זיי זאָלן שעלטן, צי בענטשן.

...יענע מייסע האָט איר געהערט? אַ געוויסער באַשיידענער מענטש, אַ „מעיוון אַף ליטעראַטור", האָט זיך געמאַכט אַ טעווע, אַז ער פלעגט אין אָפּטריט פון זיין רעדאַקציע איבערלאָזן „בריף פון לע־זער", וואו מע האָט גוואַלטיק געלויבט זיינע ווערק.

...די אַנדערע שרייבער, אַזוי גוט ווי דער רעדאַקטאָר, האָבן גע־מוזט לייענען און... דערעך־ערעץ האָבן.

אַ לאַנגע צייט אַזוי.

איינמאָל רופט זיך אָן צו אים דער נייעס־שרייבער: „הערט זיך איין, מיסטער אַזוי־און־אַזוי, מיינער אַ שוואָגער האָט אַרויסגע־לאָזט אַ ניי בוך, וויל איך איר זאָלט עס באַשרייבן, ווי סי דאַרף צו זיין, אויבע נישט וועל איך אויפהערן צו לייענען אייערע בריף אין... בייסאַקיסע!"

...און נאָך אַ מייסע דערציילט מען וועגן אַ „גרויסן מענטשן", וואָס האָט געמאַכט אַ לעבן פון... פיינט־האָבן דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד. דער נעמלעכער האַר, פלעגט אַרומפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און האַלטן דראָשעס פונם שטיק און פון דער שאָ.

...אַז ער האָט גערעדט פון שטיק, האָט ער גערעדט אַזוי שנעל, אַז מע האָט נישט געקענט פאַרשטייען וואָס ער רעדט; און אַז ער האָט גערעדט פון דער שאָ, האָט ער גערעדט אַזוי פּאַ־וואָליע, אַז צישן איין וואָרט און דעם אַנדערן האָט מען געקענט דורכפאָרן מיט אַ פיאַקר. האָט מען אויך נישט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט. פלעגט ער עס מוזן איבערדעדן: דאָרטן וואו ער האָט גערעדט גיך, האָט ער געמוזט רעדן פּאַוואָליע און דאָרטן וואו ער האָט גערעדט פּאַוואָליע, האָט ער געמוזט רעדן גיך. פלעגט ער שוין רעדן אומעטום צוויי מאָל, קרינגן צוויי מאָל באַצאָלט, און וואָס ער וויל האָט ווייטער קיינער נישט געוואוסט,—מע האָט נאָר געהערט, אַז ער בייזערט זיך, וויל עפּעס...

פון דעם אייגענעם פּאַרשוין דערציילט מען, אַז בעיס ער איז גע־פאָרן קיין שיקאַגאָ אויף אַ רעפּעראַט, האָט ער דערוויל אין באַן צע־נויפגעקלאַפּט אַ מיניען אידן און זיי געהאַלטן אַ לעקציע איבער „דער פאַרדאַרבנקייט פון די באָלשעוויקעס" און... אַריינגעכאַפּט העכער זעכצן דאָלאַר.

אַז מען איז אָנגעקומען אין שיקאַגאָ און געדאַרפט אַראָפּגיין פון באַן, האָט אים דער נעגער אָפּגעפּראַשעט ס׳רעקל, אים אָפּגעגלאַנצט די שיך, אָפּגעשטויבט דעם הוט, און, אַז ער האָט זיך פאַרנייגט און גע־מיינט, אַז יענער וועט געבן טרינק־געלט, האָט דער „גרויסער מענטש, וואָס האָט פּיינט רוסלאַנד", געזאָגט געציילטע פיר ווערטער: „די באָלשעוויקעס זיינען באַרבאַרן" און... זיך געהייסן געבן 25 סענט רעשטע...

...פון לייזער־עליען וועט איר אַזוי גיך נישט הערן, האָב איך מוירע. ער איז איצט אין — — בויגט־צו ס׳אויער, נאַדיר, וועל איך אייך זאָגן. איך וויל נישט, אַז אייערע לעזער זאָלן הערן.

...פון זיין לעצטן „פּעטענט" האָט איר געהערט? ער האָט דאָך אַ נייעם פּעטענט קעגן פאַרקילונג: פּוטערנע פּילן,—דאָס הייסט, אָנשטאָט צו טראָגן דאָס פוטערל פון דרויסן, זאָל מען עס טראָגן פון אינעווייניק אין אַ סינטעטישער פאָרם.

...אַזאַ בעהיימעניק! עס ווייסט נישט, אַז אויב מענטשן וועלן שלינגען פוטערנע פּילן, וועלן זיי קעסיידער מוזן לאַכן, ווייל עס וועט זיי קיצלען. און וועלכער ערנסטער מענטש וועט וועלן גיין אין גאַס און לאַכן?

..אַן ערנסטער מענטש וועט בעסער צען מאָל ניסן, איידער איינ־מאָל אַ שמייכל טאָן. וואָס, נישט אַזוי, נאַדיר?

...איר ווייסט, נאַדיר, איר האָט מיך די לעצטע צייט געמאַכט אַזוי בארימט, אַז וואו איך הער אין גאַס, אַז מען דערמאָנט מיין נאָ־מען, וויל איך מיך פאַרנייגן און דאַנקען.

...ס׳איז די אייגענע מייסע ווי מיט אָסיפּ דימאָוו. אין איין צייט איז ער געהאַט געוועזן אַזוי צעטומלט פון זיינע „סוקסעסן", אַז וואו ער פלעגט פאַרבייגיין אַ טעאַטער און הערן, אַז מע קלאַפּט בראַוואָ, פלעג ער אַריינלויפן אינעווייניג און זיך פאַרנייגן.

...מיט אייך, נאַדיר, איז אַן אַנדער אומגליק: איר האַלט נישט פון פּראָפעסיאָנאַלן, און איר האָט פּיינט דילעטאַנטן!

איר האָט פּיינט קריטיק־שרייבער, און אַליין שרייבט איר קריטיק אויף... קריטיקער!

איך וויל אייך פארלייענען מעלאכרינאָס א ניי ליד:

מיט לאָמענט אַף די ווענט
און מיט וואַרעמע קאַצן
אפן אינזל האָדסאָן
וועלן מיר שפּראַצן און גלאַצן...
אין ווערטער פּיליגרירטע
און מיר אַלע וועמיר וועלן
דיכטער — בורשטינירטע.
דאָרט וועלן מיר זיך באהעפטן
מיט די דענקער פון אור(קוואַל),
און סע וועט געבוירן ווערן
די אידישע קולטור...
דאָרטן וועלן מיר זינגען לייווי־איצכאָקס
מיזרעך־דזשו, מאַירעוו־דזשו,
צאָפן-דזשו, דאָרעם־דזשו,
און מיר וועלן האָבן פייגן,
באָקסערן און — רו
(מירן זיך נישט דאַרפן „באַדערן"
מיט מוישע נאַדירן!)

11

וויסנזי, נאַדיר, איך האָב היינט זייער גוטע פּעטענטס.

דער ערשטער פּעטענט איז צו היילן אַלע מענטשלעכע וויטיקן אָן מעדיצין און אָן כירורגיע, און נעמלעך:

ווען אינען שמאַרצט אין קאָפּ אָדער אין אויער, אָדער א צאָן טוט אינען ווי, נעמען זי און קאָנצענטרירן זי דעם געדאַנק אַף דעם... בוביק! און אָנשטאָט זיך צוצוהערן צו די שמערצן, וואָס וויטיקן, הערן זי זיך צו צום — בוביק, וואָס איז פולשטענדיק געזונט, און מע ווערט אויסגעהיילט.

...וויסנזי נאַדיר, וואָס דאָס גרעסטע פאַרגעניגן אין דער וועלט איז?

...דאָס גרעסטע פאַרגעניגן אין דער וועלט איז א... **צ אָ ן הערט אויף ווײ צו טאָן.**

קיין גרעסער פאַרגעניגן גיבץ־נישט!

דער צווייטער פּעטענט: ווען זי זענען, צומבאַשייפּיל, בייז אַף א מענטשן, זאָלט איר נישט נוצן קיין „דיקע רייד", וויסנזי. דאָס איז

נישט פיין. אַנשטאָט דעם, זאָלן זי אויפשרייבן אַף אַ שטיקל פּאַפּיר: „איך גרים אייך גאָר פריינטלעך". דאָס נעמלעכע שטיק פּאַפּיר ווערט צוגעטשעפּעט צו אַן אייזערן פּרעסל, און ווען דער באַל־דאָווער באַ־וויזט זיך, וואַרפט מען עס אים אין קאָפּ אַריין און מע פּלעט אים דעם מויעך.

דאָס איז, ווי מען זאָגט:

„אי אַ קאָשערע קעילע,
אי אַ קאָשערער לעפל בעמיילע".

האָבנזי געהערט נאַדיר, מע טאַנצט!

די גאַנצע „אָפּגערייניגטע שטאַטן פון אַמעריקע" טאַנצן... מע טאַנצט אַרום דעם גאָלדענעם קעלבל; מע טאַנצט אַרום הואוערן; מע טאַנצט אַרום די... טענצער!

איצט וועל איך באַשמעלצן מיין וויסנשאַפט מיט אַ ביסל „קונסט", קעדיי עס זאָל נישט זיין פּיסנע, פּשטייענזימיך. טאַקע ווי־דעראַמאָל מיט אַ לידל פון אונזער מעלאַבריגאַן, זאָל לעבן. ער רופט עס „דאָס ליד פון צשעפּונצגניש־וועמירדיך גיש־צשעפּען".

איך און איך —
און מיינע שיך
קומען מיר גיך
צו זיך.

מיין מומע עלקע
און דער פעטער שמעלקע,
און מיין שוואָגערס גרינע קאָזינע
זענען מיר אַלע קעגן דיך,
אַכוץ מיין אייגענער איך...

...דער „פּעטענט" וועגן דעם, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די שניידער. דאָס איז זייער וויכטיק, הערנזי.

...פאַרוואָס גייען איצט אַ סך שניידער אַרום ליידיק? ווייל סע איז נישטאָ ווער סי זאָל קויפן... ווייל אַזוי לאַנג, ווי אַ בעגעד איז גאַנץ, קען מען עס טראָגן און טראָגן, אַפילע ווען סי איז נישט אַזוי נ י י. איז'ס וואָר?

נו, גוט. האָב איך אַ פּעטענט, וואָס איז באַזירט (שרייבן זי באַזירט מיט אַ „בעיס", נישט מיט קיין „פּיי". אַ דאַנק!) אַלזאָ, באַ־זירט אַף דעם אַלטן אידישן מינעג פון קריע־רייסן.

דער נעמלעכער מינעג איז צוואָר אויך אויסגעטראַכט געוואָרן

פון מענער־שניידער, קעדיי זיי זאָלן האָבן מער ארבעט, נאָר ער איז צו באַשרענקט, וויסנזי.

ערשטנס, דאַרפן, לויטן אַלטן מינעג, רייסן קריע בלויז מאַנצבילן און בלויז נאָך זייער אַ נאָענטן קאָרעוו, און בלויז נאָך אַ... מעס.

מיין פּעטענט איז, אַז אַלע מענטשן זאָלן רייסן קריע צו יעדער צייט און אונטער אַלע אומשטענדן.

וואָס געווינען מיר דאַבײַ? ערשטנס, אַז מע צערייסט אַ קלייד אָדער אַ מאַנטל (לויט מײַן פּעטענט, וועט מען אונטער ספּעציפישע באַדינגונגען מוזן רייסן קריע אויף הויזן אויך), וועט מען מוזן פאַר־ריכטן די אַלטע קליידער, אָדער קויפן נייע.

פאַרריכטן וועט זיך נישט לוינען, ווייל מיר וועלן רעכענען אַ דאָלאַר מיט אַ פערטל פאַר אַ... קריע—מעג זי זיין אַ גרויסע אָדער אַ קליינע, אַ ווייבערשע אָדער אַ מאַנסבילשע!!

12

ווער איך בין? איר דערקענט מיך נישט? איך בין דאָך פּיצ־צעלי, „דאָס קליינע גיגאַנטעלע". ווי איר האָט מיך אַמאָל גערופן.

איר האָט מיך נישט דערקענט, נאַדיר, ווייל איך איצט אַליין נעקומען בין. וואָרומדען? ווייל איך מיך מעיאַשעוו געווען האָב, אַז—גענוג צו שפּילן קליינע ראָלן! גענוג זיין אַ שטאַטיסט באַם גע־ניאַלן אידיאָט, אָדער ביי לייזער־עליען!

...שוין צייט, אַז איך מיין אויפטריט מאַכן זאָל אין מיין ראָלע אַלס דאָס קליינע שלוימע־כאָכעמדל, וואָס ווייסט, אַז די וועלט דרייט זיך — און נאָך ווי אַזוי!

איך האָב אַמאָל אַ בעהיימעלע געהאַט, איז זי געווען זייער שמו־ציק. ווייל פון איר ס'מיסט ריניקן האָב איך נישט געוואָלט — דאַצו בין איך צופיל עסטעט! — וואָס־זשע האָב איך געטאָן? פלעג איך זי מעלקן מיט ווייסע העניטשקעס.

אירט זאָגן, נאַדיר, אַז ריינע הענט דאַרפן קיין העניטשקעס נישט? — עפּשער! — די העניטשקעס איז אָבער אַ סאַך גרינגער—אוועקצעוואַרפן, אַז זיי ווערן קויטיק.

מיין רעליגיע איז — אַ נייער, פריש־אויסגעפּוצטער גאָט, — סי מאַכט נישט אויס, ווער ער זאָל נישט זיין. ווי דער אונגאַר זאָגט: „וויש אים אָפּ די נאָז און שטעל זיך פאַר אים קניען".

דאָס בוך „וואַיאַזש אוועק ד'אַמבר" שרייבט: „די ליבע איז דער לעצטער גאָט, צו וועלכן מענטשן ברענגען קאָרבאָנעס: — קינדער".

און דאָס וואָרט „איך" הויבט זיך אָן מיט אַן אַלעף — סימאַט

אין אַלע שפּראַכן: איך (אידיש), אני (העברעאיש), אי (ענגליש), יאַ (פּויליש).

דער סייפער „נרגמזי״ זאָגט:

„דער, וואָס איז קיינמאָל נישט געגאַנגען אין קריג, דער האָט קיינמאָל קיין קריג נישט פאַרלוירן״.

איך האָב געלייענט אין בלאַט, אַז אַ געוויסע מיס פּעגי בעט טאָמער האָט עמיצער געפונען איר פאַרלוירן טייסטערל, זאָל מען עס איר אומקערן, ווייל זי איז אַן אָרים ארבעטס־מיידל. די סימאָנים פון טייסטערל זיינען: 1) אַ בראַנזען קלאַפּשלעסל, און 2) אינעווייניק געפינט זיך אַ מיליאָן דאָלאַר.

הואווער? — לאָז זיין הואווער. פאַרוואָס נישט? וואָס קען עס שאַטן? הואווער איז אַן עקאָנאָמיסט, אַן איינבריינגער — ער קויפט, זאָגט מען, 10 אַנצוגן מיטאַמאָל, און 5 פּאָר שיך, און 8 טוץ העמדער—קעדיי איינצושפּאָרן צייט.

ווען אַלע זאָלן אַזוי איינשפּאָרן צייט, ווי הואווער, וואָלט אַמע־ריקע געבליט.

...אָט האָב איך נעכטן געוואָלט איינשפּאָרן צייט און קויפן דריי אַנצוגן אויף אַמאָל — האָב איך נישט געהאַט קיין געלט אַפילע אויף קיין א י י ן אַנצוג!

ווי לייזער־עליע זאָגט: מע דאַרף האָבן מאַצייווער מיט—אַלע באַקוועמלעכקייטן. אין יעדער מאַצייווע זאָל זיין אַ „רום, קי־טשענעט און וואַנע״. וועט מען שפּאָרן פּלאַץ, און אַז מע וועט שטאַרבן, וועט מען זיך נישט דאַרפן שלעפּן דער רואך ווייסט וואוהין!

ס'איז אַוואַדע זייער גוט, נאַדיר, אַז איינער האָט צוליב וואָס צו ל ע ב ן, נאָר טאָמער נישט, איז גוט, אַז מע האָט כאָטש צ ו ל י ב וו אָ ס צ ו ש ט אַ ר ב ן.

12

מיין ליבער נאַדיר! איך שרייב אייך! קוקט נישט אויף מיין פונקטואַציע? פליז: אין דעם פּראַט פון שטעלן פּינטעלעך! מיט פּאַסיקלעך! מיט ביישטריכעלעך? בין איך אַ שטיקל אַפּיקוירעס; איך גלויב נישט, אַז מע קען עפּעס ווימן וועגן דעם? דאַפאַר צע־וואַרף איך די אַלע קלייניקייטן — ווי סע מאַכט זיך, — אַמאָל דאָ אַ קאָמאַ, און דאָרט אַ פּינטעלע, און פאַרקערט!

דער לאַנגער לאָקש דער אויסרופצייכן איז טאָמיד פאַרטיק זיך אַוועקצושטעלן ערגעץ און זיך פאַרטאַיען!! פּונקט ווי דאָס קאַרליקל „פרעג־צייכן״ איז אַלעמאָל גרייט זיך אַנידערצוזעצן און קנאַקן נים־

לעך... נאר די פוילע פינטעלעך לייגן זיך אוועק און ווינקען מיט א פארשלאפן אייגל... — מע מיינט מי יודע וואס.

ליבער נאדיר, איך שיק אייך, היינט מיינע גענאידיאטיזם — דורך פאסט! ווייל איך בין אין אטלאנטיק סיטי און איך „פ ל י א-ז ש י ר" (ווי מען זאגט אין אטוואצק), איז די טייטש איך ליג אפן „פליאזש" (זאמד-בארטן באם ברעג ים!) און איך סמאליע מיר א פלייצע.

מיין גיצצי ליגט לעבן מיר, און בראט זיך און ברענט זיך— אדער בעסער געזאגט: ז י ז ו נ י ר ט! זי ליגט אף דער זון און פרעגלט זיך אין איר אייגענעם שמאלץ!!?

אף דער פלייצע? איז בא איר אויפגעקלאפט א געדרוקט בילד פון קאל. קולידזשן, דאס איז די נייעסטע מאדע דא-הי אין אטלאנטיק סיטי!! פרויען טראגן די „באליבטע קאנדידאטן" אף די פלייצעס.

די יעניגע וועמענס באד-קאסטיומען זענען טיף אויפגעשניטן פון הינטן, טראגן די נעמלעכע בילדער נישט ווייט פון זייער מאירעווזייט, און מע קען זאגן, אז דאס איז א סימבאל קעגן דעם, וואו די בירגער האבן זייערע קאנדידאטן און וואו די פאליטיקאנען האבן די בירגער!?

ליבער נאדיר,, איך בין דא-הי אין אטלאנטיק סיטי מיט דער גאנצער מישפאכע — מעלאכרינא, לייזער-עליע, גיצצי פיצצעלי...?

דער עמעס איז, דאך, אז, לייזער-עליע איז זיך, טאקע, א גאנץ וואוילער דענקער, מעלאכרינא איז טאקע א גאנץ שיינער דיכטער, נאר אז, סע, קומט, צו פארנאסע—זענען זיי אלע... אף מיינע? פלייצעס!!

פון דער גאנצער מישפאכע „געניאלע אידיאטן", בין איך דער איינציקער פ ר א ק ט י ש ע ר מענטש, וואס האט סעיכל צו פארדינען א דאלאר.

נעמט, לעמאשל, לייזער-עליען, וואס זיצט דא לעבן מיר, שיילט א הארט איי, און קוקט אפן יאם?!—וואס פאר א „פעטענט" האט ער?! וואס פאר א פעטענט האט איר, לייעזר-עליע, הא?—זאגט. וועל איך שרייבן נאדירן!

:: :: ::

איך? יא, וויסנזי, האב היינט עטלעכע פעטענטס אף אמאל.

ערשטנס קעגן דער היץ — פשטיינזעמיך. מיין פעטענט איז אז אנשטאט ארפציען די פארהאנגען אין יעדן פענצטער, זאל מען שוין בעסער איינמאל פאר אלע מאל אויפהייגען א פארהענגל אף דער זון, און אז עק זאל דאס נעמען, וויסנזי!

מיין צווייטער פּעטענט איז אַז זומער זאָלן די מאַנצבילן טראָגן ג ל ע ז ע ר נ ע הויזן, וועט מען פאַרשפּאָרן אַזוי צו שוויצן!! און די פרויען? אויך די אייגענע געשיכטע: אויב די מענער וועלן זיך האַלטן קיל, וועט שוין די פרויען אויך נישט זיין אַזוי היים,—וויסנזי.

דער דריטער פּעטענט איז אַ פּאַפּיר־קעסטל, וואָס זאָל מעכאַניש אויסשפּילן די בראָכע „אשער יאַצער". אַזוי מאַכט זיך, אַז אַ מענטש פ א ר ג ע ס ט צו מאַכן אַ בראָכע. אָבער, אַז מיין פּעטענט וועט זיין פאַרטיק, וועט דאָס נישט מעגלעך זיין, ווייל אַזוי גיך ווי ער וועט אַ ציי־טאָן דאָס שטיקל פּאַפּיר וועט עס אַ שפּיל־טאָן פון זיך אַליין „אשער יאַצער עס האָדאָם בעכאָכמע".

דער פערטער פּעטענט איז—בלויז פאַר פרויען.

...וויסנזי דען, נאַדיר, וויפיל צייט סע ווערט פאַרשוווענדט אַף אָנפאַרבן די ליפּן?! האָבנזידען אַ באַגריף?

האָב איך אַלזאָ אַזאַ פּעטענט:

אַלע אינדערפרי (איידער זיי גייען אוועק צו דער אַרבעט), זאָלן זיך ווייבער אויסשטעלן אַף אַ געוויסן פּלאַץ — לאָמיר זאָגן לעבן דער רעדאַקציע „פאָרווערטס". איינער פון די „פאָרווערטס"־שרייבער, וואָס איז אַ באָקי אין ש מ י ר ן, וועט זיי סאָרטירן — לויט דער גרויס: גרויסע צו גרויסע, קלענערע צו קלענערע אַזוי אַז אַלע ליפּן זאָלן זיך געפינען אין א י י ן ליניע.

דערנאָך וועט איינער נעמען אַ באַרשט, זי איינטונקען און צוואַר אין ליפּן־פּאָמאַדע און דערלאַנגען א י י ן שמיר איבער צוויי טויזנט ליפּן מיט אַמאָל.

דער פינפטער „פּעטענט" איז, וועגן דעם, אַז עס זאָל מער נישט קענען פּאַסירן אַזאַ אומגליק ווי מיטן בעלגישן באַנקיר לעווינשטיין.

מיין פּלאַן איז, אַז קעדיי די גרויסע מיליאָנערן זאָלן נישט קע־נען אַראָפּפאַלן פון עראָפּלאַנען און געהאַרגעט ווערן, זאָל מען בא אַלע מיליאָנערן צונעמען דאָס געלט און עס צעטיילן צישן די אַרבע־טער.

אַף אַזאַ אויפן וועט זיין אי בעסער פאַר די אַרבעטער, אי אַ מי־ליאָנער וועט נישט קענען אַראָפּפאַלן און געהאַרגעט ווערן.

:: :: ::

ליבער נאַדיר! איך שלאָג! דאָ! איבער לייזער־עליען, ווייל ער רעדט צופיל און סע בלייבט נישט? קיין פּלאַץ פאַר מיר!

די מייסע מיט דעם ענגלענדער וואָס איז אַריבערגעשוואומעי דעם ניאַגראַ וואַסערפאַל האָט איר געלייענט, נאַדיר?

איך האב אמאל בא אן ענלעכער זאך פארדינט א שיין ביסל געלט.

...מודיע געווען אין דער פרעסע, אז אין יענעם און יענעם טאג און יענער און יענער שא וועל איך אראפשפרינגען פון דעם העכסטן פונקט אין מעדיסאן סקווער גארדן, און וועל ארויספאלן אף א ברעט מיט שפיציקע טשוועקעס—בילעטן 50 סענט.

אז דער זאל איז שוין געווען פול, און עס איז געקומען די צייט וואס איך האב באדארפט שפרינגען, בין איך ארויף אפן שפיץ פון דער ריזיגער ליטער, וואס האט געפירט צו מיין שפרינג־פונקט, און איך האב אויסגעזאגט:

„לידיס און דזשענטעלמען!

איך ווייס אז איר האט זיך דא אלע היינט איינגעזאמלט און באצאלט פופציק סענט איעדער, צו זען ווי איך שפרינג אראפ פון אזא ריזיגער הויך און ווער געהארגעט! פרעג איך אייך: וואס האט איר צו מיר?! פארוואס ווילט איר זען מיין בלוט?! וואס ארט אייך, אז איך לעב? וואס טו איך אייך? איך בין נאך א יונגער מענטש, און איך וויל נאך לעבן... אין לאנדאן האב איך א ווייב מיט א קינד".

דא האב איך אפגעכאפט דעם אטעם און אראפגעדונערט:

„ווער פון אייך, לידיס און דזשענטעלמען, באשטייט דארויף איך זאל שפרינגען? ווער פון אייך וויל, אז צוליב זיינע 50 סענט זאל א מענטש דערהארגעט ווערן?—ווער?! אלע וואס זיינען דא־פאר—זאלן די הענט אויפהויבן!"

קיינער האט די האנט נישט אויפגעהויבן.

פארקערט, א פאר פרויען האבן זיך נאך צעוויינט. איז איך בין ארונטער האבן זיי מיך גענומען קושן און מאכן אן אוואציע.

:: :: ::

...איך שיק אינען דורך פאסט דיזענעם בריוו־לעטער, ווייל איך וויל פארכאפן פריער איידער אונזער בערל מק'פאדען („גענאיד") וועט אינען שרייבן, ווי ער אייך צוגעזאגט האט.

...וויסנזי, מוישע נאדיר, איך האלט פון אדווערטייזן, רעקלא־מירן—שרייען געוואלט.

נעמען זי, צום ביישפיל, די נאטור אליין. — אדווערטייזט זי נישט? הענגט זי נישט ארויס דיזענע זון מיט דער לעוואנע מיט די אנדערע דזשולערי־צירונג (ווי די שטערן) מי זאל זען אז זי עקזיסטירט?

וועו איך זאל האבן געלט, וויסנזי, מוישע נאדיר, וואלט איך

געלאָזט אומעטום ארויסהענגען פּלאַקאַטן. און צוואר מיט דעם איי־נעם וואָרט „לייזער־עליע”. און נאָכדעם ווי דאָס־אָ וואָרט וואָלט גע־וואָרן שטארק פּאָפּולער, וואָלט איך צוגעשטעלט נאָך אַ וואָרט: „זייף” —„לייזער־עליע־זייף” און איך וואָלט אי געמאַכט אַ סאַך געלט אי געוואָרן אומשטערבלעך.

מיט אים, ווי הייסט ער, מיט אינענס מיסטער מעלאַכרינאָ האָב איך נעכטן געהאַט אַ שמועס וועגן לעבן און טויט. מאַכט ער צו מיר, אַז ס'איז קיין בילעק נישט, צי מי שטאַרבט יונג, צי אַלט... דאָס לעבן, מאַכט ער, איז געגליכן צו אַ בריק, און צוואר אַ הויכע און אַ הענגענדיקע.

...„וואָס איז דער בילעק”, מאַכט ער, „צי מע פאַלט אַראָפּ פונם ס אָ ף בריק, צי פונם אינדערמיטן ? אַז די שרעק”, מאַכט ער, „פון אַראָפּפאַלן איז שטענדיק פאַר די אויגן. און צוואר באַם סאָף בריק מער ווי ערגעץ אַנדערש ?”

וויסנזי, איך פאַרנעם זיך נישט מיט אַזוינע זאַכן... איך האַלט, אַ מענטש איז ווי אַ הונט : האָט ער נאָר אַ קנאָך, פאַרגעסט ער אַל־דינג.

פונדעסטוועגן, וויסנזי, אַז איך גיי פאַרביי לעבן אַ ברוקלינער בעיס־אוילעם, מיט גלייכע שורעס מיט מאַציייוועס, מיט פאַרשוירענע בייטן, געפּוצטע ביימלעך און גראָז־לאָנעס מאַכט עס נישט קיין שווערן איינדרוק. פאַרקערט, סע דאַכט זיך אויס, וויסנזי, אַז דאָ איז אַ פעלד מיט טוואָוע... אַ פעלד וואו מע האָט פאַרזייט אומרואיקע מענטשן, און סי איז אויפגעגאַנגען שטילע, לעכטיקע שטיינער.

שרייבן זי מיר, מוישע נאַדיר, אויב דאָס וואָס איך האָב דאָ אויבן געזאָגט איז פּאָעזיע, צי פּראָזע ?

יאָ. איך האָב אינען שיר פאַרגעסן צו שרייבן וועגן מיינע נייע דריי „פּעטענטס”.

כ'קען אינען זאָגן פאַראויס, פּאַני נאַדיר, אַז אַלע דריי זיינען קאָלאָסאַל !

נעמען מיר, צום ביישפּיל, מיין ערשטן „פּעטענט” וועגן אַן אוי־טאָמאַטישן בעטלער. דאָס איז דאָך אַן אויצער, אַ קלאָנדייק... מע דאַרף נאָר געפינען דעם ריכטיקן באַלאַסקן דארויף, מיט געלט, און מיט—ווי רופט איר עס ? „פּעפּ”.

אָן „פּעפּ”, וויסנזי, טוט זיך קיין זאַך נישט.

נאָר לאָזנוויר רעדן אַביסל קלאָרער וועגן מיין פּעטענט.

אַז סע איז דאָ אויטאָמאַטישע מאַשינען, וואָס פאַרקויפן שאָקאָ־לאַד און אַנדערע זאַכן, וויסנזידאָך !

מיין „פּעטענט" איז אױף דעמזעלבן פּרינציפּ. נאָר אָנשטאָט דער גוילעם זאָל נעמען אַ גראָשן פאַר שאָקאָלאַד, אָדער פאַר „קיי־גומי", זאָל ער גלאַט אַזוי שנאָרן אַ פּעני.

דער פּלאַן איז בא מיר שוין אינגאַנצן אויסגעארבעט.

ס'איז אַזוי: מיר שטעלן אַוועק אַ מאַשין, מיר טוען איר אָן אַ קאַפּעליש און בלאָע ברילן, און מיר הענגען איר אויף אַ שילד „בלינדער נעבעך"... די האַנט אויסגעשטעלט ווי אַ בעטלער, און אין דער דלאָניע איז דאָ אַ לעכל אױף אַריינצוּוואַרפן אַ סענט.

אַז מע וואַרפט אַריין אַ סענט, פאַרנייגט זיך דער אויטאָמאַט אַזוי גאַלאַנט ווי דער שרייבער אַפּאָטאָשו האָט זיך פאַרנייגט פאַרן שוועדישן קעניג, און ער זאָגט „אַ דאַנק"!

וואָס געווינען מיר דאַביי? ערשטנס ווערט די שנאָרעריי אַרויסגענומען פון קאַבצאָנישע הענט, און גייט אַריבער צו די גרויסע מאַגנאַטן. זיי שטעלן עס אַוועק אויף אַן אייזערנעם פונדאַמענט, מיט בראָנשעם אין פּאַלעסטינע און אומעטום.

פשטייטצאַך, אַז די נעמלעכע שנאָרמאַשין וועט האָבן פאַר איר „שוץ־מאַרקע" (טרייד־מאַרק) אַ מאָגן־דאָוויד!

מיט דעמזעלבן „פּעטענט" קען מען אייגנטלעך מאַכן אַ סאַך זאַכען, און צוואַר, מע קען מאַכן אַן אויטאָמאַטישן רעדאַקטאָר, וואָס אַז מע וואַרפט אין אים אַריין אַ געדאַנק פאַר אַ גראָשן, ווערט ער פאַרזשאַווערט, סיידן מע לייזקט אים אויס אין צייט און מע וואַרפט אַריין אַ נייעם.

וויסנזי מיט די „פּעטענטס" איז ווי מיט אַלע אַנדערע זאַכן: אַזוי גיך ווי מע האָט זיי דאַרף מען שוין עפּעס אַנדערש.

„טעלעוויזשאָן"—אַ שטייגער.

אינגיכן וועט מען מיט דער הילף פון טעלעוויזשן קענען זען וואָס סי טוט זיך בא אייך אין שטוב. איז דאָך גוט, האַ? טויג עס ערשט נישט. וואָרין, וויסנזי, אויב מי וועט קענען זען דורך די ווענט וואָס בא אייך אין שטוב טוט זיך און צוואַר אומעטום־־וועט כאָלילע די וועלט קיין קיעם נישט האָבן.

האָב איך צו דעם אַ פּעטענט, אַז מע זאָל נ י ש ט קענען אַריינקוקן דורך דער וואַנט, און סע זאָל בלייבן ווי פריער.

ערשטנס, דאַרף מען אויסגעפינען דורך וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל „טעלעוויזשאָן" קען נ י ש ט דורכדרינגען. אויב בליי, צום בייַשפּיל, וועט מען זיך מוזן באַנאַכט צודעקן מיט בלייענע קאָלדרעס.

צווייטנס, קאָן מען אויסאַרבעטן אַן „אַנטי־טעלעוויזשאָן״—און יעדער איינער וואָס וועט זיך וועלן גיין ליגן שלאָפן, וועט מוזן אָנ־שטעלן דעם „אַנטי־טעלעוויזשאָן״, צו באַקעמפן דעם „טעלעוויזשאָן״.

די נעמלעכע „אַנטי־פּעטענטס״ וויסנזי, וועלן מוזן דעקן „אַלע געביטן״ פון אונזער טעכניק.

שטעלט זיך פאָר, נאַדיר, מיט 100 יאָר שפּעטער, וועט מען קע־נען אויספליען די גאַנצע וועלט אין אַ האַלבער שעה! באַנען וועלן גיין מיט אַ שנעלקייט פון אַכט מייל אַ רעגע! ברויט וועט וואַקסן אויף מעטאַלענעביימער, אָדער מי וועט עסן פּילן. ליבע און הייראַט וועלן מעכאַניזירט ווערן. יעדער לאַנד וועט אָנשטעלן אַ געוויסע צאָל מענער און פרויען וואָס זאָלן פּראָדוצירן. די איבעריקע בירגער וועלן זיין פריי און זיך נישט דאַרפן אָפּגעבן מיט אַזוינע נאַרישקייטן.

וואָס־זשע וועט מען טאָן מיט די לאַנגע זומער־טעג?

איז פאַראַנען צוויי מיטלען: ערשטנס, קען מען אויסגעפינען אַזאַ מאַשין, וואָס זאָל די טעג צענויפקוועטשן און קלענער מאַכן. צווייטנס, קען מען אויסגעפינען אַזוינע קונציקע מאַשינען, וואָס זאָלן צוהאַלטן די באַנען און זיי נישט לאָזן לויפן אַזוי שנעל.

אַז מע וועט וועלן שלינגען „פּילן״ (אָנשטאָט צו עסן ברויט) זאָל די מאַשין אַרויסכאַפּן די פּילן פונם מויל—אַזוי אַז מע זאָל מוזן טאַקע ווידער אַקערן און זייען און מיסטיקן און שניידן און די וועלט זאָל קריק זיין אַ וועלט.

אָבער דאָס וועט אַלץ זיין שפּעטער, אין הונדערט יאָר אַרום.

דערווייל זענען פאַראַנען אַנדערע פּראָבלעמען.

אַ שטייגער דאָס פּראָבלעם פון טראַנספּאָרטאַציע.

איר ווייסט, נאַדיר, וויפיל אַרבעט עס ווערט פאַרשווענדט אויף אַריבערשיקן שפּייז און פרוכטן פון איין עק לאַנד צום אַנדערן?— אַ שלאָל!

האָב איך קעגן דעם אַ פּעטענט: אָנשטאָט צו שלעפּן די קו אַפּן בוידעם, וויסנזי, זאָל מען, ווי מע זאָגט, ברענגען דעם בוידעם צו דער קו.

ווי אַזוי? זייער פּאָשעט. שטעלן זי זיך פאָר, נאַדיר, אַז אין בוידעש יוני ווערן אין קאַליפאָרניע פּאַרטיק די אָראַנזשן. וואָס דאַרף מען טאָן? זיי פּאַקן אין קעסטעלעך און זיי אַריבערשיקן מיט דער באַן אַהער, וואו עס וואַקסן נישט קיין מאַראַנצן, איאָ? צערייבט מען דאָך אָבער אומזיסט צייט! איר ווייסט וואָס דאָס הייסט רייסן מאַראַנצן, קלייבן מאַראַנצן, פּאַקן אין פּאַפּיר, פּאַקן אין קעסטעלעך...

דערנאָך—דאָס שיקן... היינט וואו זענען די קעסטלעך אליין? און היינט ווי פיל מאראנצן ווערן פארפוילט אפן וועג?

איז מיין מיינונג דעריבער, אז אַנשטאָט צו שלעפּן די מאראנצן צו די ניו־יאָרקער בירגער, זאָל מען בעסער ברענגען די ניו־יאָרקער בירגער צו די מאראנצן.

איך שטעל מיר דאָס פאָר אזוי: אין כוידעש יאנואר פאָרן אלע אמעריקאנער בירגער קיין קאליפאָרניע עסן מאראנצן.

אָפּגעגעסן אלע מאראנצן, פאָרט מען קיין פלאָרידא עסן פאַ־זשינקעס. אָפּגעגעסן די „ציניצעס" (סטראָבערים) פאָרט מען אין די ערטער וואו עס איז פארטיק אנדערע פרוכט, אָדער ברויט, אָדער גאָרטנוואַרג.

פארשטייט זיך, אז די לאָסט־באַנען וועלן סיי־ווי־סיי זיין פאר־נומען: זיי וועלן זיין פארנומען מיט מענטשן! איז אָבער די מאילע, וואָס מענטשן ווערן נישט קאליע אפן וועג, (סיידן, אז זיי פאָרן מיט... טעאַטער־טרופּעס!) און דער איקער: מע דארף זיי נישט פּאקן אין קיין פּאפּיר און קיין קעסטלעך, און מע דארף זיי נישט סארטירן. מע שטופּט זיי אריין, ווי אין „סאָבוועי", און—פאָרט קינדער! גריזשעט־אָפּ דאָס ברויט פון דר'ערד און די פרוכט פון די ביימער! לעבט א גוטן טאָג, און זעצט זיך נישט ווארטן, אז די מאלינעס זאָלן קומען צו אייך.

13

וויסנזי, נאדיר, איך בין שוין פון אטלאנטיק סיטי קריק געקו־מען, ווייל די מאָסקיטעס מיך געביסן האָבן, און די מילך געראָנען געוואָרן איז און סע איז געוועזן ענג.

מיר זענען אומבאשריען א צו גרויסע מישפּאָכע פאר אטלאנ־טיק סיטי.

בזישוין געהערט וועגן מיין פּעטענט פאר ציין, וואָס זאָלן אליין רעדן? דאָס איז א פּעטענט ספּעציעל פאר פּרעזידענט־קאַנדידאטן, און ענלעכע לייטע.

דיזענע מענטשן, פּשטייענזימיך, דארפן א סאך רעדן, און צוואר זייער הויכע ווערטער, און דאָס איז, וויסנזי, נישט אזוי גרינג.

האָב איך א פּעטענט, אז די אלע לייטע, וואָס איך דאָ פריער דערמאָנט האָב, זאָלן זיך ארויסנעמען די אייגענע ציין, און אריינ־שטעלן מיינע נייע פּעטענט־ציין, וואָס רעדן פון זיך זעלבסט.

אינעווייניג אין דער יאסלע איז פאראן אזא מין אפּאראט, וואָס אז מע עפנט־אויף ס'מויל, גיט זיך א ריר א ספּריזשינע און סע הויבט אָן רעדן, און סע רעדט און סע רעדט...

אַז מע וויל אויפהערן, מאַכט מען צו דאָס מויל, בלייבט עס שטיל.

...זי כאַפּן דעם גדאַנק, נאַדיר?

נישטאָ נאָר וועט אַזאַ קאַנדידאַט קענען פאַרזיכערן די בירגער, אַז ער אַליין פערזענלעך זאָגט נישט קיין ליגן, נאָר ער וועט קענען מאַכן אַזוי, אַז ער זאָל קענען רעדן פון שלאָף אויך.

יעמאַנדל וועט זיי נאָר דאַרפן אויפמאַכן ס'מויל און — סע וועט זיך דאַכטן, אַז זיי האַלטן אַ דראָשע... (אויב זיי וועלן קענען שלאָפן שטייענדיקערהייט, איז אַן אַנדער פראַגע).

אַז נישט קען מען אַריינלייגן אין מויל אַריין אַ „קלין"—עס זאָל דאָס אויבערשטע „געבים" צוויי אָפּטיילן פונ'ם אונטערשטן, און מיין פאַטענטירטע „קאַסטן מיט עלפאַנביין" וועט שוין אַליין פון זיך רעדן.

נאָכמער: מע וועט קענען מאַכן, אַז די אייבערשטע ציין זאָלן רעדן איין זאַך און די אונטערשטע אַן אַנדערע.

אַף אַזאַ אויפן וועט אַ גוטער רעדנער, וויסנזי, קענען רעדן אַף איינמאָל אי פאַר די רעפּובליקאַנער, אי פאַר די דעמאָקראַטן.

סע וועט אויך צונוץ קומען פאַר איינעם וואָס וויל זאָגן עפּעס אַ זאַך, וואָס ער מוז שפּעטער אָפּלייקענען.

מיט מיין נייעם פּעטענט מיט אַ טאָפּל־מויל וועט ער קענען זאָגן און אָפּלייקענען אין דערזעלבער צייט.

האָבנזי געהערט, נאַדיר, אַז די וועבער סטרייקן אין ניו־בעד־פאָרד?

מיין מיינונג איז, וויסנזי, אַז סע לוינט זיך נישט אי צו „סטאָפּן פון דער אַרבעט" אי סטרייקן.

...סטרייקן איז נאָר גוט אַז מע אַרבעט און מע פאַרדינט, האָט מען קוים װאָס אויסצוהאַלטן דעם סטרייק.

איך האָב אַ פּעטענט, וויסנזי, אַז אַלע אַרבעטער, וואָס ווילן סטרייקן, זאָלן נישט סטרייקן פּערזענלעך, נאָר אָנשטעלן געלערנטע סטרייקערס, און זיי צאָלן אַזויפיל און אַזויפיל אַ וואָך ביז דער סטרייק וועט געוואונען ווערן!

די מאַילע איז: ערשטנס, אַז יענע וועלן נישט דאַרפן זאָרגן פאַר פּאַרנאָסע, וועלן זיי קענען סטרייקן מיט אַ רואיקן קאָפּ. צווייטנס וועלן זיי נישט דאַרפן קומען אין שאַפּ אַריין סטרייקן, נאָר זיי וועלן קענען סטרייקן אין דער היים, וועלן זיי פאַרשפּאָרן דירע־געלט פאַר שעפּער. דריטנס, וועלן די אָנגעשטעלטע סטרייקערס אויך קענען

גיין ערגעץ ארבעטן און אליין פארדינען זיך ס'שטיקל ברויט, מע זאל זיי נישט דארפן צאלן קיין „סטרייק־בענעפיט".

וויסנזי, נאדיר, וואס אונזער גיצצי זאגט? זי זאגט, אז אלע דארפן רעדן פליינע רייד, מעדארף, זאגט זי, נישט פארדרייען קיין שפראך.

...אז אין א הויז שטייען בעטלעך, ווי אין א שפיטאל, זאגט זי, דארף עס הייסן „הויז־בעטל", (נישט האספיטאל). צי אז מע דארףווארטן, זאגט זי, ביים דענטיסט אין פארערצימער, איידער ער שלעפט ארויס דעם אנגעווייטיקטן צאן, דארף עס, זאגט זי, הייסן „ווייטיק־רום" (נישט „וועיטינג־רום!").

צי, זאגט זי, אז א קאמאד שטייט אין דער זייט ווי א הילצער־נער באק, דארף זי הייסן „סייד־באק" (נישט „סייד־בארד"), און נאך און נאך, און עטצעטערא, וויסנזי.

הערנזי, נאדיר, בילי דאבליו איז געווען גערעכט, ווען ער האט געזאגט, אז ווי קלוג א מענטש זאל נישט זיין, מוז ער אלץ ארויפ־קריכן אף א בוים, קעדיי צו קענען קוקן א שלאנג גליך אין די אויגן אריין.

נאר, וויסנזי, איך האב קעגן דעם אויך א פעטענט און צוואר: מען קען בא דער שלאנג ארויסרייסן די אויגן מיט א צוועננל, וועט מען שוין נישט דארפן ארויפקריכן אף א בוים.

זאל איך אינען דערציילן א וויצליין, נאדיר? איך האב עס ערשט געהערט טאקע בא אייך אין קוני־איילאנד אף דיזענע זאמדן פונעם יאם, וואו ארבעטער ליגן מיטן פאנים ארופ און האבן דעם הימל וואו איך וויים.—און צוואר: א געשיכטע וועגן א מאן וואס האט געפאטשט זיין וויב. זענען געקומען צעלויפן אירע צוויי ברי־דער,ביידע שמידן, און האבן אים שיר דערהארגעט.

איז ער אוועק מיטן וויב צום ראוו און געזאגט: „רעבע, סע איז דען דא ערגעץ א דין, אז מע טאר נישט שלאגן אן אייגן וויב?".

האט דער ראוו גענומען די שפיץ בארד אין מויל אריין, זיך פארטראכט און געזאגט: „קיין דין, מיין קינד, איז טאקע נישטא. נאר דארטן וואו דאס וויב האט צוויי ברידער און ביידע ברידער זענען געזונטע שמידן, איז מען זיך אזוי נישט נויעג".

וויסנזי, נאדיר, וואס אונזער פיצעלי זאגט? אונזער פיצעלי זאגט, אז דאס איז א מאשל קעגן דעם, וואס געוויסע מעלוכעס טשעפען נישט די באלשעוויקעס.

איך זע, אז איר זענט שוין שלעפעריק, נאדיר.

איך וויל אינען שוין לאנג נישט מוטשען, און צוואר

בלויז עטלעכע מינוט, וועגן אַ נייעם פּעטענט וואָס איז מיר ערשט איינגעפאַלן אָט־די מינוט, ווען איך האָב געזען אז זי טראָגן נישט קיין זאָקן אין די שיך.

הערנזי, נאַדיר: וועלכע קאָליר זאָקן טראָגן דען די פרויען? לייב־קאָליר! איז עס ריכטיק?

דאָס הייסט, אַלזאָ, וואָס דינער די זאָקן זענען, און וואָס ענלעכער צום קאָליר פון די אייגענע פיס, אַזוי אַז מע זאָל נישט דערקענען אז זיי טראָגן זאָקן, אַלץ בעסער איז דאָס.

אויב אַזוי האָב איך אַ פּעטענט, נאַדיר, וואָס מירביידע קענען דאַפון נעסאַשער ווערן און צוואַר: מיר עפענען אַ גרויסע פאַבריק וואָס מאַכט אינגאַנצן נישט קיין זאָקן.

יעדע פרוי (און מעדכען) וואָס וויל אַ טייערע פּאָר זאָקן, וואָס זאָלן זיין אַזוי דין, אַז סאָל זיך דאַכטן, אַז זיי זענען מיט באָרוויסע ליטקעס, זאָל קומען צו אונז, וועלן מיר זיי אינגאַנצן נישט געבן קיין זאָקן, פאַר אַ דאָלאַר מיט 75 סענט אַ פּאָר.

דאָס איז אַ קאָלאָסאַלער פּעטענט, נאַדיר! לייגנזי זיך עס איבער! אי מיר האָבן אַ גרויסע פאַבריק וואָס מאַכט נישט קיין זאָקן, אי מיר פאַרקויפן די דינסטע און לייב־קאָלירטסטע זאָקן, וואָס אַמעריקע פאַרמאָגט, איז מיר האָבן אַ מאָנאָפּאָל אַף דעם גאַנצן פאַך, ווייל בעסער נישט מאַכן קיין זאָקן, ווי מ י ר וועט קיינער נישט קענען.

...זימעגנהערן אַ געשיכטע, נאַדיר, וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר אַליין. צוליב וואָס איך דערצייל דאָס אייך, וועלנזי שפּעטער זען:

מיט יאָרן קריק, ווען איך האָב געאַרבעט באַ זייגערמאַכעריי, אויב זי געדענקען, און געהאַט אָפּגעשפּאָרט אַ פינף הונדערט דאָלער, איז געקומען צו מיר צוגיין אַ איד, מיין פעטערס אַ באַקאַנטער, איינער אַ רעב אָשער פלימפּ, און מיר געבעטן איך זאָל אים אנטלייען עטלעכע דאָלאַר, א געמילעס־כעסעד אַף פיר וואָכן.

...נו, וויסנזי, זי קענען דאָך מיין נאַטור, נאַדיר: איך קען נישט אָפּזאָגן קיין אידן, בין איך געגאַנגען און האָב אַרויסגענומען ס׳גאַנצע געלט מיינס פון דער באַנק, און עס אוועקגעליגן דעם רעב אָשער פלימפּ און צוואַר, ווי איך האָב געדענקט, בלויז אַף פיר וואָכן.

אַז דער מעס איז שוין, ווי זאָגנזי, געווען באַגראָבן, קומט צו מיר צוגיין מיין שווענערין רישע, און זאָגט מיר: ד ע ם ־ אַ ה אָ ס ט ו ג ע ב אָ ר ג ט? דעם אָנזעצער? דעם אָשער פלימפּ? מעגסט דיך שוין, מאַכט זי, געזעגענען מיט די פּאָר דאָלער. וועסט זיי שוין זען, זאָגט זי, ווי דו זעסט דיינע אויערן. פונם בעסוילעם, מאַכט

זי, קומט מען נישט קריק. סי איז, מאַכט זי, פאַרפאַלן ווי אין בראָד. מעגסט שוין, מאַכט זי, אָנשרייבן ציוויי פייע׳.

דערהערט, וויסנזי, אַזוינע רייד, איז מיר געוואָרן קאַלט הינ־טערן אויער. וואָס טוט מען? וואָס הויבט מען אָן? איז מיר איינ־געפאַלן אַזאַ געדאַנק, הערנזי. איך וועל יענעם אַזוי לאַנג איינ־ריידן, אַז ער איז אַ הויפּט־ערלעכער מאַן, ביז ער וועט מוזן ווערן אַן ערלעכער מאַן און מיר אָפּגעבן ס׳געלט.

וואָס שטעלנזי זיך פאָר האָבן איך געטאָן, נאַדיר? איך האָב גע־טוען אַ קליינקייט און צוואָר: איך בין גלייך אַריבערגעגאַנגען צו דעם מאַן, צו דעם רעב אָשר פלימפ, און האָב אים געזאָגט: „הערנזי זיך איין, רעב אָשר", האָב איך געזאָגט, „עפּשער דאַרפן זי נאָך אַ 25 דאָלאַר, שעמען זי זיך נישט", זאָג איך, „און זאָגן זי מיר, וועל איך אינען באָרגן. פאַר אַזאַ מאַן ווי איר", זאָג איך, „דאַרף מען קיין מוירע ניט האָבן", אַלעוואַי", זאָג איך, „האָב איך דאָס געלט, וואָס איך וואָלט אינען געטרויעט. ‏:אָטשע", זאָג איך, „אַלע מאַכן מיר שווער דאָס האַרץ, אָבער איך גלויב, אַז יענע לייט פאַרגינען אייך פּאָשעט נישט דעם גוטן נאָמען. זעען זי", זאָג איך, „אָט האָב איך ערשט אָפּגענומען פאַר דער וואָך 25 דאָלאַר, ליי איך עס אינען אַוועק און זי דאַרפן זיך", זאָג איך, „נישט איילן אָפּצוגעבן. איר זענט באַ מיר", זאָג איך, „אַזאַ גוטער בעטוואָך ווי די בעסטע באַנק— אַלעוואַי", זאָג איך, „האָב איך נאָר אַזוי פיל".

דער סאָף איז געווען, וויסנזי, אַז אַקוראַט צו די פיר וואָכן, האָט ער מיר אָפּגעבראַכט ס׳געלט אין שטוב אַריין, און צוואָר מיט פּראָ־צענט און נאָך צוויי פונט מאַנדלען און מיט אַ שאַכטל גוטע ציגאַרן.

...דער בייטל פון מיין טיטין? אַך, יאָה, דאָס איז אַן אָקס־בייטל, אַ „יוראָפּשער" אָקס־בייטל! דער אָקס, וויסנזי, (איך האָב אים געקענט ביים לעבן!), האָט זיך נישט געריכט אַז פון דעם מיט וואָס ער שטאָלצירט אַזוי זאָל מען מאַכן אַ בייטל פאַר טיטין.

...הערנזי: איך געדענק אַ מייסע, ווי דער נעמלעכער אָקס האָט מיך אַמאָל געוואָלט נעמען אַף די הערנער, דאַפאַר וואָס איך האָב אים געוויזן אַ רויטע פאַטשיילע. ער איז געוואָרן אַזוי ווילד, אַז ער איז אַריין מיט די הערנער אין אַ וואַנט, און זיך צעבראָכן דעם קאָפּ. — און אַז ער האָט דערזען זיין אייגענע יובע, האָט ער זיך נאָך מער צעווילדעוועט, אָבער סע האָט נישט געהאָלפן, הערנזי. איצט האָב איך דאָס בייטעלע. ווילנזי עפּשער אַ זשעמניע טיטין? גיבן זי

א שמעק, פאני נאדיר, סי שמעקט ווי פריוואנץ־בוימל—דער ט י ט י ן, נישט דאס בייטעלע.

...נייע פעטענטס? ס'איז ד א! און צוואר: עטלעכע, און צוואר: אזא גרויסע שטיק גאלד זאל איך האבן, ווי געלונגען מיינע „פעטענטס" זענען היינט.

דער ערשטער „פעטענט" איז נישט מיינער, און צוואר דעם „קיפיטשיניצערס" (אויב זי ווייסן ווענען איך מיין!) דאס איז א טאג־פעטענט. אדער בעסער געזאגט: א פעטענט, וואס האט צו טוען מיט דער ברענענדיגסטער פראגע פונם טאג און צוואר: די גרויסע היצן.

דער פעטענט איז נעמלעך געבויט אף דעמזעלבן פרינציפ, וואס די אלטמאדישע פייער־טעפ. נאר—פארקערט, און צוואר אף אפצע־קילן, אנשטאט אף צו דערהיצן, און אנשטאט א פייער־טאפ ווערט פארגעשלאגן אן עלעקטרישער ווענטילאטאר.

...די צארע איז נאר, וויסנזי, וואס א פייער־טאפ איז בלויז גוט פאר פרויען, און צווייטנס וועט מען מוזן שלעפן מיט זיך א באטאריי...

האב איך שוין אליין א ב ע ס ע ר ן פעטענט און צוואר: א היטל וואס דרייט זיך קסיידער אפן קאפ.

דאס נעמלעכע היטל איז אזוי געבויעט, אז בעאייסן דרייען, פאכעט עס מיט די שפיצן (ס'האט א סאך שפיצן—אזוי ווי א שטריימל).

אבער דאס זענען אלץ קליניקייטן, וויסנזי, אין פארגלייך מיט דעם פעטענט וועגן א כאזן אף רעדלעך, און צוואר: א כאזן וואס זיצט לעבן אן אמער מיט רעדלעך און דער שאמעס שלעפט אים ארום איבער אלע גאסן.

דער כאזן האלט אין איין דאווענען (ער שטעלט זיך נישט אפ) און וואו ער פארט פארביי, קוקן אידן ארויס דורכן פענצטער און זאגן „אמען".

אין צוזאמענהאנג מיט דעם־א פעטענט, האב איך אויך א פעטענט וועגן א הימלישן רעדזשיסטער (געלט־אפקלינגער): און צוואר, ווייל היינטיקע גווירים גיבן נישט קיין צדאקע. זיי דיינקען בא זיך: „דער טאהוול וויסט, צי מ'פארשרייבט דארט אין הימל צי נישט". אבער מיט מיין נייער הימלישער רעגיסטריר־מאשין, ווערט די טאינע אפגעשאפט.

...יעדעס מאל, וואס מיסטער האציק אדער פאני קאציק גיט א גראשן א נעדאווע, גיט אין הימל א קלונג, און סע קומט ארויס אפן הימל (אין פייערדיקע איסיעס) דער נאמען פונם גוויר. אלע מענטשן

פון דער גאַנצער וועלט קוקן זיך אַרום און זאָגן: „קאַציק האָט שוין ווידער געגעבן אַ נעדאַווע!"

...געפעלט אייך דער פּעטענט?

איך האָב נאָך אַ „פּעטענט" וועגן גומענע זייגערלעך — דאָס הייסט, זייגערלעך, וואָס זייערע אינגאַנצן געמאַכט פון גומי, אָדער ריכטיקער געזאָגט: פון ראָבער. ספּעציעל פאַר מענטשן, וואָס באָדן זיך שאַען־לאַנג באַם יאַם און ווייסן נישט וויפיל דער זייגער האַלט, ווייל קיין מעטאַלענע זייגערס קענען זיי נישט האַלטן אין די קעשענעס פון נאַסע באָד־קליידער, אָבער אַ זייגער מיט גומענע רעדלעך, וואָס זשאַווערן נישט, מיט אַ גומענעם אומרו,—זיכאַפּנעם?

זייען זי מיר געזונט, מיסטער נאַדיר, און לעבן זי וואָל, צום וואָל־אַם־בעסטן, צום וואָל־אַם־שענסטן, צום וואָל־אַם־קלוגסטן!

ווי עס ווינטשט איהן אייער בעסטער פריינט

לייזערעליע, דער ערשטער.

14

איך האָב דערהאַלטן אַ בריוו פון דעם געניאַלן אידיאָט. ער שרייבט אַזוי:

„אַנטשולדיקט מיר, מוישע נאַדיר, וואָס איך קען היינטיקע וואָך נישט קומען צו אייך. איך בין פאַרנומען מיט אַ געשעפט, וואָס אַז גאָט וועט מיר העלפן איך וועל עס דערכפירן (זעט טאַקע אַז דער זעצער זאָל זעצן דערכפירן, נישט „דורכפירן") וועט עס מיר אַריינברענגען אַ פאַרמעגן.

סי האַנדלט זיך וועגן אַ נייע קאָמבינאַציע פון אַ בלייפעדער, וואָס אַז מע וויל איז דאָס אַ בלייפעדער, צום שרייבן, און אַז מע וויל איז דאָס אַ כינעזישע בלום, און אַז מע וויל, איז דאָס אַ בריטווע.

עמעס, דער ספּאָסיב אַרבעט דערוויייל בלויז אויף איין פונקט: דאָס הייסט, דערוויייל איז עס בלויז אַ בלייפעדער. אָבער אַז מע האַלט עס פיר כאַדאָשים הינטער אַזאַ כעמיש וואַסער, וואָס איך האָב אליין צוגעטראַכט, ווערט עס אַ... כינעזישע בלום און אַ בריטווע.

צו וואָס מע דאַרף עס האָבן? מע דאַרף עס האָבן צוליב דעם, ווייל דאָס איז אַ לוקסוס און קיינער דאַרף עס נישט האָבן.

איך זאָלט האָבן אַ קלאָל, מוישע נאַדיר, אַז נאָר מיט לוקסוס־זאַכן זאָלט איר האַנדלען, נישט מיט קיין ברויט, נישט מיט קיין פּוטער, נישט מיט קיין גלאַנצבערשטלעך—דאַפון קען מען נישט רייך ווערן אַזוי גיך ווי פון זאַכן אומניציקע.

ווער, מיינט איר, מוישע נאַדיר, וועט באַזיגן אַמעריקע? ראַקע־

פעלער מיט זיינע מיליאָנען? ניין, וואלוואַירטה מיט זיינע ניקעלס.

גראַשנס, גראַשנס. אָט וואָס מיר דארפן אין אַמעריקע.

קליינגעלט.

צעבייט און קלינג מיט די מאַטבייעס—זיי אַ גראַשנדיקער טריליאָנער.

האָסט אַ געדאַנק, ארבעט אים נישט ארויף אף עמעסע אשירעס. האָסט גייסט, צעבייט אים אף פענים, אף ניקלס. מאַך עס קראַנט. אלע זאָלן קענען קויפן, אלע זאָלן קענען האָנאָע האָבן.

ליפערט סכוירע צו דעם פינף־סענטיקן גייסט פון אַמעריקע, און איר וועט זיין אָלרייט.

אַז איר זענט שרייבער — שרייבט גראַשנס, פאַר גראַשנדיקע מויכעס.

איר האָט שוין אליין אַמאָל געזאָגט, מוישע נאַדיר, אַז אין אַמעריקע מאַכט מען נישט קיין הייזער אף צו וואוינען, נאָר אף צו פאַרקויפן. דאָס אייגענע איז מיט ברויט, מיט ליטעראַטור, מיט שיינקייט.

קוני איילאַנד קעגן—פיטסבורג.

פיטסבורג איז דאָס מיטל, קוני איילאַנד—דער ציל.

מיר לעבן אין אַ פייוו־ענד־טען־סענטס פעריאָד.

דער איקער איז דער „פעטענט", דער ספּאָסיב; דאָס קאָלירטע פלאַטער־בלימל פון פּאַפּיר איבער אַ קינדס וועגעלע איז אַ סאַך כאַשעווער ווי אַ ציינדל קנאָבל, אָדער אַ בינטל קאָלינעס.

מיר לעבן היינט אין פּאַרטיק־צוגעשניטענע שטיקלעך צייט, וועלכע מיר דארפן אַזוי גוט זיין און אָנפילן מיט טעג.

און ווער האָט געשאַפן די פעריאָדן? ווערטער!

האָט זיך ש. אַנסקין פאַרגלוסט ארויסלאָזן אין זיין „דיבוק" אַזאַ וואָרט ווי „גערעאַנגל". נו־נו, האָבן מיר געהאַט דאַפון צו זינגען און צו זאָגן. געגוויע פיר יאָר האָט מען נישט געקענט באַגעגענען אַ אידיש ליד אָדער אַן עסיי, וואו סי זאָל נישט זיין דאָס וואָרט „גערעאַנגל".

מיר אייער אייגענעם וואָרט „קאַפּיטשקע", מוישע נאַדיר, האָט איר אויך אָנגעמאַכט צאָרעס ביז אפן היינטיקן טאָג.

דערנאָך איז געקומען דער קאַיאָר־פעריאָד. דריי יאָר דורכאנאנד האָט מען אין דער וואַרשעווער ליטעראַטור געקאַיאָרעוועט.

איר מוזט נאָך אויך געדענקען דעם שקיעה־פעריאָד, אונז צו לענגערע יאָר, דעם פעריאָד פון די „ווייסע לאַנדישן" און „זאַנפ־

טע זעפירן". מע רעדט שוין נישט פון דעם „נאכטיגאל פעריאָד" און אנדערע אָנשיקענישן.

מיינט איר, אז נאָר אין דער ליטעראטור? אין דער וויסנשאַפט אויך אזוי. נעמט אַ שטייגער די מעדיצין: 25 יאָר נאָכאנאנד האָט מען געפּליוכעט קאַרבאָל. דערנאָך האָט מען 25 יאָר געפּליוכעט „פּעראָקסייד", דערנאָך האָט מען 25 דורכאנאנד געליאַפּעט יאָד, היינט האַלטן מיר שוין בּאָרוכהאשעם באַ מערקוריכראָם.

ס'אַ וועלט מיט וועלטעלעך.

אָט האָט איינער אַ רום טערעמין אויסגעפונען אַ מיטל צו צאַפּן מוזיק פון דער לופטן. מיינט איר, אז אַמעריקע וועט זיך כידעשן איבער דעם גרויסן אויפטו? סי הויבט זיך נישט אָן. אַמעריקע כאַפּט נישט קיין היספּאַילעס פון אזוינע נארישקייטן. ווען טערעמין דער רוס זאָל צו יעדן מאַשינדל אַף „צו צאַפּן מוזיק" צוגעבן אַ... געזונטן פּליאַסק אין דער מאָרדע, וואָלט מען פון אים גערעדט נישט ווייניקער ווי פון דעמפּסין. אָבער אזוי?

שאַ, און זאָגט קיינעם נישט אויס, מוישע נאדיר. אויב מעגלעך, מעקט דאָס אויס איידער איר גיט דאָס אוועק צום דרוקן, אָבער מיר דאכט זיך, אז אַלע אידישע „טוגענדן" זענען... אַ נייגער נאָך בלוט, קאַניבאַליזם, סאַדיזם.

פאַרוואָס, מיינט איר, פרייזן די אידן די בסולעשאַפט מער ווי אַלע אנדערע פעלקער?

ווייל דאָס פאַרגיסן בלוט אַף אַ געזעצלעכן אויפן (אין מילכאָמעס) איז זיי צוליב היסטאָרישע סיבעס פאַרשטערט געוואָרן.

צוליב דעם איינענעם טאַם האָבן אידן אויסגעקליבן פאַר זייער נאציאָנאַלן צייכן—מילע.

„דער מענטש", זאָגט מיין שוואָגער פיצעלי, „איז דאָס וואָס מע רעדט אים איין, אז ער איז".

אילוסטראַציע:—פּערעץ הירשביין.

איך האָב היינטיקן סאָף־זומער געטראָפן הירשביינען אין אַ פּאַריזער קאַפע, אַ טאָג נאָכדעם ווי ער איז אָנגעקומען. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ סך מענטשן. קימאַט אַלע האָבן אים געפרעגט ווען ער קלייבט זיך אוועקצופאָרן פון פּאַריז.

אז איך האָב אים דערנאָך באַגלייט אַהיים, האָט ער מיר געזאָגט, מיט זיין פּאַוואָליעדיק, טרויעריק, מוזיקאַליש קאָל:

„איר מיינט, מיין ליבער געניאַלער אידיאָט, אז איך האָב כיי־

שעק אוועקצופאָרן פון פאריז, צי פון ניו יאָרק, צי פון ווארשע? דער עמעס איז, אז איך בין שוין לאנג מיד געוואָרן פון שלעפן זיך איבער דער וועלט, נישט מער: וואוהין איך קום, פרעגט מען מיך באלד ווען פאָר איך אוועק? מען פרעגט מיך אזוי לאנג, ביז וואנעט איך מוז אוועקפאָרן".

דער געניאלער אידיאָט איז היינט געווען גוט אויפגעליינט, איז באלד צוגעגאנגען צו דער פּרוכטשיסל, ארויסגענומען די בעסטע מאראנץ, גענומען שיילן די שאָלעכץ און געזאָגט:

איר האָט מיר פארגעסן צו פרעגן, צי איך האָב א ווייב. די לעזער אייערע ווילן מיסטאָם וויסן, צי בין איך א פארהייראַטער צי נישט. „וועל", ווי מ'זאָגט בא אייך אין אמעריקע, איך האָב געהאט א ווייב. זייער א מיעסע, א קרענקלעכע, און אן אָרימע. איך האָב מיט איר כאסענע געהאט אוים ליבע. איך בין געווען פארליבט אין מיין ראכמאָנעס צו איר. עס איז אזוי איידל צו האָבן ראכמאָנעס! ביפראט אז איך האָב געוואוסט, אז זי וועט לאנג נישט לעבן.

ווען איך האָב זיך מיט איר באָקענט בין איך אליין אויך געווען א קאבצן אין זיבן פאָלעס. קיין קאלע־מאטאָנע נישט געקענט געבן. האָב איך איר... געווידמעט א בוך. דאָס בוך איז נישט געווען מיין אייגנס, נאָר אן איבערזעצונג פון אָפערן־ליברעטאָס. האָב איך גע־לאָזט אָפּדרוקן אָפן ערשטן בלעטל (גלייך אונטער מיין נאָמען) „גע־ווידמעט מיין שיינער און געטרייער פרוי". איר נאָמען האָב איך נישט אָנגעגעבן. פארוואָס? ווייל טאָמער מאכט זיך, אז מיר געטן זיך, אָדער וואָס, זאָל איך עס קענען „ווידמענען" מיין צווייט ווייב אויך.

עמעס, איך וואָלט איר פונקט אזוי געקענט „ווידמען" דעם.. יאַם. איך האָב זי, לעמאָשל, געקאָנט צופירן צום יאַם, אין קוני איילאנד, און זאָגן: „מיין ליבע פרוי, דו זעסט דעם יאַם? ער איז דיינער! איך גיב אים דיר אוועק פאר דראָשעגעשאנק!" אָבער דאָס וואָלט זיך אויסגעוויזן נאריש. דאָס אנדערע מין „ווידמענען" האָט הינטער זיך טראדיציע. און וויסן זאָלט איר וויסן זיין, מיין ליבער נאָדיר, אז א נארישקייט איז בלויז אַף אזוי לאנג א נארישקייט, ווי לאנג מ'טוט עס בלויז איין מאָל, טוט אָפּ די עזלבע שטו־סערייַ א הונדערט מאָל, ווערט עס א... טראדיציע.

פע, וואָס פאר א פאסקודנע מאראנצן איר קויפט. און דאָס

פּלעשל זעלצערוואַסער וואָס שטייט אַפן טיש מעגט איר אויך אוועק־נעמען. עס שפּריצט סיי־ווי־סיי נישט. נאָר ניין, נעמט עס בעסער נישט אוועק. איך וועל עס מיטנעמען אַהיים, עס אוועקשטעלן אַף מעכאַבעד צו זיין מ י י נ ע געסט.

שאַ, אַז גאָווערנאָר פולער האָט געוויינט, האָט איר געהערט? אַבי מע האָט אַלץ גערעדט, אַז דער גובערנאַטאָר פולער איז אַ האַר־טער מענטש! הארט גאָר? יענער איז ווייך ווי... כ׳ווייס אַליין נישט וואָס. אי, וואָס ער האָט דערהאַרגעט צוויי אומשולדיקע מענטשן? איז דער טערעץ: לעמאַי גאָטבכן?! דאַרף מען נאָך אַ בע־סערן מענטש ווי גאָטבכון, וואָס מיט זיין גנאָד איז פול די גאַנצע וועלט? פונדעסטוועגן אַז אַ „קאַסטימער" זאָגט אים שוין גוט אָפּ טילים 90 יאָר דורכאַנאַנד, נעמט ער ערשט צום סאָף און... דערהאַרגעט אים.

ניטשעוואָ ניע פּאָדיעלאַיעש, ברודער! אַזוי איז שוין די וועלט. אַמאָל אַז מיר האָבן געהאַט אַ סאַך געטער (ווי בא די גריכן און אַנ־דערע) און ס׳איז געווען קאָנקורענץ, האָבן זיך נאָך די געטער געמוזט אויפפירן אָרענטלעך. מוירע געהאַט פאַר לייטישע מיילער. אָבער שפּעטער, אַז ס׳איז געוואָרן אַ „טראָסט" און „יעהאָווע עט סאָן" האָבן פאַרכאַפּט די גאַנצע וועלט, איז טאַקע געוואָרן פע, פּאַס־קודנע. נישט אויסצוהאַלטן.

15

הערנזי רעדאַקטאָר לעבן

אַז דער נאַדיר וויל פאָרן זיך אָפּרוען זאָל ער פאָרן זיך אָפּרוען

צו מיר האָט דאָס נישט און צוואַר ווייל איך בין אַליין אַ נער־ווען מענטש

איך האַלט אַז אַ מענטש וואָס איז אַליין אומרואיק טאָר נישט פאָרן אַהין וואו עס איז שטיל

ווייל אין דער שטילקייט דערהערט מען די אייגענע אומרו אַ סאַך שטאַרקער וויסנזי

פּונקט ווי די בעסטע רעפּוע קען דער היץ איז היץ און צוואַר אַ הייסע וואַנע

אזוי אויך פאַר דעם אומרואיקן מענטשן איז דער בעסטער אָפּרו אין אומרו

און צוואַר אין ניו יאָרק און צוואַר אין שאַפּ באַ דער ארבעט זי זאָגן אַ פּעטענט

צו דעם האָב איך קיין פּעטענט נישט דאָס קער שוין צום גע־ניאַלן אידיאָט אַליין

און צוואַר צו אונזער פריינט בערל מעקפאדן פאַדענמאַכער

וואָס מיר האָבן שוין לאַנג נישט געהערט פון אים

און וויסנזי ווארום

דארום ווייל ער איצט אַ נייעם איינפאַל האָט צו מאַכן געלט און צוואַר ער אַרבעט אַלס גערויטעוועטער

זי פאַרשטייען נישט וואָס מען מיינט אַ גערויטעוועטער

ס'איז זייער איינפאַך

אזוי ווי ס'איז דאָ לייטע אין באָסטאָן מאַסאַטשוזעטס וואָס פאַרקייפן הייליק וואַסער פונם פראָנצוויזישן שטעטל לורד

און זיי טוען אויף וואונדער

און צוואַר זיי אַנאָנסירן אַז דאָס הייליקע וואַסער פון לורד מאַכט

פון קרום גלייך

פון בלינד זעענדיק

פון שטום ריידעוודיק

און אזוי ווייטער וויסנזי

וויוואויל דער עמעס איז אַז זיי נעמען בלינדע מענטשן און מאַכן זיי טויב אויך

פון די געשרייען וואָס מען שרייט דאָרט אין קלויסטער צו זייער גאָט

אָבער וויסנזי ווי זאָגט אַוורומטשע לינקאָלן

דו קענסט נאַרן אַלע מענטשן אַלע מאָל

איז באַ יעדער קלויסטער־מעסע דעמאָנסטרירן די לייטע וואָס האַנדלען מיט דעם הייליקן וואַסער די וואונדער וואָס עס טוט אויף

וויפיל מענטשן עס ראַטעוועט

און אונזער געניאַלער אידיאָט אַרבעט דאָרט און צוואַר אַלס גערויטעוועטער

אַז ער קומט צופאָרן אין שטאָט אַריין גייט ער אַף אַ קוליע

ער זעצט זיך אוועק לעבן קלויסטער, מיט דער קוליע אין דער זייט קרימט מיט די ווארגעס גליך ער וואָלט געהאט גרויסע יסורים

אין קלויסטער אריין הינקט ער אריין צום דאַוונען א ווייטע קאַליקע נעבעך קוים וואָס סי שלעפּט זיך

פאַר אַלעמען אין די אויגן טרינקט ער אויס א פלעשל וואַסער פון לורד און סי פּאַסירט א וואונדער

ער גיט א טלים אוועק די קוליעס און הויבט אָן גיין

און אַז ער גייט פאַלט ער צומערשטן

דערנאָך הויבט ער זיך אויף און הויבט אָן צו שרייען פון פרייד און ער הויבט אָן צו גיין אַליין

פאַר דעם־אָ וויסנזי קריגט ער א סאך געלט א כוץ אומזיסטיקע אקציעס אין דער געזעלשאפט פון הייליקן וואַסער

דאָס דערמאָנט מיך וויסנזי אָן א אידן בא אונז אין טעמיסוואר אונגאַרן וואָס האָט געוואָלט איינמאָל פאַר אַלע מאָל וויסן צי ס'איז דאָ א גאָט אף דער וועלט צי נישט

און אויב יאָ צי איז ער א איד

האָט ער גענומען און פאַרזעצט דעם טאַלעס זיינעם און גע־קויפט א לאָטערי־צעטל

דער בעשבן זיינער איז געווען אזאַ

איז דאָ א גאָט אף דער וועלט וועט ער שוין זען אַז ער זאָל געווינען אין דער לאָטערי קעדיי ער זאָל קאָנען אויסלייזן קריק דעם טאַלעס און האָבן אין וואָס צו דאַוונען

אויב אָבער ער וועט דאָס צעטל נישט אויסשפּילן איז דער בעסטער סימען אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט אף דער וועלט

און מ'האָט אים ערגעץ אַנדערש

הערנזי רעדאַקטאָר לעבן אַז נאַדיר איז דאָ אינדערהיים לאָזט ער מיך נישט זאָגן וואָס איך וויל אָבער היינט אַז איך שרייב אַליין

קען איך אייַך זאָגן אַז די צייט איז נישט ווייט ווען יעדער פיעכאָטנער מענטש וועט מוזן טראָגן פון הינטן א בלעכל מיט א נומער אזוי ווי אַן אויטאָמאָביל

פון פאָרנט וועט ער מוזן טראָגן א טרומייטערל

און צוואַר צו וואָרענען די אַנדערע מענטשן אַז ער קומט מ'זאָל אָפּטרעטן דעם וועג

אזוי אייַך וועט דעמאָלט זיין אף דער וועלט

נישט נאָר מענטשן נאָר אַפילע פליגן וועלן מוזן טראָגן לייסענס אָדער טעוועלעך מיט נומערן

פון פאָרנט וועלן זיי טראָגן לאַמטערנדלעך קעדיי סי זאָל נישט

געשען קיין צוזאמענשטויסע

ווייסנזי וואָס איך דיינק רעדאַקטאָר לעבן

איך דיינק אַז צו זיין אַ פערד איז קיינמאָל נישט געווען קיין גרויסע באַכמע

אָבער צו זיין אַ פערד אין יאָר 1928 איז אַ בושע

ווייסנזי וואָס נאָך איך דיינק רעדאַקטאָר לעבן

איך דיינק אַז אַ רעדאַקטאָר איז גענליכן צו אַ טרעפיק פאָליסמאַן אָדער ווי מ׳רופט עס אין ווין אַ פאַרקער־שוצמאַן

ער דאַרף מאַכן מיט דער האַנט און רעגולירן מ׳זאָל זיך נישט צענויפקומען צו נאָענט און מ׳זאָל פאָרן גלייך

ווייסנזי פאַרוואָס אין ניו יאָרק איז דאָ אַזוי ווייניק לופט

ווייל די גאַנצע לופט גייט אַריין אין די גומענע ריַדער פון די אָטאָמאָבילן

און ווייסנזי פאַרוואָס מ׳רופט עס אָטאָ

ווייל אָ ט אָ גייט עס און אָ ט אָ קומט עס און אָ ט אָ איז עס דאָ

אָבער וואָס קומט אַרויס

מיט פערד און וואָגן איז די וועלט געווען אַ סאַך ג ר ע ס ע ר אַ סאַך ל ע נ ג ע ר ווי היינט

דער אָטאָמאָביל און די לופטשיף האָבן קליין געמאַכט די וועלט

איך האָב אויסגערעכנט ווייסנזי אַז לויטן אונטערשיד פון דער צייט וואָס עס איז פון דאַנעט ביז איירָאָפּע וועט מען מיט אַ לופטשיף וואָס פליט טויזנט מייל אַ שאָ קענען אַרויספליען פון ניו יאָרק שאַבעס זייגער איינס פאַרטאָג און אָנקומען קיין פאַריז פאַראַכטאָגן פרייטאָג ־ייגער ניין באַנאַכט

16

העלאָ סיר מיסטער רעדאַקטאָר דאָס שרייבט ווידער לייזערעליע שוין דעם צווייטן מאָל ווייסנזי

ווייל דער נאַדיר איז נאָך אַלץ אף וואַקאַציע און די איבעריקע ־ייטע פון דער גענ־אַלאידיאָטישער מישפּאָכע זענען ווי אויסגע־טריקנט געוואָרן

הערנזי וואָס איכל אינען דערציילן

דער גענ־אַלער אידיאָט אַליין מיסטער בערל מקפאַדן פאָדענמאַכער האָט איצט אַ נייעם פּעטענט ווי אַזוי צו מאַכן געלט ווייסנזי ווי אַזוי

זינט דער מושע נאַדיר האָט אים אַזוי פּאָפּולער געמאַכט דורך

אינעגם בלאט צאָלט ער אין ערגיץ נישט מיט קיין מעזומען געלט און צוואר וויסנזי מיט וואָס ער צאָלט

ער צאָלט נעמלעך מיט טשעקס

און צוואר אַז ער דאַרף צאָלן לאָמיר זאָגן אַנדערהאַלבן דאָלאַר שטעלט ער אויס אַ טשעק אַף 50 סענט

קלוימערשט ער האָט געהאַט אַ טאָעס

דערנאָך מאַכט ער אויס אַ טשעק אַף נאָך 50 סענט און צוואר עס הייסט אַז ער האָט ווידער געהאַט אַ טאָעס

דערנאָך האָט ער שוין מער נישט קיין טשעק־בלעטלעך גיט ער 50 סענט אין מעזומענעם קעש וויסנזי

דער סייכל דאַפון אַז פאַר 50 סענט וועט זיך קיינעם נישט לוינען אויסצובייטן אַ טשעק מיטן געניאַלן אידיאָטס אונטערשריפט

און צוואר דאַפאַר ווייל ער איז היינט אַזוי פּאָפּולער ווי עני־איינער

מי האַלט זיינע אונטערשריפטן אַף טשעקס ווי מ׳האַלט אַ ט אָ־ג ר אַ פ ן ווי זי רופן עס אַף ביכער

זי זעענשוין אַליין מיסטער רעדאַקטאָר אַז איך מאַך נישט קיין פינטעלעך מיט קיין שום זאַך נישט

און צוואר ווייל איך האַלט אַז סאיז אַן איבעריקע זאַך

מוישע נאַדיר האָט מיך אַליין געלערנט אַז מען דאַרף שרייבן פונקט אַזוי ווי מע רעדט

אַז אַ מענטש רעדט זאָגט ער נישט
גוטמאָרגן אויסרופסצייכן
אַ שיין וועטער היינט הא פראַגעצייכן
וואָס מאַכט עפּעס אינעם פרוי פינטעלעך
פיצעלין גערדיינקען זי נאָך
ער אַרבעט איצט אין דער סאָוט
און צוואר וויסנזי וואָס זיין אַרבעט איז
זיין אַרבעט איז צו טראָגן נייע קליידער

עבנדאַרום ווייל די נענערם האָבן אַ טעווע אַז זיי ווילן נישט קויפן קיין נייע אַנצוגן אָדער נייע שיך אָדער נייע היט

ווייל זיי דיינקען אַז מע נאַרט זיי אָפּ

ג ע ט ר אָ ג ע נ ע זאַכן איז גרינגער צו פאַרקויפן פאַר מציעס

זי גערדענקען די פיינע פסוקים וואָס דער געניאַלער אידיאָט פלעגט דערלאַנגען אין די ערשטע טעג פון זיין טכילעס אָנהויב באַנענק אין בלאַט

וויסנזי סאיז שוין יעצט ארוים דער סאָד אז ער האָט דאָס געגומען פארטיקערהייט פון א ביכעלע

און צוואר דער פּיצצעלי איז מיט אים געווען אין שוויצבאָד

מאַכטער צו אים זאָגן זי מיר עפּעס אף לאַטיין

ווי אַזוי הייסט פּיפּערנאָטער אף לאַטיין

אָדער פּניעכם

מאַכט ער ער געדיינקט נישט עפּשער וועט ער זיך דערמאָנען שפּעטער

ער איז ארויסגעגאַנגען אין אַן אַנדער צימער זיך געזאַמט עפּשער 15 מינוט און קריק געקומען און געזאָגט

ער קען זיך נישט דערמאָנען

כאַכאַ האָט זיך פּיצצעלי צעלאַכט

אוואדע מאַכטער קענענזי זיך נישט דערמאָנען

און צוואר מאַכטער ווייל איך האָב בא אינען ארויסגענומען פון די הויזן דאָס לאַטיינישע ווערטערביכל

הערנזי א נייעם פּעטענט

קעגן די מאַלעירן וואָס פּאַסירן די לעצטע צייט מיט די לופט־פליערם

און צוואר ווייל זיי פליען גלאַט אַזוי אין דער לופטן און זיי האָבן זיך נישט וואו אָנצוהאַלטן

האָב איך א פּעטענט

אז יעדער עראָפּלאַן זאָל זיין צוגעבונדן מיט א לאַנגן שטריק צום מאַסטבוים פון א שיף און זאָל פליען איניינעם מיט דער שיף

דער סייכל דאַפון טאָמער טראָבל צאָרעס אַן אומגליק איז באַלד אראָפּגעצויגן דעם שטריק און באַלד געראַטעוועט

אי וואָס זיי וועלן נישט קענען פליען זייער שנעל

איז ערשטנס וועמען אַרט עס

נישט ס׳איז מיין עראָפּלאַן נישט איך פלי.

איבריגנס וועט מען עפּשער קענען מאַכן אַזוי אז דער עראָפּלאַן זאָל שלעפּן די שיף בא די האָר זאַצוזאָגן

און סי זאָל נאָך דער שיף אליין אויך ארויסקומען א טויווע דאַפון

שאַ הערנזי סי פאַלט מיר איין אַז מע וועט עפּשער קענען מאַכן אז די שיפן זאָלן אינגאַנצן נישט האָבן קיין מאָטאָרן נאָר די ענדזשינס מיט די קעסלען זאָלן זיך געפינען אויבן אף דער לופטשיף וואָס איז צוגעבונדן צום מאַסטבוים

די לופטשיף זאָל אי פליען אי שלעפּן די שיף

מיט דער צייט וועט מען עפשער קענען מאכן אזא שטארקן מאָטאָר וויסנזי אז די שיף אַליין זאָל זיך אויפהויבן און פליען מיט די פאַסיזשירן מיט אַלעמען

וויסנזי מיסטער רעדאַקטאָר איך האָב מיך שוין באַלד אויסגע־לערנט אַליין שרייבן

אפילע לידלעך קען איך שוין אויך אַליין אָנשרייבן אז מע באַדאַרף

איך האָב צומביישפּיל אזא לידל

לייג דיין קאָפּ אָף מיינער שויס
ווי סי פּאַסט זיך פאַר אַ גרויסן
גענוג מיין קינד געוויינט אין שטוב
און איצטער וויין אין דרויסן .

::—::—::

וויסנזי די געשיכטע פון אונזער שטאַטישן גוויר לייבטשע באָרסיק

לייבטשע באָרסיק איז געווען פשטיינזימיך אַ גרויסער כאזער

האָט ער קיינמאָל נישט מנאַדיף געווען קיין פעניג פאַר די אַליעס וואָס מהאָט אים געגעבן אין שול

נאָר איינמאָל שטייט ער אַזוי וויסנזי אין שול באַם ליענען רופט מען אים אויף צו שישי

סי קומט צו באַוויר שנאָדער

דער באַלקוירע וויל שוין אָפּרעדלען און פאָרן ווייטער ווייל ער ווייסט דאָך אז לייבטשע באָרסיק שנאָדערט נישט אפילע אַ רויטן העלער

מיטאמאָל הערט זיך דעם גווירס קאָל

איך בין מנאַדער הונדערט פלאָרין

דער באַל קוירע איז שיר אומגעפאַלן אז ער האָט דאָס דערהערט

דער גוויר אַליין איז אויך אומגעפאַלן

מאָט זיי ביידן קוים דערמינטערט

אז מיז ארויסגעגאנגען פונם דאַווענען רופט זיך אָן שימע דער בויכרעדנער

עך האָבן גוט אָפּגעטיהן דעם פּאַסקודניאַק

וויסנזי וואָס מיר פאַלט איין

מיר פאַלט איין אז עטלעכע גוטע בויכרעדנער וואָלטן געקענט ראַטעווען די וועלט ווען מזאָל זיי נאָר אריינלאָזן אין די פּאַרלאַמענטן

אין צו די זיצונגען פון דעם ליגן פון די נאַציעס

אז אינענם כאוועך ליטווינאָוו וואָלט געמאַכט א פאָרשלאָג בא דער זשענעווער זיצונג אז מזאָל אָפּשאַפן מילכאָמע וואָלט דער בויכ־רערנער נאָכגעמאַכט די שטימעס פון דעם ענגלישן פאַרטרעטער און געזאָגט

איך נעם אָן

וואָלט דער ענגלישמאַן געכאַלעשט וואָלט מען אים ארויסגע־טראָגן

און אַף דער וועלט וואָלט געהערשט שאָלים און זיין ברודער שאַלווע

הערנזי איך האָב נאָך א פּעטענט אַף די יאָמים נאָראָאים דאָס הייסט אייגענטלעך האָב איך צוויי פּעטענטס

און צוואר ביידע צוגונסטן פון ראָשישאָנע און יאָמקיפּער

וויסנזי אז סי קומט די ניין טעג הויבן אָן די פיש אין וואסער צו ציטערן

איז דאָך א ראַכמאָנעס נעבעך אַף די פיש

האָב איך א פּעטענט

טוליפּלעך פאַר די פיש

איז איינמאָל אוועק

צווייטנס האָב איך א פּעטענט אז מזאָל בלאָזן שויפער אַף סטים אָדער ווי זי רופנעס אין יוראָפּ

דאַמף

גאַנץ ניו יאָרק זאָל געבן איין בלאָז אָבער א רעכטן

אזא בלאָז אז גאָטבכון זאָל ארויס די נעשאָמע

אזא אַלגעמיינער בלאָז וועט אויך האָבן די מאַילע וואָס דער סאָטן וואָל ליגט געוויינטלעך אין שויפער וועט פון אזא פּיף צעשמעטערט ווערן אַף שטיקלעך

ער וועט שוין פאַרזאָגן א צענטן

וויסנזי דערזעלבער פּעטענט קען ארבעטן פאַרקערט אויך

און צוואר אָנשטאָט א זייער גרויסן אַלגעמיינעם שויפער קען מען בלאָזן אַף גאָר א פּיצל שויפערל

און צוואר דאָס דער סאָטן זאָל נישט קאָנען אריין אינעווייניק

ווען ער זאָל זיך אַפילע צענויפלייגן אין צענען

אונזער מעלאָכרינאָ האָט ווענן דעם א לידל

סי גייט אזוי

זיי האָבן א צאַדיק

הייסט ער ר׳ פּאַטריק

מיר האָבן אַ ראַשע
הייסט ער מ׳קאַטריק
ער שרייבט גוואַלדיקע לידער אונזער מעלאַכרינאַ
יעססיר
על סאָן סופּערב
דעי אַר ביוטיפול
זי זינד פּרעכטיג
סאָנאָ בעללִיסימי
סאָן סאָבערביאָס
סאָאָ מיגניפיקאָס
ווי עס אינען ווינטשט
מיט אַ גוט יאָר און מיט אַ גרינג האַרץ
לייזערעליע דער ערשטער

17

הערנזי רעדאַקטאָר לעבן וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק אָף מיר
אַז מוישע נאַדיר פּאָרט אַוועק דרוקט מען נישט מיינע זאַכן
און ענקערע לעזער מיינען דערוויל אַז איך בין שוין געשטאָרבן אָדער וואָס
וויסנזי אַנומלטן האָט מיך אָפּגערופן מעלאַכרינאַ
לייזערעליע העלאָ דאָס רעדט מעלאַכרינאַ
איך שטיי מאַכט ער מיט די הענט אין דער הויך און איך טעלעפאָניר מאַכט ער פון אַ פּאַרוואָרפענעם סאַבוויי־טעלעפאָן
אַ מאַן מאַכט אָף מיר אַ האָלד־אָפּ איך זאָל אים געבן געלט וויל איך וויסן מאַכט ער וואָס דו ראָטסט מיך צו טוען
מאַך איך צון אים
ער שטייט מיט אַ רעוואָלווער
מאַכט ער וואָדען אָן אַ רעוואָלווער
זאָג איך
אויב אַזוי זיי נישט קיין בעהיימע און גיב
הערנזי רעדאַקטאָר לעבן וואָס באַלאַהטנס איז
באַלאַהטנס האָב איך געקענט אַ מאַן וואָס אַז אַ קאַר האָט אים איבערגעפאָרן און אים אָפּגעהאַקט אַ האַנט איז זיין ווייב געלאָפן צומערשטן צו דער האַנט און אַראָפּגענומען דאָס האַנט־זייגערל פונם געלענק
דערנאָך ערשט האָט זי געפרעגט
וואו איז מיין מאַן

הערנזי וואָס פאר א נייע פעטענטס איך האָב היינטיקע וואָך
דער ערשטער פעטענט איז וועגן ע ל ע פ א נ ט ן
מזאָל קענען ש י ק ן ע ל ע פ א נ ט ן פ א ר ס ל - פ אָ ס ט
אָדער ווי מוישע נאדיר וואָלט דאָס גערופן פעקל־פאָסט
צו וואָס מען דארף עס
הערנזי איך בעט אייך וואָס קאָן עס שאטן
אייער שיקט מען מיט פארסל־פאָסט
הינער מיט פארסל־פאָסט
בינען שיקט מען מיט פארסל־פאָסט
פארוואָס זאָל מען נישט קענען שיקן קיין עלעפאנטן
און צוואר איז דאָס טאקע באקוועם אויך
איר שטייט אויף אינדערפרי געפינט איר שוין אייער עלעפאנט בא דער טיר
אי וואָס וועט איר טוען מיט אים
איז נישט קיינעמס דאהגע
האָבן מיר א י י ן פעטענט אוועק
א צווייטער פעטענט איז וועגן ליפן־העניטשקעס.
אָדער ווי זי רופן עס דא־הי ג ל אָ ו ו ס
גלאָווס פאר די ליפן פון פאָליטישנס וואָס דארפן נעבעך ארומ־גיין און קושן קינדער פון אָרעמע טאטעמאמעס
און צוואר קינדער מיט פארשמירטע בעקלעך
הערנזי רעדאקטאָר לעבן איך האָב א שוואָגעריק אין הארלעם איז ער א קושער
און צוואר ווייל זיין ארבעט איז ארומצוגיין פאר עלעקשאָן־צייט ארומקושן די קינדער פון די בירגער וואָס וואוינען אין זיין ד י ס ט ר י ק ט
קעדיי די טאטעס מיט די מאמעס זאָלן שטימען פאר מיין שוואָ־געריקס קאנדידאט
הערנזי איך האָב נ אָ ך א פעטענט און צוואר וועגן דעם אז מענטשן זאָלן וואוינען אף קאראוואן אָטאָמאָבילן און זאָלן שטענדיק ארומפאָרן
און צוואר נישט נאָר זאָלן די הייזער זיין אף ר ע ד ע ר נאָר אויך די פ א ב ר י ק ן
צומביישפיל א פאבריק וואָס מאכט בייסיקלעך אָדער ווי מוישע נאדיר רופט עס ב י צ י ק ל ע ט ן און די נעמלעכע בייסיקלעך דארף

מען צעפירן אומעטום איבערן לאַנד
לויטן הײנטיקן אײנפיר שטײט די פאַבריק אַף אַן אָרט און מאַכט
בײסיקלעך וואָס מדאַרף שפּעטער צעשיקן איבער דער מעדינע
קום איך צוגײן און זאָג אַזוי
צו וואָס דאַרפט איר מאַכן די בײסיקלעך און צעשיקן
די בײסיקלעך
אַז איר קענט מאַך איך
טוען בײדע זאַכן מיטאַמאָל
און צוואַר אַ פאַבריק אַף רעדער וואָס פאָרט און מאַכט בײסיקלעך
און צעפירט זײ טאַקע אינדערזעלבער צײט וואָס זי מאַכט זײ
דאָס נעמלעכע איז אויך וועגן סקולס און אַנדערע זאַכן
יעדער מענטש האָט זיך אַן אָטאָמאָביל־הויז
נאָך איטלעכע הונדערט אָטאָמאָביל־הײזער פאָרט נאָך פון הינטן
אַ יאַטקע
אַ צעלניק־געוועלב
אַ טעאַטער
אַ רעדאַקציע
און צוואַר איז שוין דאָ אויך פאַרענטפערט דער געפרעג וואוהין
סי גײט דאָס אידישע טעאַטער אין אַמעריקע
דאָס אידישע טעאַטער גײט אַהין וואו סי דערזעט אַ פּאָר קאָס־
טימער אָדער ווי זי רופנס קונדן
האָבן מיר שוין וויפילמאָל אַוועק
דרײ מאָל
איצט נאָך אַ פּעטענט און צוואַר וועגן אַ שטילן אָרקעסטער
דאָס איז פּונקט דעריפּעך
פון טעלעוויזיע
טעלעוויזיע וויל גיבן אַלדינג אַזוי נאָענט
אַז איר זאָלט נישט דאַרפן נוצן אײער פאַנטאַזיע
מײן פּעטענט איז פאַרקערט
צו מאַכן אַז דעם מענטשנס פאַנטאַזיע זאָל נישט אַרומגײן לײדיק
האָט איך אויסגעטראַכט דעם שטילן אָרקעסטער
דאָס איז אַן אָרקעסטער וויסנזי פון 15 טויזנט מאַן שטאַרק
דער גרעסטער אָרקעסטער וואָס די וועלט פאַרמאָגט
נאָר אַלע גײען אָנגעטוען אין די שטילע היטלען
דאָס הײסט אַזוינע היטלען וואָס אַז איר טוט זײ אָן קען מען
אײך נישט זען אָדער אָנטאַפּן
דערנאָך באַשמירן מיר אַלע שפּילקײלים

די פידלען מיט די באַסן
מיט די קלאַרנעטן מיט די וואַלדהאָרנס
מיט די סאַקסאָפאָנס מיט אַלדינג
מיט אַזאַ פּעטענט־שמיר וואָס אַז מע שמירט דאָס אָן אויף האַלדז
אָדער אויף מעטאַל אָדער אויף גלאָז זעט מען עס מער נישט און מע קען עס מער נישט אָנטאַפּן
דערנאָך צעהענגען מיר אינם טעאַטער אַזוינע מין זאַכן וואָס איך רוף אָן דע־אַקוסטיקלעך
די דע־אַקוסטיקלעך דערהאַרגענען יעדן קלאַנג איר קענט אויפרייסן אַ באָמבע אָדער אַ קנאַק־טוען מיט אַ דונער און מי וועט נישט הערן
אַז מיר האָבן שוין די אַלע זאַכן האָבן מיר אַ שטילן אָרקעסטער פון 15 טויזנט מאַן שטאַרק
וואָרין ווייבאַלד אַז מע זעט נישט די קלעזמער און מהערט זיי נישט קען מע דאָך שוין האָבן וואָס מער
קעדייִ אַלעמען צו איבערטרעפן
הערנזי רעדאַקטאָר לעבן דאָס דערמאָנט מיך אָן אַ פּעטענט צו פאַררעקטיפיזירן נעמען
אַקוראַט ווי מע מאַכט דאָס אין סאָוועטנלאַנד
און צוואַר אויב קאָמכאָז איז גוט
און דניעפּרסטראָי איז גוט
און געפּעאו
און קרימקוראָיספּאָלקאָם
איז רעכט אַז מזאָל נוצן די אייגענע איינבריינגעניש אויף נעמען פון מענטשן
און צוואַר אַז אינגל הייסט
אַווראָם מיכל שימען
קען מען אים רופן
אַוומישע
אָדער אַז אַ מיידל הייסט
די גאָלע כאַנטשע בערל דעם לאַנגנס
קען מען זי רופן פאַרקירצט
דינעכאַבעדלאַ
זיפאַרשטיין וואָס מע געווינט דאָ
דאָ געווינט מען נישט נאָר פּלאַץ און צייט מע פאַרשפּאָרט אויך דאָס וואָס מע רופט באַנינץ אין אַמעריקע טראָבל
און צוואַר היינטצוטאָג אַז סי ווערט געבוירן אַ קינד ווייל די

מאמע א נאָמען געבן נאָך איר זיידן וואָס האָט געהייסן

שראַגע פּיוּוויש בּיניאָמין

און דער טאַטע וויל מזאָל א נאָמען געבן נאָך זיין פעטער וואָס האָט געהייסן

נאָסן בענדיט אַלטער

אַמאָל קומט נאָך צו אַז מע מוז געבן א אינגל א נאָמען נאָך א באָבען אָדער א מיידל א נאָמען נאָך א זיידן

דאָס ברייננגט צו צאַנקערייען אין דער מישפּאָכע און צו א בייז לעבן צווישן מאַן און ווייב

מיט מיין נייעם פּעטענט איז דאָס פּאַרענטפערט אפן בעסטן אויפן

זעליג אָשער באַשע כאַנע יודל זיינוועלס

קען הייסן

זעלאָשבאַכיוז

די נעמלאָכע ראשי־תיבות קענען גענוצט אומעדום כדי איינ־צושפּאָרן צייט.

אַנשטאָט מאַכט איר גוטס געלויבט דער אויבערשטער מען זעט זיך געזונט

קען מען עס מאַכן קורץ

וואמאגוגעדעמזעזיג

:: :: ::

...וויסנזי, דער היינטיקער פּעטענט איז ביסאָד־סוידעס.

איך האָב דאָ וועניקשיק געהערט אַז די באַנען דערלייגן געלט, ווייל די רעלסן קאָסטן צו פיל. האָביך א פּעטענט וואָס איך שווער אייך בא הענשעלי, אַז קיין אנדערן וואָלטיך עס נישט דערציילט ווען ער גילט מיך אָפּ. כ׳וואָלט מוירע געהאַט, אַז מ׳עט עס אויסכאַפּן. ס׳איז אזא מין זאַך. פאַרשליסנזי די טיר, כ׳בעטענק — ס׳איז א פּעטענט. אז אַנשטאָט צוויי פּאָר רעלסן אף יעדער ליניע, זאָל מען נוצן בלויז איין פּאָר. זי כאַפּן וואָס איך מאַין? צומביישפּיל לאָמיר אַננעמען די באַן וואָס גייט קיין פילאַדעלפיע: גייען דאָך איין פּאָר רעלסן קיין פילאַדעלפיע און 1 פּאָר רעלסן פון פילאַדעלפיע, א־יאָ? בא מיר אָבער וועלן ביידע צוגן—אי קיין פילאַדעלפיע אי פון פילאַדעל־פיע—לויפן אף דער זעלבער רעלסע, אין איין־און־דער־זעלבער צייט וויסנזי נ׳כאַפּטשעניש! וועטיר דאָך פרעגן, סטייטש, ווי אזוי איז׳ס מעגלעך, סי קען דאָך ארויסקומען ס׳גרעסטע אומגליק. די באַנען וועלן זיך דאָך צענויפשטויסן? איז דער טערעץ

אַלרייט, וועט איר נישט פאָרן מיט דער באַן, וועט איר פאָרן מיט אַ נאַנדערער באַן אָבער דער פּעטענט אַ נעפּאַרזיך איז דאָך אַ גוטער!

18

פונדעסן איז נישט פיין פון אייך, משה נאַדיר, וואָס איר האָט מיך אַזוי פאַרנאַכלעסיקט, וואָס איר האָט בא מיר צוגענומען ס׳רעכט פון פרייע פרעסע און איר האָט עס אוועקגעגעבן לייזער־עליען. ווער איז לייזערעליע? עפּעס אַן אונגארישער איד, אַן אמאַרעץ, וואָס שיט מיט „פּעטענטס" און טשאַדעט מיט „אידייען" וואָס טויגן צו גאָרנישט.

נעמט אַ שטייגער זיין פּעטענט וועגן שיקן עלעפאַנטן מיט דער פּאָסט. לאָמיר זאָגן אפילו, אַז די פּאָסט וועט זיך שוין אונטערנעמען צו פירן עלעפאַנטן, איז נאָך אַ פראַגע ווי אַזוי וועט מען זיי אָפּלי־פערן? וועלכער בריוונטרעגער וועט זיך וועלן שלעפּן מיט אַ פּעקל עלעפאַנטן אַף די פּלייצעס?

צי נעמט דעם פּלאַן וועגן „אַ שטילן אָרקעסטער, וואָס מען זעט אים נישט". אויב סי זאָל אָנגענומען ווערן דער־אָ פּלאַן לייזער־עליעס, וועט דאָך דאָס פירן צו דער גרעסטער עקספּלואַטאַציע, וואָס די וועלט האָט וועןעס־איז געזען. וואָרין ווער וועט קענען נאָכ־קאָנטראָלירן און וויסן צי זיי שפּילן יוניאָן־שטונדן, צי נישט? ווי־באַלד, אַז מען קען דעם אָרקעסטער נישט הערן קען מען דאָך אפילע נישט וויסן צי עס שפּילן דאָרט נישט קיין סקעבס.

גלויבט מיר, נאַדיר, אַז די נאַטור ווייסט וואָס זי טוט. אפילע ווען זי טוט דאָס, וואָס מען דאַרף נישט, איז אויך דאָ דאָביי אַ סייכל. מ׳דאַרף די נאַטור נישט אונטערשטופּן מיט קיין פּעטענטס.

די נאַטור איז ווי אַ זייגער. איר קענט אונטערטרייבן אַ זייגער ער זאָל גיין שנעלער ווי מען דאַרף. פּראָגרעסיווער, אַזוי צו זאָגן, אָבער דער „פּראָגרעסיווער זייגער" וועט טויגן אַף קאַפּאָרעס.

נעמט צום ביישפּיל אַ כאַזער, פאַרוואָס מיינט איר, נאַדיר, איז אַ כאַזער אַזוי פעט? פון וואוילטאָג? פון די גרויסע כאַזערשע פאַרגע־ניגנס, וואָס ער האָט? דאָס איז דער נאַטור׳ס ארבעט. די קלוגע נאַטור האָט באַמערקט ווי אידן בריקן די כאַזיירים אין בויך אריין און דערלאַנגען זיי מיט שיטלעך האָלץ איבערן קאָפּ, האָט זי זיך מיאַשעוו געוועזן: אי־שלעכט, מען דאַרף דעם חזיר אָנטוען אין אַ פאַנצער פון פעטס, אנישט וועט ער צוגרונט גיין.

יעס, ליבער משה נאדיר. אין דער נאַטור איז אַלעס מיט אַ „פּעטענט”. די נאַטור איז דער גרעסטער לייזער־עליע אין דער וועלט. נאָר וואָדען? די נאַטור צעברעכט זיך נישט דעם קאָפּ אָף טרעפן רעטענישן. טרעפט זי—איז גוט. עילע־נישט, צעברעכט זי דעם טאָוול, אָף וועלכן דאָס רעטעניש איז אָנגעשריבן, און פאַרטיג!

מע דאַרף נאָר האָבן סייכל ווי אַזוי אויסצונוצן די נאַטור אָפן בעסטן אויפן.

אַ טייל מענטשן (שלימיזאַלניקעס) אַז זיי האָבן נישט קיין צייט —האָבן זיי נישט קיין צייט צו זיין גליקלאַך. אַנדערע מענטשן (געראָטענע) אַז זיי האָבן נישט קיין צייט, נוצן זיי דאָס אויס אָף נישט צו האָבן קיין צייט צו זיין אומגליקלאַך.

וואָס קוקט איר אָף מיר אַזוי, משה נאדיר? איך האָב מיך אביסל אונטערגעפּאַשעט די לעצטע צייט, הא? דיקער געוואָרן אביסל? מנע, די געשעפטן זענען ביי מיר געגאַנגען זייער גוט.

איר ווייסט מיט וואָס איך האָב מיך פאַרנומען היינטיגן זומער?

איך האָב פאַבריצירט אַזוינע צעטעלאַך מיט נעמען פון אַלערליי שטעט — איר ווייסט: די געוויסע צעטעלאַך, וואָס שיף־געזעלשאַפטן און האָטעלן קלעפּן אָן אָף די רענצלעך פון זייערע פּאַסאַזשירן. איך האָב געמאַכט געשעפטן אין די שווערע טויזנטערס.

דער סייכל דאַפון איז אַ פּאַשעטער: פאַרוואָס פאָרן ס'ראָוו אַמעריקאַנער קיין פּאַריז? קיין רוים? קיין יאַוואַ? קיין טיבעט? קיין גענט? קעדיי צו קענען שיקן פון דאָרט פּאָסטקאַרטלעך צו פריינט און באַקאַנטע אָדער אַהיימברענגען אַ רענצל מיט „בלעטלאַך” פון אַלערליי שטעט, לענדער, האָטעלן, שיפן?

טראַכט איך מיר: אויב אַזוי, צו וואָס נישט שפּאָרן זיי די צייט, דאָס געלט, די אומבאַקוועמקייט? פאַרוואָס נישט פאַר־קויפן זיי פאַרטיגע צעטלאַך מיט אויפשריפטן „איל דע פראַנס, ערשטע קלאַס”, אָדער „האָטעל קייזערהאָף, וויען”? און פאַרוואָס טאַקע נישט אייגענע פאַרטרעטער אין די גרויסע שטעט פון אַלע לענדער, וואָס איך זאָל זיי פון ה׳ קענען אַריבערשיקן די נויטיגע קאַרטלעך און בריוו, וואָס זיי זאָלן דאָרטן אויפלייגן אָף דער פּאָסט און אָפּשיקן וואוהין מי בידאַרף?

דאָס נעמלאַכע געשעפט האָט זיך אַזוי צעצווייגט, אויסגעוואַקסן קיינאַהאָרע, אַז איך האָב געמוזט גרינדן נאָך אַנדערע בראַנשן אויך: ווי אַ שטייגער די בראַנשע וואָס שטעלט־צו בריוו צו עלנטע מיידלאַך וואָס פאָרן אָף וואַקאַציע.

געוויינטלאַך שעצט מען דעם זומערדיגן גאַסט לויט די צאָל בריוו

וואָס ער דערהאַלט. דאָס עלנטע מיידל, אָדער דער עלנטער באָכער, וואָס דערהאַלטן נישט קיין בריוו פון קיינעם, פילן זיך נעבאך, פארשעמט, דערשלאָגן. וואָס־זשע טוט אונזער פירמע? איידער איר פאָרט אוועק אף אייער וואקאציע, צאָלט איר איין פינף דאָלער און איר גיט אונז אָן די נעמען פון מענטשן, וואָס איר ווילט פון זיי דערהאלטן בריוו. מיר שטעלן זיי צו פינקטלאך. נישטאָ ביי אונז קיין ווארטעניש, קיין פארשלעפעניש. אלעס גייט ווי געשמירט. אין צוויי וואָכן צייט קריגט איר פופצן בריוו און עטלעכע אָפענע פּאָסטקארטלאך, זייער זיסע און הארציגע, מיט דער אונטער־שריפט פון אייער אויסגעטראכטן געליבטן אָדער געליבטע.

איר פארשטייט, נאַדיר? אז נאַרישקייט באַצאָלט זיך, איז אַן אומזין צו זיין אַ כאָכעם. אָדער מ'קען עפּשער זאָגן פאַרקערט: אז נאַרישקייט באַצאָלט זיך איז די גרעסטע כאָכמע צו זיין אַ... בעהיימע.

ווייל וואָס איז ציוויליזאציע? ציוויליזאציע איז: ווארף פון זיך אראָפּ דיין נאטירלעכע פעל, האָרעווע און ווער פארשווארצט און פארדין געלט, און קויף דיר אַ פעל פון אַ בער, אָדער פון אַ שאָף, אָדער אַ זיידן העמדל, אויב נישט וועסטו אום ווינטער געשוואָלן ווערן פון קעלט, און אום זומער וועט פון דיר אָפּקריכן די הויט!

ווי פיצצעלי זאָגט:

אָנשטאָט זיך אָנטוען אַ פוטערל אום ווינטער, טו זיך אָן — קאַליפאָרניע.

קאַליפאָרניע, מאַכט ער, ווערט נישט קויטיק און סי רייבט זיך נישט אויס.

דער בעסטער בערן־פעלץ קען געדויערן, מאַכט ער, 15 יאָר, אָבער קאַליפאָרניע, מאַכט ער, קען געדויערן אַזוי לאַנג ווי סי וועט נישט זיין קיין ערדציטערניש.

מעלאַכרינאָ זאָגט:

חכמה איז ווי נים — עס זעטיגט צופיל. דערפאר טאָר מען דאָס נישט עסן פאַרן עסן. ערשט נאָכדעם ווי מ'האָט זיך גוט אָנגעגעסן, מעג מען, מאַכט ער, עסן וויפיל נים מע וויל, ווייל דעמאָלט האָט מען שוין נישט קיין מוירע, אז מ'וועט זיך קאַליע־מאַכן דעם אַפּעטיט און מ'וועט נישט קענען עסן גאָרנישט.

דער איקער איז, מיין ליבער נאַדיר, אז אַ מענטש זאָל זיך איינ־אָרדענען באַקוועם.

מיין פיצצעלי זאָגט טאַקע:

אויב אַ וואָלקנבראָך צעשטערט דיר דיין שטוב, און טראָגט זי

אוועק אינמיטן יאם, כאפ א שאָקלשטול און זעץ דיך דערוויל אוועק!
אײדער וואָס־ווען מאך דיך באקוועם און וויג דיך אביסל.
באאומרואיג דיך נישט.

ס'איז אויסגערעכנט געוואָרן, מאכט פיצעלי, אז פון יעדער הונדערט מענטשן וואָס שטארבן, גייען 99 פון דער וועלט נישט פון דער קראנקהייט, וואָס האָט זיי געשראָקן ס'גאנצע לעבן, נאָר פון עפּעס אנדערש.

און אויב אזוי, מאכט פיצעלי, אז שטארבן, מאכט ער, שטארבן מיר סיי־ווי־סיי פון עפּעס אנדערש, טאָ צו וואָס טויג דאָס גאנצע ערגערן־זיך?

16

וואָס דענקן זיזיך רעדאקטאָרלעבן
און וואָס דענקט זיך משה נאדיר
אזוי גיך ווי איך פארשפּעטיק אביסל נעמט מען און מלאָט יעמאנדן אנדערש אריינשרייבן
הערנזי וואָס איכל אינען אָפּטוען
אויב איר וועט מיך ווייטער אזוי שלעכט באהאנדלען
וועל איך אוועקפאָרן קריק אהיים קיין אונגארן
דאָרטן וועל איך כאָטש קענען רעדן ענגליש
דאָהי קען איך דאָך אפילו קיין ענגליש אויך נישט ריידן
וויסנזי איך האָב דאָ אנומלט געטראָפן א איד וואָס מיטן מויל האָט ער גערעדט זייער גוט ענגליש
נאָר די הענט זיינע האָבן גערעדט אידיש
פּיצעלי האָט וועגן דעם געזאָגט א קלוג וואָרט
און צוואר
אז זיין קול איז קול עשו
נאָר זיינע ידים זענען מאכט ער
ידי יעקב
פונקט פּארקערט מאכט ער
ווי סי שטייט געשריבן אין דער ביבל
הערנזי רעדאקטאָר לעבן
איך הער אז אינענם שרייבערס האָבן נישט קיין געלט
האָב איך א פּעטענט און צוואר
אז סאיז טאקע נישט גוט
וויסנזי מיר אליין איז אויך ביטער

אָבער ביי מיר איז כּמעט דאָ אַנדערע פאַרגעניגנס וואָס קאָסטן קיין געלט נישט
און צוואַר רויכערן אום שבת
עסן טרייפענע וואורשט
און עטצעטערא און דעסגלייכן
דאפאַר טאָהנע איך דאָך
רעליגיע איז אַ גרויסע זאַך
טאָמער איז נישטאָ קיין פרנסה קען מען כּמעט הנאה האָבן פון זינדיגן
אָבער אַז מ׳גלויבט נישט אין גאָט און ס׳איז נישטאָ קיין געלט
איז טאַקע שלעכט וואָס מיינט איר
הערנזי רעדאקטאָרלעבן
זי מיינען אַז דער געניאַלער אידיאָט מיסטער בערל מ׳קפאדן באַליידיגט מיך
אַז ער זאָגט אַז איך בין אַן אמאָרעץ
האָבנזי נעביש אַ גרויסן טעות
שרייבן זי טאַקע נעביש אַף דייטש
נישט נעביך
ערשטנס ווי קען איך זיין אַן אמאָרעץ ווי ער רופט עס
אַז איך ווייס נישט די טייטש פון דעם־אָ וואָרט
איך קען זעהענזי אַ איד וואָס איז פּלוצים געוואָרן אַ גוויר
און אַזוי ווי ער האָט זייער ליב זופּ
נעמט ער און ער טוט אריין אין דער זופּ
אַלעס וואָס סי קומט אים אונטער דער האַנט
מילך
פּוטער
שמאַלץ
קעז
אייער
בוימל
און כּדי די זופּ זאָל זיין נאָך רייכער
טוט ער אריין אהין צוויי דאָלאַר אין קעש אויך
דאָס ערינערט מיך ווייסנזי
האָבנזי שוין געהערט פון מיין נייעם פּעטענט ווי אַזוי צו כאַפּן פיש סיז אַ וואַלטיקער פּעטענט
איך האָב אים אַליין אויסגעפריפט
און צוואַר איך בין אנומעלטן געגאַנגען צו אַ טייך כאַפּן פיש

אפן טייך זענען געשוואומען קאטשקעס
האָב איך אריינגעוואָרפן דעם האטשיק אין וואסער אריין.
און אין 5 מינוטן ארום האָב איך געהאט געכאפט
א קאטשקע פון העכער 5 פונט
דאָס האָט מיך ארויפגעפירט אף דער אידייע
אז פישערלייט זאָלן נ'אַלגעמיין כאפן קאטשקעס וועט'ן פאר־שפאָרן דעם גאַנצן אייסעק מיט די ווערים
האָבן זי געהערט רעדאקטאָר־לעבן
וועגן דעם רומענישן קעניגל
דאָס קינד וויל נעבאך נישט אָנטון די קרוין
מוז מען אים אונטערקויפן מיט קנעפּלעך
פאר יעדן מאָל וואָס ער גייט ארויף אפן טרויינבענקל מוז מען אים געבן עטלעכע קאָלירטע קנעפּלעך
אז נישט וויל ער נישט קיניגן
הערנזי רעדאקטאָר לעבן
מ'זאָגט אז אין די אידישע טעאַטערס זענען איצט די ביזנעס נישט זייער גוט
האָב איך א פּעטענט ווי צו מאכן אז דער עולם זאָל קריגן כיישעק צו גיין אין טעאַטער אריין
הערנזי פארוואָס גייט מען נישט אין טעאַטער
ווייל קיינער גייט נישט
ווייל דאָס טעאַטער איז ליידיק
גוט
נעמען מיר און מיר פילן אָן דאָס טעאַטער מיט א געדונגענעם עולם
מיר צאָלן א מענטשן לאָמיר זאָגן א דאָלער א נאכט פאַר קומען אין טעאַטער אריין
קומען זיי און די אנדערע קענען נישט אריין
און וויבאַלד מען קען נישט אריין ווייל מען שוין אריין
און אז מען וויל שוין אריין קען מען ערשט נישט אריין ווייל דאָס טעאַטער איז פול מיט דעם געדונגענעם עולם
גייען יענע אוועק מיט א נאָז
און מיר דערלעבן זיך אָן זיי די גרעסטע נעקאָמע
זוויטענס פארקויפן מיר צומערשטן סטענדינג־רום
אדער ווי זי רופן עס די שטיי־פּלעצער

אז דאָס גאַנצע ס ט ע נ ד י נ ג־ר ו ם איז אויסגעפארקויפט
הייבן מיר ערשט אָן צו פארקויפן די אַנדערע פּלעצער
וואָס געווינען מיר דאביי
מיר געווינען דאביי אז דער טעאטערגייער זעט אז מ׳פארקויפט
שוין סטענדינג־רום וועט ער שוין באַצאָלן וויפיל מע וויל
דאָס פירט מיך ארויף אויף דער אידייע
אז מ׳וואָלט אפשר געדארפט בויען טעאַטערס א י נ ג א נ צ ן פון
פון ס ט ע נ ד י נ ג ר ו ם
דאָס וואָלט געראטעוועט די לאַגע א י ן א י י נ ע ם נ ו ה
ווי מען זאָגט
האָבנזי קיין פאראיבל נישט רעדאקטאָר־לעבן
וואָס איך מיש מיך אין אַזוינלאַבע זאכן
איך בין אויסן בלויז צו טון טויוועס אידן
אזוי ווי מאָרים שווארץ און באַראַטאָוו
וויסנזי דער מר. באַראַטאָוו קען גאַנץ גוט שפילן
נאָך מ י י נ ע ר מיינונג
אָבער ס׳איז נישט שייהן צו זיצן אין טעאַטער און אים
וו א ט ש ן ווי מ׳זאָגט ווי אזוי ער מאַכט די ארבעט
מ׳קען זיך אויף אים פארלאָזן אז ער וועט מאַכן די ארבעט
גאַנץ גוט
מ׳דארף אים נישט קוקן אין די הענט אריין
וואָס איז ער עפּעס א אינגעלע
אן אָנפאַנגער
וואָס נאָך האָב איך אינען געוואָלט זאָגן
יאָ אז מ׳האלט שוין ביי פּעטענטס ווי אזוי צו ראַטעווען דאָס
אידישע טעאַטער
גלויב איך אז די גאַנצע טעאַטער־ביזנעס זענען שלעכט אוועק־
געשטעלט
און צוואר דערפאר ווייל אז א פּיעסע גייט שלעכט לאָזט מען
אראָפּ די פּרייזן
דאָס קוילעט אוועק די ביזנעס
פארקערט אזוי גיך ווי מ׳דערזעט אז מ׳האָט איינגעהאנדלט א
ביטערע פּיעסע דארף מען גלייך נעמען העכערן די פּרייזן
דאָס איז דאָס נייבעסטע
אויב מ׳קומט נישט ווען ס׳קאָסט א דאָלער א בילעט
וועט מען עפּשער קומען אז סעט קאָסטן אַ נ ד ע ר ה א ל ב ן
דאָלער

אויב ביי אַנדערהאַלבן דאָלער קומט מען אויך נישט מוז מען
פּריוון רעכענען צ ו ו י י דאָלער.
אפשר וועט דאָס העלפן
אין ערגסטן פאַל מוז מען רעכענען אכט דאָלער מיט אכציג סענט
פאר א בילעט
באַ אַ ז אַ פּרייז וועט שוין יעדער מוזן קומען א קוק טאָן וואָס
דאָס איז פאר א פּיעסע
און צוואר איז פאראַן נאָך אַ פּעטענט דאבּיי
אז מען נארט־אָפּ א מענטשן אַף א דאָלער טראכט ער
כאַפּט זיי דער רוח
און ער פארגעסט וועגן דעם
אָבער אז מען נארט אָפּ א אידן אַף אכט דאָלער מיט 80 סענט
וועט ער שוין נישט רוען ביזוואַנען ער וועט נישט שיקן אַלע
זיינע פריינט און באַקאַנטע אין טעאַטער אריין
מ׳זאָל זיי א ו י ך אָפּנארן.

:: :: ::

וויסנזי רעדאקטאָר לעבן זינט איך בין געוואָרן א שראהבער
הויב איך ערשט אָן צו פארשטיין ווי שווער עס איז צו שרייבן
נישט אזוי דאָס שרייבן ווי די גרייזן
די גרייזן מאכן מיר דעם טויט
מיין פראו זאָגט צו מיר
ווארף דאָס אוועק לייזערעליע
וואָס טויג עס דיר
אויב די זעצערלייטע
מאכט זי
ווייסן בעסער ווי דו
וואָס דו ווילסט שרייבן
איז זאָלן זיי אליין שרייבן
און אליין דרוקן
און דו מיש דיך נישט אריין
מיינענזי זיניש גערעכט מיין פראו
מיילע מיז דאָך עפּעס אַ איד מוז מען דאָך האָבן צאָרעס
בעט איך נישט באַ גאָט ער זאָל מיך אָפּהיטן פון צו האָבן צאָרעס
איך בעט נאָר גאָט ער זאָל מיר געבן קויעך די צאָרעס א ו י ס־
צ ו ה א ל ט ן
וויסנזי וואָס פּיצצעלי זאָגט רעדאקטאָר לעבן

ער זאָגט
אז קאפיטאל שטייט העכער פון ארבעט פונקט ווי א היטל מאכט ער
שטייט העכער פונם קאָפּ
ער זאָגט אז מי דארף דאָס אונטערשטרייכן
ווייל עס איז זאָגט ער
פילאָזאָפיע
הערענזי פיצצעלי לאכט דאָך פון מיר
ער זאָגט
לייזערעליע טראכטן זי אוים א פּעטענט
אז די מיזראכזייט פונם כאזער זאָל זיין קאָשער
רענקענזיניש רעדאקטאָר לעבן אז דער מאן האָט חוצבע
נעמענזי צום ביישפּיל מיך זעלבסט
אידן וואָס עסן קישקע האָב איך פיינט ווי דעם ציילעם
אָבער א ל י י ן עסן א שטיקל קישקע האָב איך ליב
צי נעמען זיי למוהשל די לעבערפראַגע אין אַמעריקע
אמאָל אז מען פלעגט שעכטן א קו פלעגט מען אַרויסוואַרפן די לעבער און עסן דאָס איבעריקע
אָבער זינט די וויסנשאפט האָט אויסגעפונען
אז לעבער איז גוט פאר אידן
ווארפט מען אַרוים די בעהיימע און מי עסט די לעבער
האָבנזי געהערט רעדאקטאָר לעבן
מיין זון דזשאָזעף־איזידאָר איז שוין מיט מאזל אריין אין דער נ ע ר ו ו ע ז י ט ע ט פון שיקאַגאָ
ער שטודירט אף דאָקטאָר
איך זאָג אים
דזשאָזעף־איזידאָר וואָס בינסטו אזוי נערוועז
זאָגט ער טאטע
ווען דו זאָלסט גיין אין נערוועזיטעט
וואָלסטו מאכט ער
אויך געווען נערוועז
טיציום פלאמיום האָציעס
מאכט ער
זאָגט ערגעץ
גענוג זאָג איך
מיט דיין טיציום פלאמיום האָציום
דו זאָג מיר בעסער זאָג איך

וואָס האַלטסטו פון א גוטן קוגעליוס פון ראָזשענקיוס מיט צימ־
רינגיוס אַף שאַבוסיוס
וויסנזי וואָס מיין דזשאָזעף־איזידאָר זאָגט
ער זאָגט אז איך בין ווי א קאַטשקע
דו קאָנסט מאַכט ער טאַטע
א ביסל שווימען
א ביסל פליען
א ביסל גיין צופוס
אַלדינג צו ביסלאַך
טאַזויאַ מיט די ווערטער
היינטיקע קינדער מישטיין געזאָגט
דו ארבעטסט שעלוועריק
ווערסט אויסגעריסן
יעדער לויזוואַנץ פון א באָס קריכט דיר אפן קאָפּ
און דיין זון גייט אין די נערוועזיטעטן
און לאַכט פון דיר
הערענזי רעדאַקטאָר לעבן.
אזוי ווי איך בין שוין א שראַהבער
וויל איך שוין רעדן וועגן ליטעראַטוהר אויך
וויסנזי וואָס איך דענק
איך דענק אז אַף די עלטערע יאָרן
הויבט יעדער שראַהבער אָן בעסער צו שרייבן
זיפרעגן וואָרום
ווייל ער דרוקט איבער די אלטע זאַכן זיינע
שאַ וואָס נאָך האָביך געוואָלט זאָגן
יאָ וועגן נייע פּעטענטס
איך האָב היינט בלויז איין נייעם פּעטענט און צוואַר
וועגן א קאָשערן שעיוו
אָדער בעסער געזאָגט
א מיטל צו ראַזירן קאָשערע בערד אַף א קאָשערן אויפן
ביז איצט וויסנזי האָט מען גענוצט אזאַ מין פּודער
אָבער סי טויג נישט ווייל ס'פּאָנים ווערט פאַרפּרישטשעט
מיין פּעטענט איז אז מ'זאָל דורכציען די באָרד דורך
אזאַ מין בלעך מיט לעכלאַך
אזוי ווי א ריבייזן
מ'זאָל דורכציען יעדע האָר באַזונדער
ביז אַלע האָר אין דער באָרד וועלן זיין אַף יענער זייט בלעך

וועט מען זיי אָפּסמאַלען
און סי וועט זיין קאָשער אַפילע לימהאדרין
הערענזי מיינע אַנומלדיגע פּעטענטס ווי אזוי צו ראַטעווען די
אידישע טעאַטערס פון זייערע ביטערע לאַגעהם געדענקען זי דאָך
האָב איך נאָך א פּעטענט און צוואַר
מ׳זאָל שפּילן אזוינע שלעכטע פיעסן
אַלע זאָלן מוזן ארויסגיין אינמיטן שפּילן
וועט דער עולם אין גאס דערזען אז אלע גייען ארויס
וועט ער ווערן נייגעריג
און אריינגיין זען פאַרוואָס מען גייט ארויס
אויף אזא אופן וועט דאָס טעאַטער זיין שטענדיג געפּאַקט

17

איך האָב אייך שוין אמאָל דערציילט די מעשה מיט׳ן זעלבסט-מאָנומענט, ניין ?

סי איז געווען אין יענע יאָרן, ווען איך בין געווען היפּש אָפּ צאָרעס. נישט געווען וואָס צו קייען, און באָרגן א „ניקל", האָב איך שוין דעמאָלט געוואוסט איז שווערער, ווי צו באָרגן א טויזנטער. האָב איך שוין בעסער געוואָלט באָרגן א טויזנטער. איז...נישט געווען באַוועמען!

מיט מיר אינאיינעם האָט אין יענע טעג „געהונגערט אָפּ קעסט" מיינס א פריינטל, א גוטער מאָלער, אָבער גאָר-גאָר א גוטער, נאָר א גרויסער שלימזל.

שטאַרבן מיר זיך אזוי שטילערהייט ביידע פון הונגער, און קיינעם אַרט דאָס נישט.

מילא, איך ווי איך—איך בין שוין צו יענער צייט געווען אַן אַלטער הונגערשטאַרבער. עס האָט בא מיר קיין ווערט נישט געהאַט! אָבער יענער: א טאַטנס א קינד... געקומען פון דער פּראָווינץ קיין וואַרשע מיט א גאַנץ פּעסל איינגעמאַרענירטע כאַלוי-מעס.

וואָס טוט מען ?

נעם איך מיך אונטער צו זיין זיין „פּובליסיטי אגענט". כ׳גיי אַרום און צעפּויק: דער גרעסטער אידישער מאָלער. א צווייטער על-גרעקאָ!

און איך שלעפּ אונטער׳ן אָרעם זיינע „לייוונטן".

וואַרשעווער מוויינים קוקן, גלעטן זיך די פיינע בערדלעך און זאָגן: הם, כ׳וואי...

מ'ווייסט נאָך נישט!

די קריטיק, די נאָכהינקערין פון אַלע קונסטן, האָט נאָך נישט קיין צייט געהאַט נאָכצוהינקען, נאָכצוקריכן...

און עסן דערווייל דאַרף מען!

און קיין בילד קאָן מען נישט פאַרקויפן — כאָטש געב אַוועק אומזיסט.

און יענער רעדט פון זעלבסטמאָרד!

טראַכט איך: „זעלבסטמאָרד"? זייער פיין! אָבער אויב שוין יאָ זעלבסטמאָרד — זאָל אַ רואַך אין דער וועלטס טאַטנס מאַמען אַריין!

און איך רוים־איין מיין פריינטל עפּעס אַפּן אויער.

אין אַ טאָג אַרום ווערט ער נעלעם. נישטאָ אים.

איך געפין זיינע קליידער לעבן דער ווייסל, אַ צעטעלע, געשריבן מיט זיין אייגענער האַנט, אַז ער האָט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווייל אַזוי און אַזוי...

אַ מעלאָדראַמאַטיש צעטעלע.

אין וואַרשע טוט זיך אַביסל! די אידישע פּרעסע רייסט זיך די האָר פונ'ם קאָפּ, מען וויינט, ווי די ביבערס. אין די אונטערשטע שטאָקן פון די אידישע רעדאַקציעס רינט־אַריין טרערן דורך דער סטעליע.

מי האָט אַפילו דעם טויטן קערפּער נישט געפונען, נישט געהאַט וואָס צו לייגן אין דר'ערד אַריין—אַ זאַך, וואָס די אידישע בלעטער האָבן זייער ליב.

וואָס טויג עס אייך, נאַדיר, אין עטלעכע וואָכן אַרום האָב איך, ערשטנס, אויסגעפאַרקויפט דאָס ביסל איבערגעבליבענע בילדער פאַר אַ שיינעם פּרייז. דערנאָך האָב איך גענומען „מאַכן שטימונג" פאַר אַ מאָנומענט פאַר מיין פריינט, דעם אומשטערבלעכן קינסטלער.

מ'האָט געזאַמלט אַ היבשע סומע געלט. איך, ווי דער נאָענט־סטער פריינט פון דעם טויטן „געניאַלן קינסטלער" (איצט האָט מען שוין נישט געזשאַלעוועט צו רופן אים „ג ע נ י אַ ל"), האָב גע־נומען אַף זיך צו באַשטעלן דעם מאָנומענט. איך האָב אויסגעפונען אַן אומבאַקאַנטן סקולפּטאָר, וואָס איז לויט מיין מיינונג געווען גאָר אַ גרויסער פאַכמאַן און האָט נישט פאַרלאַנגט קיין סאַך געלט פאַר זיין אַרבעט—אינגאַנצן אַרום צען טויזנט זלאָטעס, שוין מיט זיינע מאַטעריאַלן, מיט אַלעמען.

צומערשטן האָבן זיך די וואַרשעווער באַלעבאַטים געקווענקלט אַביסל: ס'טייטש, ווער איז דער נייער סקולפּטאָר? מיר קענען

אים נישט! מיר ווייסן נישט, ווער ער איז! די קריטיק האָט נאָך וועגן אים נישט געזאָגט איר וואָרט.

האָב איך זיי גענומען פירווארפן די מעשה מיט י ע נ ע ם קינסטלער, וואָס וועגן אים האָט אויך די קריטיק נישט געהאט גאָר־נישט געשריבן.

האָב איך זיי פארמאכט די מיילער.

באשלאָסן איז געוואָרן, אז דאָס געלט זאָל איבערגעגעבן ווערן דעם סקולפּטאָר דעם טאָג וואָס די סטאטוע וועט זיין פארטיק אויפ־געדעקט צו ווערן.

אז דער געוויסער טאָג איז געקומען, האָב איך גענומען מיין „געשטאָרבן" פריינטל, אים אָנגעפארבט דאָס גאנצע לייב די קאָליר פון בראָנז, אים אָנגעטאָן א לענדנגורט פון ב ל ע ך, אוועקגעגאנגען מיט אים שטילערהייט צו דעם אָרט, וואו דער פּיעדעסטאל איז גע־שטאנען, אים געהייסן ארויפקריכן, זיך אוועקשטעלן אין דער גע־העריגער פּאָזע, מיט'ן פּינזל אין האנט, אָנגעלענט אף א פעסטן זייל, וואָס האָט בידארפט זיין א סימבאָל פון זיין שטארקן טאלאנט.

צוליב פארשטענדלעכע סיבות האָבן מיר באשלאָסן די סטאטוע אויפצודעקן ארום פארנאכט־צו. מיר האָבן אויסגעשטעלט עטלעכע אייגענע מענטשן, זיי זאָלן היטן, מ'זאָל נישט צוגיין צו־נאָענט— דער תירוץ איז געווען, אז דעם קינסטלערישן עפעקט פון דער סטאטוע קען מען זען בלויז פ ו נ ד ע ר ו ו י י ט ן.

אידן האָבן געקוקט, געזאָגט: „ס'איז גאנץ גוט, סי זעט־אויס ווי לעבעדיק".

קריטיקער האָבן זיך אוועקגעשטעלט פונדערווייטן, געמאכט פון דער האנט א שפּאַקטיף, געקוקט און געקוקט און געקומען צום שלום, אז די סטאטוע „אָן־און־פאר־זיך־אַלס־אַזעלכע" איז נישקאָשע פון א סטאטוע, נאָר קיין ענלאכקייט איז נישטאָ... דער עיקר: ס'איז נישטאָ אין דעם, ווי זיי האָבן עס אָנגערופן, ק י י ן ל ע ב ע ד י ק ע ר אָ ט ע ם, קיין באוועגונג.

(דער עמעס איז, אז דער „טויטער" האָט זיך די גאנצע צייט היפּשלאך באוואויגן).

...מיילע, ווי די זאך איז שוין געווען—די צען טויזנטער האָבן מיר אויסגענאָרט.

...אויב איר זענט א ווארשעווער, מוזט איר נאָך מיסטאָמע געדיינקען דעם סקאנדאל מיט דער „סטאטוע פון אידישן על־גרעקאָ", וואָס איז אף א מיסטעריעזן אופן פארשוואונדן געוואָרן פון איר פּיעדעסטאל א טאָג נאָכדעם ווי מ'האָט זי אויפגעדעקט.

...עס האָט געהייסן, אַז דאָס איז די אַרבעט פון פּוילישע אַנטי־סעמיטן. די וואַרשעווער אידישע פּרעסע האָט באַדויערט נישט אַזוי דעם קאָוועד פון דעם טויטן מאָלער, ווי דעם קאָוועד פון דעם לעבע־דיקן סקולפּטאָר, וועמענס מייסטערווערק די וואַנדאַלן האָבן אַזוי מיעס צעשטערט.

איך און מיין פריינטל און דער יונגער סקולפּטאָר (ער איז סאַך־האַקל געווען אַ קאַצעוו פון אַ קליין שטעטל) זיינען מיר געזעסן אַף דער ריוויערא, געזופּט וויין און זיך געוואַרימט אין דער שיינער זון.

:: :: ::

די מאַיסע מיטן טערקישן קאָנסול האָב איך אייך דערציילט?

דאָס איז שוין געווען דאָ, הי, אין אַמעריקע.

זיצט זיך אַ טערק מיט אַ יאַרמולקע און פּ אַ ר ט ר עט די טערקישע רעגירונג.

נעם איך און באַקען זיך מיט אים. גיי מיט אים אַריין אין אַ געשעפט פון טעפּיכער—אַ גרויס געשעפט, אין וועלכן ער דאַרף אַף זיין ביילעק אַריינליינגן 90 טויזנט דאָלאַר.

וואָס דער סאַף איז געווען—דאַרפט איר זיך שוין אַליין אָנ־שטויסן.

ס'געלט פאַרלוירן, זיין אמט פאַרלוירן. געבליבן, ווי מ'זאָגט, נאַקי. געסטראַשעט מיט קרימינאַל.

דערשמעקט, אַז ער האָט נאָך באַ זיך אַ צען טויזנט מזומנים, איז מיר די זאַך נישט געפעלן: מיט אַזאַ פאַרמעגן קאָן ער נאָך אָנשטעלן אַדוואָקאַטן, מיך אַריינפירן אין אַן אומגליק.

נעם איך און שרייב אַוועק צו מיינעם אַ פריינט קיין פּאַריז, און פון דאָרטן טעלעגראַפירט מען דעם באָבער אין מיין נאָמען, אַז ער זאָל למאַן האַשעם ט י י ק ע ף ־ א ו מ י א ד קומען צופאָרן ערשטע קלאַס, מיט זיין ווייב און טאָכטער, וועל איך אים באַצאָלן וואָס אים קומט, מיט אַלע הויצאָעס פאַר דער רייזע, און ער וועט זיין מיין גאַסט אינם גראַן האָטעל, ווי לאַנג ער וועט נאָר אַליין וועלן.

אַז ער איז געקומען קיין פּאַריז, האָט ער שוין געטראָפן אין גראַן האָטעל אַ צעטעלע, אַז עס טוט מיר זייער לייד, אָבער צוליב זייער וויכטיקע געשעפטן מוז איך אוועקפאָרן קיין יאָהאַנעסבורג, זיד־אַפריקע, און איך בעט למאַן־האַשעם, ער זאָל באַלד נעמען די שיף ערשטע קלאַס, אײנינעם מיט זיין ווייב און מיטן קינד, און קומען צופאָרן אַף מיינע הויצאָעס, וועלן מיר זיך צערעכענען און פאַר

איין וועג וועלן מיר שוין טאַקע מאַכן מיין געפּלאַנטע רייזע אַרום דער וועלט.

...געקומען קיין יאָהאַנעסבורג, טרעפט ער שוין דאָרט אַ דע־פּעש פון רוים, אַז איך האָב געמוזט אַוועקלויפן זען דעם פּויפּסט וועגן זייער אַ וויכטיק געשעפט. ער זאָל מיר אַנטשולדיקן טויזנט מאָל און קומען קיין רוים, פאַרשטייט זיך, אַף מיינע הויצאָעס, ערשטע קלאַס, אין די בעסטע האָטעלן. די טעלעגראַמע ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

„זשאַלעוועט נישט קיין געלט. עסט און טרינקט און שטייט־איין אין די בעסטע האָטעלן. לאָזט זיך וואוילגיין און באַטראַכט דאָס פּאַר אַ לוסטרייזע אַף דעם כעשבן פון אייער פריינט, וואָס איז איצט אַ דאַנק גאָט אימשטאַנד אייך אָפּצוצאָלן אייער כויוו מיט פּראָצענט.

ב. מיקפאַדן".

ערשט, אַז איך האָב באַקומען פון אים אַן ענטפער, אַז ער קען שוין ווייטער נישט פאָרן, ווייל ער האָט שוין מער קיין געלט נישט, האָב איך אים געלאָזט שטעקן אין קאָפּנהאַגן ביז אַף היינטיקן טאָג!

18

„איר ווייסט, נאַדיר", האָט געזאָגט דער געניאַלער אידיאָט, „מע מיינט דאָך טאַקע, אַז איך בין אַ לעבעדיקער מענטש! אומעטום וואו איך קום הער איך, ווי מע רעדט פון מיר, מ'דערציילט מיינע כאָכמעס, מיינע אייפאַלן. אַף אַ סאַך ערטער האָב איך געהערט, אַז מ'איז נייגעריק זיך צו באַקענען מיט דעם געניאַלן אידיאָט.

„איר טאָרט מיך, למאַן־האַשעם, נישט אַרויסגעבן, מוישע נאַדיר. דערפאַר טאַקע האָב איך פון אָנהויב־אָן נישט געוואָלט איר זאָלט מיך אָפּמאָלן אַזוי אַז מ'זאָל מיך קאָנען דערקענען.

איך האָב נעכטן געהערט אַ באַרימטע ווירטואָזין שפּילן אַף אַ פידעלע. און ס'איז מיר אײנמיטן דערינען איינגעפאַלן, אַז ס'איז נישט שיין צו זען אַ פרוי שפּילן אַף אַ פידל. דאָס פידעלע איז אַ ווייבלעכער אינסטרומענט, און אַז אַ פרוי שפּילט דאַרויף איז בא מיר אַ ווידערגעפיל, גלייך אַ פרוי וואָלט זיך געליבט מיט אַ פרוי.

„דאָס אייגענע געפיל האָב איך ווען איך זע, אַז אַ מאַן שפּילט אַף אַ קאָנטערבאַס, פּע, מיעס!

„אַ מענטש, נאַדיר, איז אַ מאָדנע חיה—שרייבט טאַקע חיה, כעס, יוד, העי, ווייל נישט שטענדיק לייגט איר אויס די העברייאישע ווערטער ריכטיק, כאָטש זאָגן זאָגט מען אַף אייך, נאַדיר, אַז איר

האט עטלעכע יאר געלערנט העברייאיש, קעדיי צו קענען ווערן אן ערלעכער סוינע—פון „לאשן קוידעש".

„דאס מוז אויך זיין א לעגענדע. איך האב שוין געהערט א סאך קלוגע זאכן, וואס מ'האט דערציילט אין אייער נאמען, און אין וועלכע איר זענט נעבעך גאט די נעשאמע שולדיק.

„איך האב אייך דערציילט? אין שיקאגא האב איך געזען א רעקלאמע פון א באגרעבער, וואו ער שרייבט, אז ער גיט א „סאני־טארישע פיונעראל" (באגרעבניש).

„אבער לאכן דערפון דארף מען נישט? למאי דער גרויסער ענגלישער דיכטער ראבערט בראונינג זינגט ערגעץ אין א ליד:

„מירביידע ליגן דא,
אפן שטילן ביים־אוילעם
איינס־לעבן־ס'אנדער
און מיר האבן האנאע פונם טויט?"

„יא, לידער! דער איקער איז טאקע לידער! זאלן סטרייקן די קוילנגרעבער, די אונטערבאן־ארבעטער, די קירזשנערס, די שוסטערס! אונז, שרייבער און דיכטער, גייט עס נישט אן. אונזער ארבעט איז צו... זינגען. אז איינער טרענקט זיך, זיצן מיר באם ברעג און מיר זינגען־אים־צו.

„אמאל, אין די יונגע יארן, אז מיר האבן דערהערט, אז א מענטש שרייט „גוואלט, איך טרענק מיך!" האבן מיר פארגעסן, אז מיר זענען דיכטער, מיר האבן אפילע פארגעסן ארויפצונעמען ס'רעקל. מיר זענען אריינגעשפרונגען און געראטעוועט! היינט זענען נאך אויך דא עטלעכע אזוינע נאראנים, וואס האלטן, אז דאס קענען־שרייבן נעמט נישט אראפ פון א מענטשן דעם כויוו צו העלפן לעשן א סרייפע, אדער ראטעווען איינעם וואס טרענקט זיך—נאר דאס זענען די פראס־טאקישע יונגען, די שטיינער אין אונזער גארטן. די פארשוועכער פון אונזער קרוין. די ברעכער פון די וויינטרויבן.

מער האב איך נישט וואס צו זאגן, ליבער נאדיר. לייגט ארויף דאס „לעש־פאפיר" און לעשט־אפ די נאסע טינט סי זאל נישט ווערן

קיין פּלעק אַפן פּאַפּיר. איך האָב פיינט פּלעקן. ווי זאָגט מיינער אַ פריינט אַן עסטעטיקער, „די זעל", זאָגט ער, „זעט מען נישט — מעג זי זיין שמוציק, אָבער די מאַנזשעטן", מאַכט ער, „זעט מען, מוזן זיי זיין ריין".

19

...זאָגט אַן אייערע לעזער, נאַדיר, אַז היינט רעדן מיר אַ ל ע אַ ף אַ מ אָ ל. דאָס הייסט: איך, מיסטער פּיצצעלי, רעד היינט אין נאָמען פון דער גאַנצער געניאַלער אידיאָטישער מישפּאָכע.

...דיזענער פּעטענט איז לייזער־עליעס. ער זאָגט: צו וואָס זאָלנמיר זיך קריגן, פּאַרלויפן איינער דעם אַנדערן ס'וועג, אַז מיר קענען רעדן אַלע אינייעגם, דורך אַ פּאַרטרעטער. אַלע וואָך אַן אַנדער פּאַרטרעטער?

...קעדיי נישט צו פּאַרטומלען אייך דעם קאָפּ, וועל איך איבער־געבן אין מיין אייגענעם נאָמען אַלע געדאַנקען און „פּעטענטס" און איינפאַלן.

מיר'ן זיך שפּעטער אויסגלייכן צישן זיך — יעדער וועט זיך נעמען זיינס.

...האָט איר געלייענט אין די „טיימז", נאַדיר, ווי זייער קאָרעס־פּאָנדענט באַקלאָגט זיך, אַז די סאָוועטישע פּרעסע האָט גאָר קיין געפיל נישט פאַר „לעבעדיקן שטאָף"? אַזוי האָבן די מאָסקווער צייטונגען, לעמאָשל, בלויז געגעבן עטלעכע צענדליק שורעס נייעס וועגן דער קראַסין־פּאַסירונג, קיינמאָל נישט אַף דער ע ר ש ט ע ר ז י י ט! און אַז דער „טיימז"־קאָרעספּאָנדענט האָט זיך צעפרעגט בא סאָוועטישע „רעפּאָרטערס" (רעפּאָרטאָרן) וועגן טשוכנאָווסקיס פּריוואַטן לעבן, האָט מען נאָר געלאַכט פון אים. געפרעגט, צו וואָס דאַרפן עס די לעזער וויסן? און וואָס גייט עס וועמען אָן צי טשוכנאָווסקי האָט ליב בלאָנדינקעס אָדער ברונעטקעס? צי ער טרינקט ביר, צי... וואַסער? צי ער האָט ליב פּאָמידאָרן מיט סמעטענע צי אָן סמעטענע?

מאָלט אייך, נאַדיר, ווען דאָס וואָלט געווען אין אַמעריקע, וואָלטן מיר שוין געוואוסט אַקוראַט וואָס פּאַרא „סיגאַרעטס" ער רויכערט (געוויינטלעך „קעמעלס"). וואָס זיין מיינונג איז וועגן מאָריס שוואַרץ'ס טעאַטער (געוויינטלעך, אַז ס'איז דאָס איינציגע קונסט־טעאַטער אין דער וועלט!). צי ער עסט אַף אָנבייסן „האַבערגריץ"

(געוויינטלעך „קוויקערס אָוטס”) און... צי ווייסט ער וואוהין עס גייט דאָס „אַמעריקאַנער אידנטום” (געוויינטלעך אין ביליקן טעאַטער!).

...איצט וועגן לייזערעליעס פּעטענטס:

ערשטנס, האָט ער אַ „קאָמערציעלן פּעטענט” אױף גיך רייך צו ווערן.

ס'איז אַזוי: וואָס איז די כאַשעוועסטע זאַך אין אַ פּאָר הויזן? דער קנייטש. נעמט אַוועק דעם קנייטש פון די הויזן, און די הויזן ווערן דרײט־קלאַסיק, מעגן זיי זיין געמאַכט פונם בעסטן שטאָף, באַם בעסטן שניידער.

אָבער יעדע פּאָר הויזן (מאַכט לייזערעליע) האָט דאָך בלויז איין קנייטש, און דער נעמלעכער קנייטש האַלט זיך נישט מער ווי עטלעכע טעג, אָדער עטלעכע וואָכן. גוט, מאַכט ער, האָבן מיר אַ פּלאַן, וואָס מ'קען פון אים ווערן אַ מיליאָנער אין איינעם־נו. דהיינו? — מיר זאָלן בישותפות מיט אייך, נאַדיר, עפענען אַ קליידער־געשעפט און צו יעדער פּאָר הויזן וואָס איינער קויפט, זאָלן מיר צואוואַרפן אַ האַלבן טוץ עקסטרע קנייטשן.

דאָס איז איין פּעטענט. דער אַנדערער פּעטענט איז — פּשעפּראַשעם! — איך האָב מיך אַ ביסל צעמישט. דער אַנדערער פּעטענט איז גאָר נישט לייזערעליעס. עס איז דעם גאָניאַלן אידיאָטס אַליין.

באַ אים, פאַרשטייט זיך, איז דאָס נישט גלאַט־אַזוי אַ שפּעקולאַציע, אַ פילאָזאָפיע, ווי באַ אונזער לייזערעליען: באַ אים איז עס אַן אויסגעפּריפטע זאַך, וואָס ער האָט דאָבײי פאַרדינט אַ שיינעם גראָשן. אָבער נוצן קען דאָס יעדער איינער. ס'איז אַזוי: איר דינגט זיך אַ קליינע און טייערע דירע, ערגעץ אין אַ רייכער געגנט. דערנאָך הויבט איר אָן אונטערוואַרטשען, אַז סי געפעלט אייך נישט ווי אַזוי די שטיבער זענען געפאַרבט. וועט דאָך דער „לענדלאָרד” נישט וועלן אײך אָנווערן פאַר אַ „קאָמיניק” (לאָקאַטאַר, טענענט), וועט ער מיסטאָם שיקן אַ פאַרבער, ער זאָל אייך איבערפאַרבן די שטוב.

...אַז דער פאַרבער וועט קומען מיט דעם לייטער און פרעגן צי ער קען זיך שטעלן פאַרבן, זאָלט איר זאָגן, אַז דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע זענען נישטאָ אינדערהיים. (איר זענט די דינער־שאַפט!), נאָר פאַרוואָס נישט? אַז ער וויל זיך שטעלן פאַרבן, קען ער. אַבי ער זאָל נישט פאַרשפּריצן. און ער זאָל אונטערלייגן עפּעס אויף דר'ערד.

...אַז די שטיבער זענען שוין אַלע אויסגעפאַרבט, גייט איר אַוועק צו אייער אַדוואָקאַט און הייסט אים פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן אייער „לענדלאָרד”, אַז וואָסיז? ער האָט אייך קלענער געמאַכט די שטוב. וואָרין די אַלטע פאַרב האָט ער דאָך נישט אַראָפּגעקראַצט, און נייע פאַרב איז צוגעקומען. האָט איר דאָך איצט וויניקער פּלאַץ אין די צימערן ווי פריער, בעאַיים איר האָט זיי געדונגען, מאָנט איר דערפאַר „שאָדנגעלט”.

און איינמאָל פּאַסקנט דאָס געריכט, אַז דער „לענדלאָרד” האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו מאַכן אייערע צימערן קלענער ווי זיי זענען געווען פון אָנהויב, ווען איר האָט זיי געדונגען, הייסט דאָך דאָס שוין מימיילע, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו פאַרבן. קענט איר אים שוין קאָנען קלאָגן נאָכאַמאָל, דאַפאַר וואָס אייער פרוי האָט געקראָגן קאַפּווייטיק און איז קראַנק קעוואָרן פון דעם רייאַך פון דער פרישער פאַרב און דאָ קען שוין אַ גוטער „לאָיער” (אַדוואָקאַט) איינמאָנען אַ היבשע סומע געלט. ווייל ווער קאָן אָפּשאַצן אַקוראַט וויפיל אַ ווייבערשער קאָפּווייטיק האָט די ווערט, האַ?

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ (ווי אין אַלע היגן פּראָצעסן) שפּילט נישט אַזאַ ראָלע צו קענען דעם געזעץ, ווי צו קענען דעם...ריכטער!

ריכטער זענען ווי פאָן־בראָקערס (מאַשקאָנעס־נעמער). זיי האַלטן דאָס „גאָלדענע געזעץ” פאַר אייך, קאַבצאָנימלעך, און איר צאָלט זיי פּראָצענט פאַר היטן דעם אויצער, וואָס זיי אַליין ווייסן אַפילע נישט אַקוראַט וואו ער ליגט, אין וועלכן שופלאָד.

...מעלאַבערינאָ בעט מיך, איך זאָל אייך פרעגן, נאַדיר, צי איר האָט געלייענט דעם אַלט־רוסישן סאַטיריקער שטשעדרין־סאַלטיקאָוו? באַ אים, זאָגט ער, איז פאַראַן אַ מאַיסע, ווי אַזוי צוויי צאַרישע גענעראַלן גייען זיך באָדן צו אַ טייך. לעבן אַ סאָד, און מע נעמט באַ זיי צו ס'אָנטועכץ, און זיי בלייבן מוטער־נאַקעט, בלויז מיט די באַהאַנגענע מעדאַלן, וואָס זיי טראָגן אויף גאָלדענע קייטעלעך איבער זייערע האָריקע בריסט־קאַסטנס.

...גייט אַוועק אַ טאָג און צוויי און דריי, און די צוויי גענעראַלן הויבן־אָן אויסגיין פון הונגער.

...אינם סאָד, לעבן טייך, וואַקסן עפּל, גרויסע, זאַפטיקע.

...רופט זיך אָן איין גענעראַל: „דו ווייסט וואָס איכל דיר זאָגן, איוואַן איוואַנאָוויטש?” „וואָס?” „אויב גאָט וועט אונז היינט־מאָרגן ניט צושיקן עמיצן, וואָס זאָל אונז אָפּרייסן אַן עפּל, וועלן מיר ביידע כאַלילע דאָ אויסגיין ווי די לעבעט”.

...ביידע גענעראַלן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אויף די קניעס, זיך

געציילעמט מיט פעסטע, האריקע לאבעס און געבעטן גאט ער זאל אף זיי ראכמאנעס האבן. און אויב נישט קיין פויער, זאל ער כאטש צושיקן א ווינט, וואס זאל אראפטרייסלען אן עפל פון בוים און זיי ראטעווען פון א זיכערן טויט.

...האט איר געלייענט, נאדיר, אין „מארגן־זשורנאל", ווי אזוי דער שרייבער האצעפלאץ האט געשטעלט דעם דיאגנאז אף סאוועטן־רוסלאנד? די צארע, זאגט ער, מיט רוסלאנד (בא אים איז עס נאך „רוסלאנד"!) איז, וואס קימאט יעדער צווייטער מענטש איז א מעלוכע־באאמטער. און ביידע (שרייבט ער) אי די מעלוכע, אי די אנגעשטעלטע, עסן אויף ס'גאנצע ביסל עסן וואס ס'איז דא. און אזוי קומט־אויס, מאכט ער, א קליין הייפעלע טשינאווניקעס לעבן אין ראסקאש, און דאס פאלק פעכנעט אפן פיסק.

און איז נאך ווייניק: וואס קימאט יעדער צ ו ו י י ט ע ר בירגער איז א סאוועטישער באאמטער און זיי (די באאמטן) נעמען אלדינג פאר זיך, פאר זייערע גראבע בייכער, לעבן ערשט א ק ל י י ן ה י י פ ע ל ע מענטשן אין לוקסוס, און הונדערט און צוואנציק מיליאן מענטשן — פויערים און ארבעטער, שטארבן פון הונגער.

אין „פארווערטס" ווידער שרייבט דער מענשעוויק איוואנאוויטש, אז די באלשעוויקעס האבן פארלוירן יעדן קאנטאקט מיט די מאסן, ווארין בא זיי איז נישטא די מינדסטע פרעס־פרייהייט. און כדי גוט אונטערצושפארן זיין ארגומענט, אז אין סאוועטישן פארבאנד איז נישטא קיין פרעס־פרייהייט, ברענגט ער א ציטאט פון „איזוועסטיא", וואו א מיטארבעטער פון דער ציטונג שרייבט בעפיירעש קימאט דאס זעלבע, וואס ער (איוואנאוויטש) זאגט...

20

...וויסנזי, דיזענער מאן דא, דער מיסטער פיצעלי, וואס האט אינען פאראכטאגן געזאגט, אז ער איז אויסגעווילט פון אונז אלעמען און צוואר צו ריידן אין נאמען פון אונז א ל ע, איז א ליגנער ש'בליגנערס, און צוואר וואס הייסט ע ר רעדט עס פאר אונז אלעמען? ה ו ד י ה ע ל י ז י? אדער בעסער געזאגט: ווער האט אים געבעטן ער זאל פון דער גאנצער מישפאכע געניאלע אידיאטן מאכן איין גרויסן—ווי זי רופן עס—סינטעטישן געניאלן אידיאט?

הערנזי, נאדיר איך גלויב נישט אין קיין „ליטעראריש קאמיטעטן". איך גלויב נישט, אז גרויסע לייטע דארפן דיינקען מיט פאראייניקטע קרעפטן. זאנדערן איך גלויב, אז עס איז א סאך שענער

צו האָבן אַן אײגן פּאָנים, אַפּילע אַ מיעס, אײדער אַ פּרעמד פּאָנים אַ שײנס.

אונזער מעלאַכרינאַ, װיסנזי, האָט װעגן דעם אַ לידל, װאָס איז געשריבן לױט דעם פּעטענט פון אַקדאָמעס, װאָס איר, נאַדיר, האָט שױן אײנמאָל אױסגענוצט און אַפּילע נישט געזאָגט, אַז דאָס איז מ ײ ן אײנפאַל. כאַפּט אײנען דער רואַך! װאָס קען איך מיט אײך מאַכן? איך בין באַ אײך אין די הענט, װאָס איר װילט מיט מיר טוען—דאָס טוט איר!

הערנזי דאָס ליד. עס גײט אַזױ:

איך בין דער באַקאַנטער זינגער מעלאַכרינאָסאַ.
איך זינג דערפאַר װײל איך דאַרף פּאַרנאָסאַ.
פאַרשניטן האָב איך אַ הײליקן בונדאָסאַ
מיט מײן פרײנט, דעם שרײבער אַפּאַטאָזסאַ.

ער האָט צו מיר געטאָן אַ זוגאָסאַ:
„לײג אַרױף דײן האַנט אַף מײן אַפּאַטוסאַ!
שװער מיר באַ דײן זיגאָסע אינזיכאָסאַ,
אַז מיר װעלן זיך בלײבן טרײ ביז אין טױט אַרײנאָסאַ".

דאַפאַר אַז איך קראַץ אים, איז קראַצט ער מיך קריקוסאַ.
װי דאָס טוט זיך באַשרײבן אין דער פּרעסוסאַ.
איך װאָלט נאָך געקענט זינגען און זינגען אָן אַ סופסאַ.
נאָר דער מױשע נאַדיר מאַכט קאַליע די פּאַרנאָסאַ.

האָבנזי אַמאָל געזען, נאַדיר, װי אַ שטאַרקער מענטש שלאָגט אַ שװאַכן? יאָ? נײן? זי האָבן יאָ געזען? אױב אַזױ, װיסנזי, אַז דאָס איז נישט שײן פון דעם שטאַרקן!

...אָבער האָבנזי אַמאָל געזען, װי אַ קאַליקע, אַ פאַרזעעניש. אַ כױלע־נױפל, שפּרינגט־אונטער און גיט אַ פּאַטש אַ שטאַרקן און הױכן יונג? דאָס, װיסנזי, נאַדיר, איז גאָר מיעס. און צװאָר פון דעם בידנעם קאַליקע, װאָס ער שטעלט דאַרױף, אַז דער שטאַרקער און הױכער, װעט אים נישט קריק־פּאַטשן, און צװאָר, װײל דער שטאַרקער װעט מוירע האָבן, אַז דער קאַליקע קען נאָך כאָלילע בלײבן אונטער די הענט.

...פּיצצעלי, װיסנזי, זאָגט, אַז דער קױעך פונם שװאַכן איז אַ מ י ע ס ע ר קױעך.

הערנזי, נאדיר, וואָס מיר פאַלט איין: מיר פאַלט איין, אַז ווען דער טכויר זאָל זיין אַ מענטש, וואָלט ער געטראָגן אַ געפּרעסט שניפּטיכל אין דער ברוסט־קעשענע, וואָלט געקריכט מיט דער נאָז און געזאָגט: „פּע, עמיצער האָט זיך געמוזט—"

...דאָס פירט מיך אַרויף אויף דעם געדאַנק פון מיין נייעם פּעטענט און צוואָר וועגן לימבורגער קעז און אַנדערע מינים ק ע ז ע.

הערנזי, נאַדיר, פאַרוואָס דענקט איר האָבן מענטשן ליב ד ע ם קעז אָדער י ע נ ע ם? וואָס איז איינגנטלעך דער כילעק צווישן ענגלישן „טשעשיר", דייטשן „לימבורגער", פראַנצויזישן „עמיע", שווייצער־קעז, פילאַדעלפיער „קרים־קעז"? אַלע זענען דאָך געמאַכט פון קו־מילך. דער כילעק איז בלויז אין ג ע ר ו ך, איזיסוואָר?

...אַלזאָ האָב איך אַ פּעטענט, אַז מע זאָל פאַרקויפן אַלערליי ג ע ר ו כ ן אין קעסטעלעך—15 סענט אַ קעסטעלע... גערוך.

...זיכאָפּנעם, נאַדיר? וויבאַלד מ'האָט דעם גערוך, שפּילט שוין ער קעז אַליין קיין ראָלע נישט. איר קענט אויפשניידן וואָסער־ס'איז שטיקל קעז, און אַריינלאָזן—לימבורגער־דופט, אָדער אַ קולטור־גערוך.

דאָס איז א י י ן פּעטענט!

דער אַנדערער פּעטענט איז—טאַקע ווייטער וועגן בעהיימעס, און צוואָר וועגן דעם, אַז אַנשטאָט מ'זאָל געבן די בעהיימעס גראָז, אַז זיי זאָלן געבן מילעך, וואָלט געווען גלייכער, אַז עס זאָל זיין פּ א ר ק ע ר ט.

...וואָס איך דאַמיט מיינען טו? איך מיין זייער פּאַשעט ווינזי: איך מיין, אַז די גרעסטע צאָרעס אין דער וועלט נעמען זיך פון ערד, און צוואָר אַפּילע מילכאָמעס ווערן געפירט צוליב ערד, איז דאָס ריכטיק, צי ניין?

...אַלזאָ האָב איך געטראַכט אַזוי: וויפיל קוואָרט מילעך גיט אַ קו אַ טאָג? לאָמיר זאָגן 16—18! וואָס האָבן די ווערט אַן 18 קוואָרט מילעך אויף דער פאַרם, בעאיים זיי קומען אַרויס פון דער קו? אַז גאָר אַ סאַך, איז 10 סענט אַ קוואָרט, דאָס הייסט אַ דאָלאַר מיט אַכציק סענט אַ טאָג! נו, לוינט זיך צוליב אַ דאָלאַר מיט אַכציק סענט אַ טאָג צו דאַרפן האָבן גראָז... מיט ערד... מיט אַ וועלט, מיט אַלדינג?

...וואָס איז אַלזאָ מיין פאַרשלאַג?

מיין פאַרשלאַג איז צוואָר זייער אַ פּראָסטער: מיר מאַכן עס ווי איך האָב אינען שוין געזאָגט. מיר קערן־איבער די פּאַטשיוועס!

מיר גיבן דער קו צו עסן מילעך און קעז, און זי גיט אונז גראָז און ערד און וועלט.

...און וויבאַלד די גאַנצע וועלט איז שוין באַ די בעהיימעס אין די אַהטערס (זי רופן עס „איטערס") איז ערשטנס זיכער, אַז סע וועט נישט זיין קיין רעוואָלוציע, און צוואר וועלכע בעהיימע וועט עס וועלן איבערקערן די איצטיקע אָרדנונג? וואָס פעלט אַ בעהיימע, אַז ס'איז אַ ז ו י? וואָס דאַרף אַ בעהיימע האָבן רעוואָלוציעס? אַ קו דאַרף האָבן אַן אָקס—דאָס אַלעס! דער אָקס ווידער איז צופרידן, אַז ער האָט אַ קו, וואָס איז צופרידן מיט אים.

וויסנזי, וואָס איך דיינק, נאַדיר? איך דיינק, אַז ס'איז שלעכט, אַז מ'האָט אַן עלטערע טאָכטער אויסצוגעבן, אַזוי ווי איך און סי מאַכט זיך נישט קיין שידעך!

...היינטיקע יונגעליים ווילן אי ריינע ליבע, אי מ'זאָל זיי דאַפאַר צאָלן אַזויפיל און אַזויפיל!

ליבהאָבן פונם גאַנצן הארצן, זאָגן זיי, קאָסט קויעך און געזונט און צייט, און „טיים איז מאָני". באַפּראַט היינטיקע צייטן, ווען די מיידלעך ווילן, אַז מ'זאָל זיי ליב האָבן מיטביידע הענט, און ביזן וייסן טאָג אַריין!

הערנזי, נאַדיר, איך אַליין בין אַפּילעשיק אַ פּראָסטער, אונגאַ־רישער איד, נאָר פונדעסטוועגן ווען סע מאַכט זיך מיר עפּעס אַ גוטער שידעך פאַר מיין טאָכטער, מעג זיין מיט אַן אָרעמן קייזער, מיט אַ צוויי־דריי קינדער, אַבי ער זאָל איר פאַרדעקן דעם קאָפּ. כאָטש ווי זאָגן זי, נאַדיר?—ביז אין גראָען קאָפּ פאַרזיצט היינט קיינער נישט און צוואר דערפאַר, ווייל וועלכעס מיידל האָט דען היינט אַ צאָפּ?

...קענענזי דאָס ליד, נאַדיר, פון ה ע נ י ך ה י י נ ע? מיין עלטערע טאָכטער פלעגט דאָס מיר אַמאָל פאָרלייענען. ס'איז אַ ליד וועגן אַ לייכנטוך און טאַכריכים, און אַנדערע זייער נישט קיין פרייַ־לעכע זאַכן! אויב מיין זיקאָרן דינט מיר ריכטיק, זינגט זיך דאָרטן וועגן דייטשע וועבער, וואָס וועבן טאַכריכים פאַר די קאַפּיטאַליסטיכים (מעלאַכרינאָס אַ גראַם) און ער זידלט זיך, ווי דער ערגסטער, דער העניך היינע: ער שרייט „פלוך, פלוך, אַ פינצטער יאָר אויף דיר, דו דייטשענלאַנד, וואָס דו נעמסט צו די קויכעס פון די וועבער".

...יאָ! מעלאַכרינאָ שטייט הינטער מיר און דערמאָנט מיר, אַז אויך דאָס נעמלעכע דאַרפן זאָגן די טעקסטיל־סטרייקער פון ניו בעד־פאָרד.

...וויסנזי, נאַדיר, מיסטער מעלאַכרינאָ זאָגט, אַז די אַמאָליקע

„וואבלים" האָבן וועגן דעם אויך זייער אַ געראָטן לידל. עס גייט אַזוי—נאָר דאָס מוזט איר שוין טאַקע אויסשטעלן אין שמאָלע שורעס, אַז נישט וועט נישט טויגן.

מיר האַרעווען מיט בלוט און שווייס,
צו קריגן געלט צו קויפן שפּייז,
צו האָבן קויעך צו האַרעווען,
מיט בלוט און שווייס
צו קויפן שפּייז,
צו האָבן קויעך צו האַרעווען
מיט בלוט און שווייס.

דאָס־אַ לידל, וויסנזי, ווערט געזונגען אין אַ סאָף, פון כעוורע יונגען און מוידן, וואָס זיצן אַרום אַ קעמפּפייער, ערגעץ אין אינעם אַ קעמפּ, וואָס מ'רופט אים סאַן־סוזי (אַף אידיש: „ניטגעראַיגעט") אין מע פלאַנעוועט, זאָגט מעלאַכרינאָ, איבערצוקערן אונזער מעשו־גענע, פאַרקערטע וועלט, מיטן קאָפּ אַרויף.

הערנזי, נאַדיר, איך מיין, אַז איכ'ל שוין ענדיקן. אַ מענטש איז דאָך נישט קיין „טי־פּאַט־דאָם"! אַ מענטש שעפּט זיך דאָך אויס.

...אָפּטמאָל איז מיר אַליין אַ כידעש, ווי קומט צו מיר אַלע וואָך אַזוי פיל נייע פּעטענטס? און צוואָר אַמאָל ליג איך אַזוי באַנאַכט, אַפן אויפשטעל־בעטל, באַ מיר אין פראָנט־רום, ווי סע הייגנט אַ בילד פון „מוישע ראַביינע מיט הערנער" (פּיצצעלי זאָגט, אַז פרומע אידן קענען זיך נישט פאָרשטעלן אַ נאָווי, וואָס זאָל נישט זיין מיט קיין הערנער!) ליג איך אַזוי אָפּטמאָל און טראַכט: ווער ווייסט, צי איך וועל אינגיכן נישט בליבן געשטאָקט? און צוואָר איבּ יאָ, טראַכט איך, וואָס וועט, נעבעך, דער נאַדיר טון? וועט אים אייסקומען סיידן אַליין צו שרייבן!

אָסער מיר צי איך בין אייך מעקאַנע, נאַדיר, אַז איך דאַרף נאָר דיינקען איינמאָל אַ וואָך אַ שאַ־צוויי, באַקום איך אַ קאַפּוויייטיק, און מוז מ'מיר אַרומוויקלען דעם קאָפּ מיט אַ נאַס האַנטוך.

...איך קען מיר שוין פאָרשטעלן וויפיל נאַסע האַנטיכער דער ראַקטאָר קאַראַלניק נוצט. יענעם מוז קאָסטן עפּשער 15 דאָלאַר אַ וואָך האַנטיכער מיט זעלצער־בראָם.

...האָב איך קעגן דעם, וויסנזי, אויך אַ פּעטענט, און צוואָר, איר זאָלט עס מאַכן פאַרקערט (היינט זענען באַ מיר אַלע פּעטענטס באַזירט אַף איבערקערן): אַנשטאָט צו דיינקען גערדאַנקען און קריגן

קאָפּווייטיק, איז בעסער, גלויב איך, צו דיינקען קאָפּווייטיק און באַקומען געדאַנקען.

צ'מיר אַ גוטע נאַכט!

21

מיין שוואָגער פּיצצעלי זאָגט: „די צוויי געטער אונזערע זענען געוואָרן צו פ ע ט, דאַפאַר קענען זיי שוין נישט אַזוי גרינג אַריין דורך אַן אָרעמער טיר. דורך די ברייטע טירן פון פּאַלאַצן קענען זיי זיך נאָך ווי־ס'איז דורכשטופּן. אין די טענעמענט־הייזער מיט די שמאָלע טרעפּ איז זיי שוין שווער".

דאָס דערמאָנט מיך אָן מיין אַריסטאָקראַטישן לאַנדסמאַן פון אַלאַבאַמאַ, וואָס כאָטש ער האָט אַן אייגן ווייב, אַ גרויסע האַרנטע, זאָגט מען אַף אים, אַז ער גייט צו דער דינסט, ווייל די דינסט איז אינגער און געזיינטער. איך האָב אים אַנומעלטן געפרעגט „ווי קומט עס?" האָט ער מיר געענטפערט: „מיין לאַגע איז דיזעלבע ווי צישן העברייאיש און אידיש. די האַרנטע איז טאַקע זייער אַ כאַשעווע האַרנטע, און שטאַרק רעספּעקטאַבל, אָבער..."

זאָגט מיר, איך בעט אייך, איך האָב אייך שוין דערציילט ווי אַזוי איך האָב געהאַט אַ גרויסן רעסטאָראַן אין פּאַריז? ניין? ס'איז איינע פון יענע מייסעס מיינע.

איך בין דעמאָלט געווען אַף צאָרעס אין... פּאַריז. פינף סאַנטים אַף קיין טראַם־געלט האָב איך נישט, נעם איך אַ טעקסי און פאָר. וואוהין פאָר איך? ווייס איך אַליין נישט. איך פאָר אַזוי לאַנג ביז איך כאַפּ אַ באַקאַנטן וואָס אַנטלייט מיר 60 פראַנק אַף צו באַצאָלן פאַר דער טעקסי. דערנאָך גייען מיר אָביסל שפּאַצירן. מאַכט ער צו מיר: „האָסט געהערט? יענער און יענער גרויסער רעסטאָראַן אַף מאָנמאַרטער פאַרקויפט זיך פאַר אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר?" „טאַקע?" זאָג איך, „אויב אַזוי, דאַרף מען נישט פאַרלירן קיין צייט. אַנטליי מיר", זאָג איך, „צען טויזנט פראַנק". „וואָס וועסטו טאָן מיט צען טויזנט פראַנק?" „וואָס אַרט דיך?"

אַקלאַל, איך גיי אַוועק און קויף דעם רעסטאָראַן פאַר אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַר. דער קאָנטראַקט ווערט אונטערגעשריבן. איך גיב דערוויילע צען טויזנט פראַנק האַנטגעלט, ביז דער אַדוואָקאַט וועט נאָכקוקן די נויטיקע פּאַפּירן. דאָס איבעריקע געלט—דאָס הייסט, דעם ערשטן איינצאָל פון 75 טויזנט פראַנק דאַרף איך געבן אין אַכט טעג אַרום.

דער רעסטאָראַן איז זייער אַ גרויסער. פאַרנעמט אַ גאַנצן

סקווער, קימאט. האט אריינגעגנג פון צוויי זייטן. גיי איך אוועק און לאז מעלדן אין די בלעטער, אז אזוי און אזוי, דער און דער מאן פון יענעם־און־יענעם רעסטאראן קויפט בעבלעך, קארטאפליעס, מעל, אייער, פוטער, וקדומיע. הייבט מען מיר אן ברענגען פון אלע זייטן פון קאל־טויוו, זאג איך זיי, אז באצאלן באצאלט אונזער פירמע ערשט אין 21 טעג ארום. זענען זיי צופרידן. וואס האבן זיי דא מוירע צו האבן? א ז א געשעפט! און זיי לייגן אפ די סכוירע אין קעלער — דערך דער פ ע ד ע ר ש ט ע ר טיר.

דערווייל נעם איך און שטעל אריין נאך א מעדויע: „דער און דער, פון יענעם און יענעם רעסטאראן, פארקויפט זייער ביליג בעבלעך, קארטאפליעס, מעל, אייער, פוטער א. א. וו., ווייל ער מוז אריינעמען בעסערע סכוירע". קומען קוינים פון גאנץ פאריז, מ'שלעפט די זעק ארויס פון דעם קעלער, דערך דער ה י נ ט ע ר ש ט ע ר טיר, און מ'צאלט מעזומען געלט.

איינגעלייזט ארום 800 טויזנט פראנק, האב איך שוין דערווייל גענוג געלט אף איבערצונעמען דאס געשעפט. אבער וואס ווייטער? אז קיין קוינים קומען נישט, און ס'געשעפט איז נעבעך מכולע־טרומף? גיי איך אוועק אפן מאנמארטר, און לאז שטילערהייט וויסן צישן די הונגעריקע יונגעלייט וואס פארנעמען זיך מיט קונסט, אז—אזוי און אזוי: מ'קען שוין עסן. קיין מעזומען געלט דארף מען נישט האבן. מ'גיט אף בארג. ווארין וואס פאר א פאריזער קינסטלער איז דאס נישט קיין בעטואך?

גייען נישט אוועק קיין צוויי טעג, הויב איך אן „זשויבן". די טירן מאכן זיך נישט צו—מ'עסט! זינט מאנמארטר שטייט, און זינט פאריז איז פאריז און זינט קינסטלער זענען קינסטלער, האט מען נאך אזוי געשמאק נישט געגעסן.

טראכט איך: „זאלן זיי עסן געזונטערהייט, די קינדערלעך. עמיצער וועט שוין באצאלן פאר זיי".

און איך גיב אן אין די צייטונגען, „יענער און יענער מאן וואס האט געמאכט אזא ריזיקן דערפאלג אין יענעם און יענעם רעסטאראן, מוז צוליב געוויסע סיבעס פארקויפן דאס געשעפט. קומט און איבערצייגט זיך".

קומט מען און מ'זעט: א שעפע קיינאהארע! זינט פאריז איז פאריז... און זינט קינסטלער זענען קינסטלער...

וואס טויג עס אייך, נאדיר? איך האב פארקויפט דאס געשעפטל מיט שווערע טויזנטער רעוועך און—והילד איננו. די לייט פון די בעבלעך, און פון די אייער, און פון דער פוטער, און פון די

קאַרטאָפּליעס, האָבן מיך שוין געזען, ווי מ'זעט די אויערן. נאָר מיין נאָמען איז ביז היינטיקן טאָג געבליבן איינגעבאַקן אין די הערצער פון אַלע וואָס מאַכן קאַליע ריינע לייוונט, און צעפּאַטערן גוטע טינט.

מענטשן מיינען, אַז דער עמעס איז דער בעסטער שווינדל, אָבער דאָס איז אַ טאָעס—מ'קען מיט אַ שווינדל א ו י ך שווינדלען.

דאָס דערמאָנט מיך אָן דער מייסע פון דעם בעסאַראַבער אידי־שען וויינשענקער, וואָס פאַרן טויט האָט ער צוגערופן צום בעט זיין זון און געזאָגט מיט אַ שוואַך קאָל: „קינד מיינס, דיין טאַטנס שאָען זענען געציילט, אָבער פאַרן טויט וויל איך דיר אויסזאָגן אַ סאָד, אַז ווין קען מען מאַכן פון ווינטרויבן אויך".

יאָ, וואָס האָב איך אייך געוואָלט בעטן? איר האָט עפּעס אַ צור־טריט צו אידישע טעאַטערס? ניין? איר זענט מיט זיי פונדערווייטנס? וואָסידען? גאָרנישט. איך האָב אייך געוואָלט בעטן עטלעכע פריינע בילעטן. נישט פאַר מיר. איך גיי קיינמאָל נישט צו קיין אונטער־האַלטונג וואו י ע נ ע ר איז דער גאַנצער קנאַקער, און איך בין בלויז דער יאָלד... דער בילעטן־צאָלער. נאָר איך האָב געוואָלט שיקן מיין שוואָגער פּיצצעלי. צו וועלכער פּיעסע? וואָס איז דער כילעק? ס'איז דען דאָ אין אידישן טעאַטער מער ווי איין פּיעסע? אומעטום שפּילט מען דאָך איינס און דאָסזעלבע שטיק! אַז מען לאַכט דאַביי איז עס מאַלי פּיקאָנס פּיעסע, אַז מ'וויינט דאַביי איז עס געבילס פּיע־סע, און אַז מע וויינט נישט און מע לאַכט נישט איז עס מאָרים שוואַרצס פּיעסע.

זייט געזונט און זעט צעקריגט זיך נישט מיט מאָרים שוואַרצן. ער איז סיי־ווי־סיי אָף אייך אי קאָס. אַ מענטש פאַרלירט זייט די לעצטע אַכט יאָר—יעדעס יאָר פּופּציק קאָנאַקעדיקע טויזנטער, און אייך אַרט עס נישט. וואָס אַרט עס אייך? איר האַלט זיך אין איין וויצלען, אַז איר וואָלט שוין אויך געוואָלט דערלעבן דאָס יאָר איר זאָלט קענען פאַרלירן 50 טויזנט דאָלאַר.

22

איכל אייך דערציילן די מאַיסע מיט באָסער־באָסער (שרייבט טאָ־קע צוויי מאָל „באָסער")—וועט איר הערן.

אַז אין אַמעריקע איז דאָ אַ געזעץ, אַז מ'טאָר נישט אַרויסשטעלן אָפן פענצטער קיין „באָסער קאָשער" סיידן מע פאַרקויפט טאַקע קאָ־שערע פלייש—דאָס ווייסט איר דאָך.

און אַז קאָשער פלייש קאָסט דעם קאַצעוו טייערער ווי טרייפענע, דאָס פאַרשטייט איר מיסטאָם אויך, וואָרין יענע וואָס שעכטן מיט אַ

בראָכע לאָזן זיך גוט באַצאָלן דערפאַר. נישט אַזוי פאַרן שעכטן, ווי פאַר דער ב ר אָ כ ע.

פּלעגט מען טאַקע אָפּט איינזעצן טרייפענע קאַצאָווים דאַפאַר, וואָס זיי האָבן געהאַט „באַסער קאָשער" אויפשריפטן אויף די פענצטער פון זייערע יאַטקעס.

בין איך דאָך אָבער אַ געניאַלער אידיאָט. פאַלט מיר איין אַ ספּאָסיב ווי אַזוי צו מאַכן געלט בא דעם איניען „קאָשערע פליישׂ".

ווי קומט צו מיר צו זיין אַ קאַצעוו? איז דער טערעץ: מיט וואָס איז אַ יאַטקע אַן ערגער געשעפט ווי עפּעס אַנדערש? דאָ האַנדלט מען מיט פלייש־און־בלוט פון בעהיימעס, בא אַנדערע גע־שעפטן האַנדלט מען מיט פלייש־און־בלוט פון מענטשן, פון ארבע־טער.

אַקיצער, איך גיי אַוועק און נעם און עפן אַ גרויסע יאַטקע און שטעל ארויס אַ וויוועסקע: בשר בשר

מיין כעשבן איז געווען, אַז דער כילעק פון דעם בוכשטאַב „בעיס" ביז אַ „קוף" איז אַזאַ קליינער, אַז קיינער וועט אים נישט באַמערקן. און פאַרן געזעץ ווידער האָב איך אויך קיין מוירע נישט. ווייל ווער קאָן מיר פאַרווערן צו זאָגן, אַז איך פאַרקויף באַסער־באַ־סער, וואָס דער טייטש דערפון איז „פלייש־פלייש".

שיין איז געווען, אַז די אַנדערע „בוטשאַרעס" האָבן מיך טאַקע פאַרקלאָגט אין געריכט פאַר אַ גויאישן ריכטער. אַז מ'האָט יענעם איבערגעגעבן די טייטש פון די ווערטער „באַסער־באַסער", האָט ער זיך פאַרטראַכט און געפרעגט טאַמעוואַטע: „פאַרוואָס עפּעס פלייש־פלייש? א י י נ מ אָ ל פלייש איז דען ווייניק?"

מיין אַדוואָקאַט האָט זיך אַ ביסל פאַרלוירן, נאָר איך בין אים גע־קומען צוהילף און געענטפערט, אַז איך קום פון אַ שטאָט, וואָס הייסט באַדען־באַדען. און איך בין געוואוינט צו טאָפּעלע נעמען.

איר זאָגט „וואָס איז אַ נאָמען?" און איך זאָג, אַז זייער אַ סאַך פון אַ שרייבערס דערפאָלג איז געווענדט אָן זיין נאָמען.

שטעלט זיך פאָר, אַז ראַבינדראַנאַט טאַגאָר הייסט נישט „ראַ־בינדראַנאַט טאַגאָר", נאָר „יוינע קרעפל" (רינגלט־איין, נאַדיר, אַז ס'איז טאַקע פאַראַן אַ אידישער שרייבער מיטן נאָמען יוינע קרעפּל). דענקט איר, אַז ער וואָלט געווען אַזוי באַרימט ווי ער איז?

וואָלטן אידישע שרייבער בא יעדער געלעגנהייט ציטירט, אַז „יוינע קרעפּל זאָגט"—אַפילע ווען דער יוינע קרעפּל זאָל זיין אַ... ראַבינדראַנאַט טאַגאָר, אָדער אַ ליאָן פויכטוואַנגער, אָדער אַ הענ־ריק איבסען?

איר האָט געלייענט, נאַדיר, דאָס ארטיקל פון כאים ליבערמאַן אין דער „פעדער״, אַז די אידישע ליטעראַטור גייט אונטער, און אַז דאַפאַר דאַרפן אידישע שרייבער געבן ס׳בעסטע וואָס זיי פארמאָגן?

איך ווייסט נישט, צי ליבערמאַן איז גערעכט. מיט דער אידישער שפּראַך איז אייגנטלעך דאָסזעלבע, וואָס מיט דעם גאַנצן אידישן פאָלק: אַזוי גיך ווי מיר שטאַרבן אָפּ אַף איין אָרט, לעבן מיר אויף אַף אַן אַנדער אָרט, און מ׳דאַרף דאַפאַר נישט קלאָגן איבער דעם, וואָס מ׳האָט פארמאַכט די טויערן פון אַמעריקע פאַר אימיגראַנטן. וואָרין אַ אידישער לעזער האָט אַ טעווע, אַז ער קען נישט זיין אין וואַרשע און אין ניו יאָרק אין דערזעלבער צייט. קעדיי לעזער פון דער אידישער ליטעראַטור זאָלן איינוואַנדערן, מוזן זיי צוערשט אויס־וואַנדערן.

פאַר דער אידישער ליטעראַטור („אַלס אַזעלכע״, ווי מ׳זאָגט אַף אַלטפרענקיש) איז דעריבער קיין כּילעק נישט, צי דאָס אידישע בוך גייט אונטער ד אָ צ י ד אָ ר ט ן.

איז רעד איך נישט פון ד ע ם. איך רעד בלויז אַז אויב אפילע די אידישע ליטעראַטור גייט נישט אונטער אין אַמעריקע, וואָלט אויך נישט געשאַט, אַז די אידישע שרייבערס זאָלן „געבן דאָס בעסטע וואָס זיי פאַרמאָגן״.

און צו וואָס גאָר אינגאַנצן טראַכטן וועגן דער „צוקונפט פון אי־דיש״? ווי זאָגט איר, נאַדיר: ממאָנעפשעך, וועט די א י ד י ש ע שפּראַך לעבן—וועט זי דאָך נישט אונטערגיין. עילע, ווידער, וועט די אידישע שפּראַך כּאַלילע אונטערגיין, איז דאָך אַוודע גוט. וועט זי דאָך אריין אין דער געשיכטע מיט אַ קנאַק—גלייך מיט אַזוינע קלאַ־סיש־אונטערגעגאַנגענע לעשוינעס ווי גריכיש, לאַטיין, העברייאיש.

און אַז ס׳איז שוין באַ אונז היינט אַ פעליעטאָן וועגן ליטעראַ־טור, און מעלאַכרינאָ און פּיצצעלי און גיצצי און לייזערעליע מישן זיך אויך נישט אריין,, וואָלט איך אייך געוואָלט דערציילן די מאַיסע מיט דעם „ליטעראַרישן לעזער״ (ער הייסט פראָסט־פּאָשעט: מייער). דער נעמלעכער מייער באַקלאָגט זיך שטענדיג פאַר באַקאַנ־טע, אַז זיין ווייב האָט אויגן וואָס בעטן...דירע־געלט, און אַז זי שיקט אים אַרבעטן. „סי וואָלט מיך נישט געאַרט״, „מאַכט ער, „ווען דאָס זאָגט מיר אַ פרוי, וואָס זיצט אַליין אין דער היים און טוט נישט אַ האַנט אין קאַלט וואַסער און ווייסט נישט וואָס אַרבעט איז. אָבער מיין פרוי״, מאַכט ער, „אַרבעט דאָך אַ ל י י ן שווער־און־ביטער, ווייסט זי דאָך״, מאַכט ער, „ווי שווער עס איז צו זיצן אין אַ שאָפּ און האָרעווען״.

23

ווי איר ווילט, נאַדיר, אַז באַ אײַך איז רעכט לייזערעליע, לאָז זיין לייזערעליע.

ווי זאָגט מען עפּעס: אַז ער וויל קומען, זאָל ער זיין וויל־קומען.

נאָר איר מאַכט אַ גרויסן טאָעס, נאַדיר, אויב איר מיינט, אַז איר קענט אין היינטיקן יאָרהונדערט — עלף יאָר נאָך דער באָלשעוויס־טישער רעוואָלוציע, אויסקומען מיט אַ געניאַלן אידיאָט וואָס האָט נישט קיין שום בילדונג.

היינט פאָדערט זיך — אין אַלע זאַכן — קענטניש, וויסן, אינ־טעליגענץ.

אַ געניאַלער אידיאָט, וואָס האָט נישט דורכגעמאַכט קיין אוּ־ניווערזיטעט—וואָס פאַר אַן אידיאָט איז ער?

גלאַט נישט האָבן קיין סייכל, איז קיין כאָכמע נישט. אַ כאָכמע איז אָפּצוזיצן יאָרנלאַנג און זיך לערנען, ווי אַזוי נישט צו האָבן קיין סייכל.

עס זענען פאַראַן נאַראָנים, ליבער נאַדיר, וואָס פאַרשטעלן זייער נאַרישקייט מיט קלוגע רייד, און די וועלט האַלט זיי פאַר כאַכאָ־מים, פאַר קריטיקער.

פאַרקערט, ווידער, איז פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען באַוואָפנט מיט כאָכמע, ווי אַ פליג מיט אַ האַרמאַט. זייער אייגענע קלוגשאַפט איז פאַר זיי צו שווער, זיי קענען דאַמיט גאָרנישט טאָן.

דאָס איז מ י י ן פילאָזאָפיע.

אַז איך בין ערשט געהאַט אַרויס פון מיין שווערס קעסט (איך האָב דעמאָלט נאָך געהייסן בערל פאָדנמאַכער—נישט בערל מעקפאַדן) האָב איך שוין געהאַט סייכל צו באַגרייפן אַז „דער שטיין פון כאָכ־מע" איז דער שטיין מיט וועלכן מען בויעט אַ שטוב פאַר זיך, און מיט וועלכן מ'שפאַלט דעם קאָפּ פונם קאָנקורענט.

איך האָב דעמאָלט געהאַט אַ שטעלכל אין מאַרק, פאַרקויפט גויאישע היטלען, פּאַפּאַכעס, שמוישן, קעצענע ווערכעס.

אין דער טכילע פלעג איך שטיין אָפּן יאַריד און קוקן ווי פייגעלעך פליען. דעש־ניע־דעש, אַז איך האָב פאַרקויפט אַ גאָי אַ היטל.

שפּעטער אַביסל בין איך געפאַלן אויף אַ פאָרטל: אַזוי גיך ווי אַ גאָי איז געקומען און גענומען באַטראַכטן די היטלען, פלעג איך אים פרעגן ווי ער הייסט. פלעגט ער מיר זאָגן—לאָמיר זאָגן „אי־וואַן". „אויב דו הייסט שוין יאָ איוואַן", פלעג איך אים ענטפערן, „מעסט־זשע אָן אַ היטל בעבינעם. איך וועל דיר גאָרנישט רעכענען דאַפאַר. איך וויל אומיסנע זען ווי אַזוי עס פאַסט דיר צום פּאָנים.

ווי אַלט ביזטו איוואן? — וויפיל? 38 יאָר? זעסט אויס עלטער, זעסט אויס עפּשער 50. נעם טו־אַן, איוואן".

אַזוי גיך ווי איוואן האָט געהאַט ס'היטל אַפן קאָפּ, פלעג איך מיך קלוימערשט פאַרקוקן אַף אַ מינוט. דערנאָך פלעג איך אַפּירגיין פון דער שטעל און שרייען: „אי־וואן, וואו ביזטו מיטן היטל? אי־וואַ־אַן!"

„אָט בין איך דאָך!" ענטפערט איוואן. „איך שטיי דאָך לעבן דיר". „גיי אַוועק. מאַכסט כוויזעק פון אַ איד, האַ?" „יעי באָ־גו, אַז ס'איז איך, בערקע!" נעמט זיך דער גאַי שווערן—„איך, אי־וואן, דו האָסט דאָך מיר אַליין אָנגעטאָן ס'היטל!" טו איך אָן די ברילן, באַטראַכט אים און זאָג: „יאָ, ריכטיק, דאָס ביזטו טאַקע. נאָר דאָס היטל האָט דיך אַזוי פאַרענדערט, אַז ס'איז דיך גאָר נישט דער־קענען. ביזט גאָר אַ נייער מענטש געוואָרן, אַ קראַסאַוועץ. ווי אַלט, האָסטו געזאָגט, ביזטו, איוואן? 24 יאָר„ האַ? זעסט אויס אינגער. אָט וואָס אַהיטל קען אויפטאָן. בלויז 12 רובל. אַ־נו, גיב אַ קוק אין שפּיגעלע, איוועאן".

און דער גאַי פלעגט שוין קויפן.

מענטשן מיינען, אַז עמעס איז אַ זאַך, וואָס יעדער קאָן דאָס זאָגן, אויב ער וויל נאָר.

אין טאָך אריין איז דער עמעס אַזאַ קונסט, וואָס בלויז געציילטע מענטשן קענען אים זאָגן.

אַז צו אייך קומט אַמאָל אַ שרייבער מאַט אַ מאַנוסקריפּט פון אַ דערציילונג, און ער זאָגט אייך, אַז דאָס האָט מיט אים אַליין פּאַסירט, זאָגט אים, אַז עמעסן פּאַסירן נישט גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַריין, עמעסן דאַרף מען ו ו י י ז ן ווי אַזוי צו פּאַסירן.

מיט „קויעך" איז אויך דאָס אייגענע:

אַ קליין אידל רעוואָלווערל מיט אַ פּערלמוטערן הענטל האָט מער „קויעך" פון אַן אַקס.

אַ קליינער פונק האָט מער „קויעך" פון אַ שייער מיט טוואוע.

אַ דינע ליזאַ האָט מער „קויעך" פון אַ גרויסער אידענע מיט וואָנטשעס.

איך האָב אייך שוין פריער געזאָגט, אַז היינט צו טאָג אויב איי־נער וויל זיין אַ דערפאָלגרייכער אידיאָט, מוז ער אַ סאַך לייענען, אַ סאַך שטודירן — סיי די וויסנשאַפטן, סיי די קונסטן.

פאַרוואָס, מיינט איר, נאַדיר, שפּילן מיר טעאַטער? מיר שפּילן טראַגעדיע, קעדיי אַפּצוטעמפּן דאָס געפיל, אַז אונזער גאַנץ לעבן איז אַ טראַגעדיע. מיר שפּילן קאָמעדיע, קעדיי מיר זאָלן נישט פילן ווי קאָמיש מיר מענטשן זענען.

מיט דער פארפעלשונג פונם עמעס, מאכן מיר דעם עמעס ניש־טיקער, אומוויכטיקער.

אנישט וואלט נישט מעגלעך געווען צו לעבן אף דער וועלט.

24

איר ווייסט, נאדיר, אז ווען מיר ווערט טרויעריק פון די היינ־טיקע וועלט־טאמאשעוסקים פון איטאליע, פוילן, ליטע א. א. וו., נעם איך לייענען געשיכטע, לויט ווי אמאליקע שרייבער האבן זי באשריבן (דאס דערצייל איך אייך אלץ קעדיי אייך צו באצייגן, אז איך בין א געבילדעטער מענטש, נישט קיין לייזערעליע).

אין 14טן יארהונדערט האט געלעבט א בארימטער פראנצויזי־שער היסטאריקער „זשאן דע זשאנוויל", פון דער מישפאכע „גאדע־פראו דע בוליאן" ער איז דערצויגן געווארן אינם הויף פון „טהיבאט דער 4טער, קינג פון נאוואר"—באשרייבט ער די שלאכטן פון „הייליקן לואיס" מיט די מוסולמאנער. פון יענעם בוך נעם איך ארויס אט־אזוינע פערל:

„דער טייך (ערגעץ אין עגיפטן) איז שטענדיק מוטנע. פארנאכט שעפט מען אן וואסער אין א לאגל, מ'טוט אהין אריין 2 געמאלענע מאנדלען, אדער פאסאליעס, ווערט דאס וואסער ריין ווי קרישטאל.

„צו דעם־א טייך לעבן רעקסי, האט געמארשירעוועט דער קעניג פון פראנקרייך מיט זיין גאנצן כאיעל. אלע ארמייען פון סולטאן האבן זיך באזעצט אף יענער זייט.

„איינמאל באנאכט האבן די פיינטלעכע כאיאלעס געבראכט צו־פירן א מאשין, וואס זיי האבן פריער קיינמאל נישט גענוצט, און בעיס מיר האבן געהאלטן וואך איבער די „שאשאטיים" (א באהעלטעניש־באראק פארן מיליטער), האבן יענע אריינגעטאן גריכיש פייער אין דעם פייער־ווארפער פונם ענדזשין.

„ווען דער ריטער, סיר וואלטער דע קירעל האט דאס דערזען, האט ער אויסגעשריען: „זשענטעללייט, מיר זיינען פארלוירן. איין גאט אליין קען אונז ראטעווען. איך ראט אייך, און באפעל אייך, אז יעדעס מאל, וואס זיי וועלן אף אונזווארפן דאס פייער, זאלט איר אלע פאלן אף די הענט און אף די קני און בעטן גאט, ער זאל אייך באשיצן קעגן דער געפאר".

„ווען דער ערשטער פייערדיקער רעגן איז אנגעקומען איז געווארן קימאט ליכטיק, און עס האט אנגעמאכט א גרויסן טומל.

„דריי מאל האבן זיי באנאכט געווארפן גריכיש פייערן מיט „לא פעריער" און פיר מאל פון פיילבויגנס.

„איטלעכס מאָל וואָס אונזער גוטער קעניג סאַנקט לואי האָט דערהערט אז סי גיט א שאַס־אויס, האָט ער זיך געוואָרפן אַף זיין בעט, און מיט אויפגעהויבענע הענט און מיט ביטערע טרערן האָט ער גערופן צו גאָט „דו האר, מיין גאָט, טו באַשיצן מיך און אַלע מיי־נע כאַיאַלעס".

„איצט וועל איך דיר באַשרייבן ווי אַזוי דער קעניג איז גענומען געוואָרן געפאַנגען. דאָס האָט מיר דערציילט סיר זשאָפרי דע סערזשין, וועלכער האָט אַוועקגעפירט דעם קעניג קיין קאַסעל.

„ווען די מוסולמאַנער זיינען באַפאַלן דעם קעניג האָט סיר זשאָפרי גענומען די שווערד, וואָס איז געהאַנגען אַף זיין זאָטל און ער האָט זיי פאַרטריבן.

„זענען זיי אים ווידער נאָכגעלאָפן, האָט סיר זשאָפרי ווידער ארויסגענומען די שווערד און האָט זיי ווידער פאַרטריבן און אַזוי האָט ער אים געפירט קיין קאַסעל, וואו דער קעניג איז געבליבן ליגן קימאַט אָן קויכעס, אין שויס פון דעם ווייב פון א פאַריזער בירגער, וועלכע וואוינט איצט אין קאַסעל.

„סיר פיליפ דע מאַנטפאָרט איז אַוועק צו די מוסולמאַנער, ער האָט אראָפּגענומען דעם טורבאַן פונם קאָפּ, און דעם רינג פונם פינ־גער אין צייכן פון פרידן.

„און דער קעניג האָט געזאָגט, אַז אויב דער סולטאַן וואָלט געוואָלט נישט קיין צו־גרויסע סומע געלט, וואָלט ער געשריבן צו דער קעניגין, אַז זי זאָל באַצאָלן אויסלייז־געלט. האָבן זיי געזאָגט: ווי קומט עס וואָס דער קעניג קען אַליין נישט באַשטימען? האָט ער געענטפערט, אַז די קעניגין האַלט דאָס געלט בא זיך און ווי זי וויל אַזוי טוט זי. זיינען די יועצים ווידער אַוועק צום סולטאַן, און זיי האָבן געבראַכט די נייעס, אַז אויב די קעניגין וועט באַצאָלן א מיליאָן בעזאַנטן (500 טויזנט פונט) וועט מען באַפרייען דעם קעניג.

„אַז די קעניגין האָט דאָס דערהערט, איז זי געוואָרן גערירט פון זינען. ווייל די נייעס איז געווען זייער ביטער צו איר האַרץ. נאַנצע נעכט פלעגט זי שרייען פון שלאָף „העלפּט! העלפּט!" האָט מען בא אים אַנידערגעשטעלט א וואַך פון זייער אַן אַלטן ריטער. פלעגט ער זי צוהאַלטן בא די הענט און זאָגן: „מאַדאַם, שרעקט אייך נישט". איידער די קעניגין איז געלעגן געוואָרן, האָט זי זיך געוואָרפן פאַר איר וועכטער (דעם אַלטן ריטער) צו די פיס און געזאָגט: „זאָג מיר צו, אַז אויב דער סוינע וועט איינגעמען אונזער שטאָט, וועסטו מיר אָפּשניידן דעם קאָפּ, איידער זיי וועלן מיך נעמען געפאַנגען".

דער אַלטער ריטער האָט געענטפערט, אַז ער וועט דאָס טאָן, און זי דאַרף זיך נישט שרעקן.

„אינגיכן איז די קעניגין געלעגן געוואָרן אין דער שטאָט דאָמיעטאַ און געהאַט אַ אינגל. זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן טריסטאַן. אינם טאָג פון זיין געבורט האָט מען אָנגעזאָגט דער קעניגין, אַז די פיסאַנער, די גענאָזער און אַלע אַרימעלייט פון שטאָט ווילן אנטלויפן און איבערלאָזן דעם קעניג. די קעניגין האָט זיי אַלעמען געשיקט רופן און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט: „זשענטל־לייט, איך בעט אייך אין נאָמען פון גאָט, לאָזט נישט איבער דעם קעניג אַליין, וואָרין סיי מיין האר און קעניג, סיי זיינע איידל־לייט, וועלן כאַלילע רואינירט ווערן. אויב איר האָט נישט קיין ראַכמאָנעס אַף אונז, האָט כאָטש ראַכמאָנעס אַף דעם פּיצעלע קינד, נעבעך, וואָס ליגט דאָ פאַר אייך אַזוי אומבאַהאָלפן".

„זיי האָבן געענטפערט, אַז זיי קענען עס נישט טאָן, ווייל זיי וועלן דאָ אויסגיין פון הונגער. האָט די קעניגין זיי געקויפט ברויט און אַנדערע זאַכן, און אין אַ קורצער צייט האָט די קעניגין אויסגעגעבן פון איר אייגענער קעשענע העכער 360 פונט. אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. אין אַ קורצער צייט האָט זי געמוזט אַרויס פון בעט און אַוועק ערגעץ אַנדערש.

„דער קעניג מיט דער קעניגין זיינען נעבעך אַוועק קיין אַקרע, ווייל דאַמיעטע איז איבערגעענטפערט געוואָרן צו די טערקן און מורסולמאַנער".

גענוג פאַר היינטיקס מאָל, נאַדיר. מעלאַכרינאָ שטייט נעבעך אין דרויסן און ווערט אָפּגערעגנט. איר זעט? ער האָט פאַרהויבן ס'רעקל איבערן קאָפּ. ערט זיך נאָך פאַרקילן—דער אידיאָט. איך וויל נאָר איר זאָלט פאַרזיכערן אייערע לעזער, אַז די היסטאָריע מיטן קעניג „לואי דער הייליקער" איז נישט קיין אויסגעטראַכטע, נאָר קימאַט וואָרט אַמע־וואָרט איבערגעשריבן פון זשאַן דע זשאַנווילס בוך „דאָס לעבן פון סאַנקט לואיס" וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן פון יענעם באַרימטן היסטאָריקער אפן פאַרלאַנג פון זשאַנעט פון נאַוואַר, די פרוי פון „פיליפּ לע בעל".

אַדיע, דאָוויד־זעניאַ און שאַ, וואָס האָב איך נאָך געוואָלט זאָגן? טאַ־טאַ!

אַוואָדע איז נישט שיין וואָס איך באַרים מיך מיט מיין אינטעליגענטישקייט, מיט מיין ביבער־קענטעניש, נאָר וואָס קען מען טוען? אַז קיין אייגענעם זשורנאַל גיב איך נישט אַרויס, און מיט די

„ליטעראַרישע באַיעס" בין איך נישט קיין שמיל־שמעלקע.

סי קומט אויס ווי די מאַיסע וועגן דעם פּיפּיסקער ראָוו, וואָס זיצט אין אַ באָד אין אַ פרעמד שטעטל און בעזימט זיך. מיילע, אַז אַ ראָוו גייט אין אַ ספּאַדיק ווייסט מען, אַז ער איז אַ ראָוו. אָבער אין מערכעץ—פונוואַנען זאָל מען וויסן ווער ס'איז אַ ראָוו?

קורצום: דער פּיפּיסקער ראָוו בעזימט זיך, אויף דער פּערטער באַנק (קיין גרויסער שוויצער איז ער נישט), און ער הערט ווי אויף דער פיפטער באַדבאַנק רעדן צוויי אידן צישן זיך: „געהערט פון פּי־פּיסקער ראָוו?" „געהערט". „אַ לאַמדן מופלעג". „אוהאָ". „אַ שאַרפער קאָפּ". „אַ גרויסער ירײשמאַים". „גוואַלדאָוונער באַל דאַרשן". „אַ גרויסער באַל זיקאָרן". „קען נישט קיין צוראַס מאַט־בייע". „פול מיט טוירע, ווי אַ מילגרוים מיט קערלעך".

דער פּיפּיסקער ראָוו ליגט אויף דער שוויצבאַנק מיטן פּאָנים אַראָפּ, אַ נאַס האַנטוך לעבן מויל און—הערט דאָס אַלדינג אויס. אַז די צוויי לייט זענען פאַרטיק געוואָרן לויבן אים אין גיפּל אַריין, האָט דער ראָוו אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו די צוויי אידן און אַ מאַך געטאָן מיט קאַעס: „נו, און דאָס וואָס איך בין אַ גרויסער אַניוו איז גאָרנישט?"

25

איך קען שרייבן פּאָעזיע אויך. אַי, פאַרוואָס איך שרייב נישט? איז דער ענטפער: איך דאַרף נאָר כאַפּן דעם שניט. פאַרשטיין מ'סייכל פאַרוואָס מ'שטעלט אויס אין שמאָלע שורעס און פאַרוואָס אין ברייטע. אשטייגער אַ ליד אין „האַמער", וואָס הייבט זיך אָן:

„פאַראַן נעכט
וואָס פאַלן,
ווי..."

איז דאָך שוין, הייסט דאָס, קלאָר, אַז „פאַראַן נעכט וואָס פאַלן ווי..." מוזן געשריבן ווערן אין ד ר י י (3) שורעס? קומט צעגיין דער־זעלבער דיכטער מיט אַ סטראָף שפּעטער און מאַכט:

„פאַראַן נעכט וואָס פאַלן".

איז שוין, הייסט דאָס, נישט קיין קלאָל אין דער פּאָעזיע, אַז „פאַראַן נעכט וואָס פאַלן ווי..." מוז מען צעטיילן אין שלוישע שורעס. עמעס, אינם צווייטן זאָג פעלט דאָס וואָרט „ו ו י", אָבער אַזוי ווי ס'איז קימאַט נישט מעגלעך צו מאַכן פון דעם וואָרט „ווי" מער ווי איין שורע, הייסט דאָס, אַפּאָנים, אַז אויב מען מאַכט פון „פאַראַן

נעכט וואָס פאַלן ווי..." בלויז צ ו ו י י שורעס, איז אויך קיין אכראַיעס נישט. היינט גיי וויים זיי, די דעכטער.

איר האָט געהערט? מ'פאַרשיקט שוין ווידער אידן קיין סי־ביר. ווער סי שיקט זיי? איך שיק זיי נישט. די באָלשעוויקעס שיקן זיי,—זיי זאָלן באַארבעטן די ערד. אמאָל אין צאַרס צייטן (נישט היינט געדאַכט) פלעגט מען שיקן אידן קיין סיביר ווייל זיי זיינען גע־ווען „באָלשעוויקעס". היינט שיקט מען זיי אויך אהין צוליב דער זעלבער סיבע. דער כילעק איז נאָר א פיצעלע כילעק: אמאָל האָט מען זיי געשיקט אהין ש ט א ר ב ן, און היינט שיקט מען זיי אהין ל ע ב ן.

ס'איז פונקט די אייגענע מאַיסע ווי מיט יענעם אידן וואָס איז געפאָרן פון לעמבערג קיין קראָקע, און האָט פאַרשלאָפן די לעצטע סטאַנציע, און גענומען פאָרן מיט דערזעלבער באַן קריק קיין לעמ־בעריק.

אפן וועג טרעפט ער א באַקאַנטן אידן: „שאָלעם אַלעיכעם. וואוהין פאָרט איר?" קיין לעמבעריק". „אָווא", מאַכט דער פאַר־שלאָפענער איד, „איר פאָרט ק י י ן לעמבעריק און איך פאָר פ ו ן לעמבעריק אוןביידע פאָרן מיר אף דערזעלבער באַן. פּילע־פּילאָאים.

עך, אמאָל, אמאָל! אַלדינג איז געווען א מ אָ ל! ווי זאָגט מיין שוואָגער פיצצעלי: „היינטיקע צייטן לעבט מען נישט לאַנג, טאָמער טרעפט איר היינט אן אַלטן מענטשן. איז ער אויך פון אמאָל".

...אז מי רעדט שוין וועגן די ארבעטער, וואָס שלאָפּאַיען זיך ארום אין ניו יאָרק אָן ארבעט, לאָמיר אייך זאָגן, אז איך האָב צו זיי קיין געפיל נישט, ווייל זיי זיינען גרויסע בעהיימעס. שטעלט אייך פאָר, א שטייגער, ווען מי נעמט באַ א ווילדן מענטשן און מ'רייסט באַ אים ארויס פון מויל דעם ביין, וואָס ער האָט פאַרדינט מיט דער אייגע־נער פראַצע, נו, וועט ער שווייגן? אָדער אשטייגער מ'זאָל אים זאָגן: „גיי, מאַך א ביקס און גיב זי מיר אוועק, איך זאָל דיר קענען דערשיסן",—וועט ער דען געבן?

דאָס איז אַלץ גערעדט וועגן ווילדע, אָפּגעשטאַנענע מענטשן. אָבער מיר ווייסע, געבילדעטע, ציוויליזירטע, מיר האָבן בלויז סייכל, אף גרויסע און טיפע זאַכן, אף אזוינע קלייניקייטן, ווי נישט לאָזן גאַנוועגען באַ זיך דאָס ווייסל פונם אויג—דאָס דאַרפן מיר נאָך לער־נען אפילע באַ די ווילדע פון זולולאַנד.

איר זענט אמאָל געווען באַ די מיסיאָנערן אף דער בויערי? ווער ס'גלויבט אין כריסטוסן דער קריגט א שעלכן קאַווע מיט א פאַרשימלט זעמעלע, און ווער ס'גלויבט נישט אין דעם „הייליקן

סטאָליער פון נאַצאַרעס וואָס האָט געגעבן זיין בלוט פאַר אַלע מענטשנקינדער״—דעם ווארפט מען ארויס.

אין רוים, אפן סקוועַר „קאַמפּאָ דאַ פיאַרי״, האָב איך אמאָל געזען: סי שטייט אַ מאַן מיט אַ גרויסן טאָפּ ספּאַגעטי, און ער פאַרקויפט אַ „וויקל ספּאַגעטי״ פאַר אַ קליינע מאַטעבייע. דער „וויקל״ גייט אזוי: מ׳גיט דיר אַ הילצערנעם גאָפּל און וויפיל ספּאַגעטי דו קענסט אַרויפוויקלען אַף איינמאָל איז דיינס.

זענען פאַראַן „קינסטלער ספּאַגעטי־וויקלער״ (זיי קערן, האָב איך געהערט, צום איטאַליענישן „י. ל. פּרץ פאַראיין פון ספּאַגעטי־קינסטלער״), וואָס קענען אויפוויקלען אַף איין גאָפּל קימאַט אַ גאַנצן טאָפּ ספּאַגעטי. בעים זיי וויקלען די לאָקשן שטייט דער „פּראָסטער אוילעם״ פאַרגאַפט, מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס און ער טראַכט: „אָט וואָס קינסטלער זענען... מיר, אַמכאַ, וועלן אויסלעבן אַלע יאָרן און נישט קענען אזוי וויקלען קיין לאָקשן״.

וואָס דאַרפט איר מער, מוישע נאַדיר? נעמט, איך בעט אייך, אונזער פעטער סעמס פּתשגן־אַקסאָוו וועגן סובמאַרינעס. ווי זאָגט איר: יעדער באַל־דאַרשן דאַרשנט פאַר זיך.

אוואדע אז מיר האָבן אזא פיינע פלאָטע מיט געפּאַנצערטע במאַרע־קראַצערס איז לאַבּלוטין נישט פיין פון אונזערע אָרעמע שביינים וואָס זיי ווילן זיך גאָר באַנוצן מיט סובמאַרינעס. מער פעלט אונז נישט נאָר... פּרעמדע סובמאַרינעס, וואָס זאָלן אַרומשווימען איבער די יאַמים און אונז קאַליע מאַכן די שפּאָגל־נייע, פּריש־אויסגעפּוצטע מילכאָמע־פלאָט.

אייגנטלעך האָב איך, דער גענִיאַלער אידיאָט, אַ ספּאָסיב קעגן די סובמאַרינס, דעהאַינע: סוב־סובמאַרינס: אַזוינע פּיצלעך שיפלעך, וואָס זאָלן גיין אונטער די קליינע שיפלעך, וואָס וועלן גיין אונטער די גרויסע שיפן.

נאָר דאָס איז שוין, ווי זאָגט איר, אַ זאַך פאַר לייזערעליען. קיין געשעפטן קען מען דאַפון נישט מאַכן.

26

דער גענִיאַלער אידיאָט איז היינט געקומען פריער ווי טאָמיד. ער האָט געשמעקט פון פּאָמאַדע, קעלניש וואַסער און כאַזערמיט־צימעס.

פאַמעלעכן אראָפּגעצויגןביידע האַנטשיך, ־זיי אַוועקגעלייגט צו זיך אין דער אויבערשטער קעשענע פון זיין רעקל. זיי האָבן ארויס־געשטעקט ווי שפּיץ פינגער פון האַנט וואָס טרענקען־זיך און שרייען גוואַלד.

—פרי געקומען — האָט ער געזאָגט — ס'האָט זיך עפּעס נישט געשלאָפן.

— פאַרוואָס?

— די אַלטע מאַיסע: ווײַן, ווײַב און פאָנאָגראַף. באַ אייך אין אַמעריקע זענען אַלע דריי זאַכן טייער און... שלעכט.

נישקאָשע, איר קענט אַריינגיין זיך באָדן, מוישע נאַדיר, איכל אייך אַריינזאָגן דורך דער טיר. ס'מאַכט נישט. אַבי שפּאָרן צייט. איר ווייסט איך האָב די לעצטע יאָרן אָפּגעשפּאָרט אַ שיין ביסל צייט. נאָר ס'אומגליק איז וואָס איך ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט דער אָפּ־געשפּאָרטער צייט. האַלטן עס באַ זיך, איז נישט מעגלעך. סיידן גרינדן אַ באַנק וואו מ'זאָל קענען אַוועקלייגן אָפּגעשפּאָרטע צייט, און קריגן פּראָצענטער. די באַנק, ווידער, וועט אויסלייען צייט צו מענטשן וואָס האָבן קיין צייט נישט, צו די „מידע ביזנעסלייט", וואָס זענען נעבעך שטענדיג פאַרנומען, אין די קאַבאַרעטן.

איך הער פון דרויסן, נאַדיר, אַז איר זענט שוין אין דער וואַנע. באָדט זיך, באָדט זיך, געזונטערהייט! כאָטש איך אַליין האַלט נישט פון באָדן זיך. באַשפּריצן זיך מיט קעלניש־וואַסער—יאָ, אָבער שווענ־קען זיך? שווענקען וועמען? אַ פעסל מיסט?

שטעלט זיך פאָר אַ מיסט־פירער פירט אַ פעסל מיסט, וואָס פון דרויסן איז עס גאַנץ שיין. נו, וועט ער עס נעמען צום טייך באָדן?

אולטרא קאַפּטום! דער סייכל קען נישט דאָס באַגרייפן.

דאַפאַר געפעלט מיר מוסאָליני.

די קאָמוניסטן, אַ שטייגער, האָבן אויסגעטראַכט פאַר זייער פאָן אַ ליכטיקע פאַרב, וואָס קען כאַפּן פלעקן, מוז מען זי קעסיידער היטן זי זאָל בלייבן ריין.

דאָס איז אָן אַרבעט פאַר קאָמוניסטלעך.

אָבער מוסאָליני וואָס האָט געטאָן? אַז ער האָט געזען, אַז זיינע לייט האָבן ברודיקע הערצער, האָט ער נישט געזאָגט: „געגאַסן, גייט אַהיים און וואַשט אויס דאָס קויטיקע גרעט". ניין, ער האָט זיי געהייסן איינטונקען די העמדער אין בלאָטע, זיי שוואַרץ מאַכן, קעדיי מ'זאָל די אומריינקייט נישט זען.

יאָ, וועגן מיין ביאָגראַפיע. דאָס איז אַ סאַך צו דערציילן. און איר זיצט דאָך אין וואַנע, מוישע נאַדיר. אַגאַוו איז דאָס טאַקע אַ

גליק, וואָס מי קען זיך אַזוי אָפּרעכענען מיטן לעזער. ציִשן אונז גערעדט, איז דאָ אַ סאַך מענטשן וואָס לייענען די פיינסטע ביכער דאַווקע אין בעט, אָדער אין וואַנע־צימער. אָדער נאָך אַף אַן ערגער אָרט. דאַפאַר איז פאַראַן שרייבער וואָס טראַכטן אויס זייערע לירישע געזאַנגען דאַווקע... נו, דאַווקע וואו מ׳טאָר נישט אויסזאָגן.

שטעלט נישט קיין פינטעלעך באַ דער אויבערשטער שורע, משה נאַדיר, ווייל איר קענט זיך נאָך, כאָלילע, אומגליקלעך מאַכן.

איך וועל אייך נאָר דערציילן אַ קליין מאַיסעלע וועגן זיך אַליין. דאָס איז געווען איידער איך האָב מיך נאָך געהאַט אַרויפגעאַרבעט. בין איך אַרומגעגאַנגען אין בערלין און געהונגערט. שלעכט, סטאַטש שלעכט! נאָך אַ מין שלעכט, ב י ט ע ר.

און נישט נאָר איך אַליין שטאַרב פון הונגער, נאָר איך האָב נאָך צו די צאָרעס אַ הונט אויך. אַ שיינעם, הויכן, קלוגן הונט, וואָס איז מיר געטריי אויס דער נאַטור, און אַז איך טו אַ וואָרף מיין היטל אָדער מיין שטעקן, לויפט ער מיט סאַקאָנעס נעפּאָשעס און כאַפּט אים און ברענגט אים צוטראָגן. סי מעג אפילע זיין פון אונטער די רעדער פון אַ לאָקאָמאָטיוו. און קלוג איז ער ווי דער טאָג. אַז איך דריי צענויף אַ שטיקל פּאַפּיר און גיב עס אַ וואָרף אַוועק, ווייסט ער שוין, אַז דאָס איז אַ בריוול צו מיין געליבטער, און ער טראָגט עס אַוועק אַהין, וואו מ׳בידאַרף.

גיין איך אַוועק אין בעסטן רעסטאָראַן אין בערלין, באַשטעל אַ מאָלצייט פאַר מיר מיטן הונט.—ער הייסט זשאַק.—און איך עס אַזוי און טראַכט, ווי אַזוי וועל איך מיך דאָ אַרויסדרייען? אַז איך בין פאַרטיק מיטן מאָלצייט, באַשטעל איך עטלעכע גוטע ציגאַרן, פאַררויכער איינעם פון זיי און... וואָס טו איך אַ שטייגער? איך טו אַ קלייניקייט: איך נעם און שפּיל מיך אַזוי מיט מיין הונט, ווי די טעווע איז פון אַריסטאָקראַטן. דערנאָך נעם איך פּלוצים און וואַרף אַרויס מיין היטל. לויפט דאָך זשאַק אַרויס כאַפּן ס׳היטל. נעם איך און דריי פלינק צענויף אַ שטיקל פּאַפּיר, און וואַרף עס אויך אַרויס, קומט ער שוין נישט. מיין הונט איז דאָך, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַזוי געלערנט, אַז איך טו אַ וואָרף אַ שטיקל צענויפגעוויקלט פּאַפּיר, דאַרף ער עס אָפּטראָגן צו מיין געליבטער.

דער סאָף איז געווען, אַז איך האָב אַ שמייכל געטאָן צום קעלנער, בין אַרויס זוכן דעם הונט און דאָס היטל... כ׳האָב פאַרגעסן קריקצוקומען.

שפּעטער האָב איך אויסגעפונען נאָך אַ בעסער פּאָרטל: איך פלעג אַוועקגיין אין די אָרימע גאַסן פון בערלין, אָדער וויען, אָדער

לאָנדאָן, אויסזוכן א שיין אינגעלע פון א יאָר זעקס־זיבן. געווינט־לעך האָט דאָס קינד געדאַרפט זיין ליטיש אָנגעטאָן, און איך פלעג אים זאָגן: „אינגעלע, ווילסטו מיט מיר גיין עסן א גוטן מיטאָג?" —„פאַרוואָס נישט?"—„גוט, קום". מיר גייען אריין אין בעסטן רעסטאָראַן אין שטאָט, איך באַשטעל עסן פאַר מיר מיטן קינד—דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. וואָס וועל איך זשאַלעווען? ווייַן—איז ווייַן, ציגאַרן, איז ציגאַרן, קאָניאַקס, ליקערן, געבראָטנס, מאַרצעפּאַ־נעס, שאַמפּאַניער.

די קעלנערס טומלען זיך אַרום אונז—אַ קלייניקייט, אַזאַ פּאַריץ מיט אַ קינד.

דער סאָף איז געווינטלעך, אַז איך גיי צו צום קעלנער און זאָג: „זייט אַזוי גוט און גיט אַכטונג אַפן קינד, איכל באַלד זיין קריק". און—ער זעט מיך שוין, ווי ער זעט די אויערן.

איך האָב אַן אידייע וועגן אַן אויטאָמאַט, וואָס זאָל ציילן די טרערן באַם קויסלמאַראָווי. מיין פּלאַן איז צענויפצושטעלן אַ גרויסע אַקציען־געזעלשאַפט מיטן נאָמען „עילי־עילי־טרערן־געזעל־שאַפט, לימיטעד". דאָס גאַנצע געשעפט וועט קאָנטראָלירט ווערן פון אויטאָמאַטישע מאַשינען. וויפיל אידישע טרערן, לעמאָשל, גייען היינט פאַרלוירן אין יערושעלאַים אומזיסט און אומנישט? אָבער לויט מיין געניאַלן איינפאַל, וועט יעדער טרער פאַלן אין אַ מאַשין אריין, און אָפּקלינגען. יעדער קלינג וועט קאָסטן אַ ניקל. זעקס פאַר אַ „קוואָדער". דאָס וועט אַוועקשטעלן די טרערן־אינדוסטריע אין פּאַלעסטינע אַף דעמזעלבן פּלאַן ווי טאַבאַק, אָדער אוניווערזיטעטן, אָדער לימענעס.

פּויערים? וואָס רעדט איר! באַ אונז אין ערעצישראעל איז נישטאָ קיין פּויערים. נאָר אַ ק ע ר ב ו י ע ר.

אידישע פּויערים איז בלויז באַ אייך דאָרטן אין... איך ווייס שוין נישט ווי צו רופן עס. עס איז שוין אפילו נישט רוסלאַנד אויך.

וואָס ס'איז דער בילעק פון „פּויער" ביז „אַקער־בויער"? אַ ג ר ו י ס ע ר בילעק, מוישע נאַדיר. נישט קיין קלענערער בילעק ווי צישן „באַן" און אַן „אייזנבאַן". אַן „אייזנבאַן" איז אַ זאַך, וואָס גייט פּאַוואָליע, באַלעבאַטיש און ס'האָט צייט און דער איקער איז באַ איר נישט אַזוי דאָס גיין וואָס סי גייט, ווי דער שיינער קוי־מען, און דער שטאָלצער פייף, און דאָס טראַסקענדיקע גלעקל. אַ „באַן", ווידער, איז אַ זאַך, וואָס לויפט, פליט, האָט קיין צייט נישט, יאָ פייפן, נישט פייפן—אַבי סי גייט ווי אַ מיזמער און סי קומט אָן אַהין, וואו מ'באַדאַרף.

אַן „אַקערבױער״ איז אַן אידעאַליסט, װאָס אַרבעט אַפּ עטלעכע יאָר באַ... אידעאַליזם, דערנאָך פֿאָרט ער קריק קײן לעמבערג, אָדער קײן װאַרשע, אָדער קײן סטרעליסק, און ענטװעדער ער טוט מיט זיך אַ גוטן שידעך, אָדער ער פֿאָרט אַװעק קײן אַמעריקע.

נישט אַזױ אָבער איז די מאַיסע מיט אַ אידישן פּויער. די נויט טרײבט אים אַרויס פֿון זײַן שטעטל װאָס איז צעפֿאַלן. די נויט האַלט אים באַ דער האַנט. די נויט שטופּט אים אונטער ס׳אַקעראײַזן. די נויט צװינגט אים צו בלײַבן באַ לאַנדװערטשאַפֿטן צו מאַכן אַ דערפֿאָלג פֿון זײַן אַרבעט.

די נויט פֿאַרשטײט קײן כאָכמעס נישט. װילסטו אירע פֿאָטער װערן, מוזטו איר דערלאַנגען איבערן קאָפּ מיט אַ האַמער, מיט אַ סערפּ, מיט אַן אַקעראײַזן.

איך פֿערזענלעך האָב פֿײַנט די נויט װי כאַזער. אַז איך דערזע זי פֿונװײַטנס, װאַרף איך איר אַ קוש, און—מײַד זי אויס.

איך האָב ליב שײנקײט, פּאָעזיע, די „ליטעראַרישע פּריטיקעס״ זענען פּאָשעט אַ דערקװיקעניש פֿאַר מײַן נעשאָמע.

די צאָרע מיט די קאָמוניסטן איז װאָס זײ זענען פּראָזאַאיקער, צולאַכעסניקעס.

אַזאַ מענטשן װי טראָצקי, נעמט מען און מ׳פֿאַרשיקט אים אַזש קײן טורקעסטאַן, קעדײ װאָס? — קעדײ ער זאָל כאַלילע אומקומען פֿון אַן ערד־ציטערניש?

פֿאַרגעסט נישט, אַז ערשט מיט 28 יאָר קריק איז אין „װיערני״ געװען אַן ערד־ציטערניש און זעקס מענטשן זענען דאָרט, נישט פֿאַר איײַך געדאַכט, דערהאַרגעט געװאָרן.

עמעס איז, כאַים װײַצמאַן איז אויך נישט זיכער מיטן לעבן, װאָרין אין ערעציסראָעל איז אויך געװען אַן ערד־ציטערניש. און דאַװקע גאָר נישט לאַנג קריק. נאָר װאָדען? װײַצמאַן איז פֿאָרט װײַצמאַן, לאָז כאַלילע קומען צו אַן ערד־ציטערניש אין ערעציסראָעל, האָט װײַצמאַן, ערשטנס, אַף זײַן זײַט מוסאָלינין, װאָס װעט נישט דערלאָזן, אַז זײַן פֿרײַנט כאַים װײַצמאַן זאָל ציטערן. און צװײטענס, איז כאַים אַלײן אויך נישט קײן שיפֿעזיבעלע, און ער קען אויסזידלען אַ פֿײַערשפּײַענדיקן באַרג װי דעם ערגסטן. דאַצו איז נאָך דאָ ביאַליק אויך.

אָבער טראָצקי! אַז ער װעט דערהערן, אַז די ערד ציטערט,

וועט ער אפילע נישט פּרווון זיך ראַטעווען. צו וואָס? אַז סאַי־ווי־סאַי איז אין דעם שולדיג סטאַלינס גרופּע.

און דאָ ענדקיט טאַקע אָפּ, מוישע נאַדיר. ווי מיין שוואָגער פּיצ־צעלי זאָגט: אין רעדן איז וואָס קירצער אַלץ בעסער. אין שווייגן איז אויך אזוי.

27

ער האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן מיין שרייבטיש, אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס, עס אַ קלאַפּ געטאָן מיט דעם ציגאַרעטל אַף דער לינקער זייט פון זיין דלאָן און געזאָגט:

— שרייבט!

— וואָס זאָל איך שרייבן?

— שרייבט וועגן דעם, ווי אזוי איך האָב פאַראַכטאָגן געשיקט אַ בריוו אָן מאַרקעס, אָדער ווי מ׳רופט עס בא אייך „סטעמפּס". איר האָט אפילו נישט באַמערקט, האַ? דאָס באַווייזט, מיין ליבער נאַ־דיר, אַז איר זענט נישט פון די גרויסע „באַאָבאַכטערס". אַ שרייבער דאַרף צומאַלימערשטן באַאָבאַכטן. דאָס איז דער איקער. נעמט, לעמאָשל, מיך אַליין, קיין גרויסער שרייבער בין איך נישט, אָבער אַזוי ווי איך בין אַ געניאַלער אידיאָט, האַלט איך מיך שוין פאַר אַ קינסטלער אויך, און וויבאַלד אַ קינסטלער, קען מיך שוין די וועלט נישט מעסטן מיט אירע מאָסן פון גוטס און שלעכטס.

אַנומעלטן, לעמאָשל, פאָר איך אזוי אין אַ טראַמוואַי, הער איך ווי די קאַר גיט זיך אַ שאָקל, גיט אַ טרעשטשע און ס׳הערט זיך אַ געוואָי. אַ מענטשן איבערגעפאָרן. ער ליגט אונטער די רעדער. אַ טייל לויפן ראַטעווען, אַנדערע שרייען גוואַלד. פרויען קריגן היס־טעריקע. איך שטיי מיט אַ נאָטיצביכעלע און פאַרשרייב ווי אַ מענטש שרייט, אַז ער ליגט אונטער די רעדער פון אַ טראַמוואַי, וואָס פאַר אַ מינע ער מאַכט.

אזוי טו איך, אזוי טוט טאָלסטאָי, אזוי טוט טעאָדאָר דרייזער, אזוי טוען אַלע גרויסע קינסטלער.

אָבער לאָמיר גיין קריק צו מיין בריוו אָן מאַרקעס. דאָס איז מיין אייגענער ספּאָסיב. אויב איר האָט באַמערקט, איז מיין בריוו צו אייך געווען אַדרעסירט צו מיר אַליין. אייער אַדרעס איז געווען אַף דער לינקער זייט, אַלס דער „שיקער", אָדער ווי דער דייטש רופט עס: אַבזענדער, עקספּעדיטער. וואָס פּאַסירט אין פאַל, אַז מ׳שיקט אַ בריוו אָן „סטעמפּס", ווייסט איר? מ׳שיקט אים קריק פונוואַנעט ער

איז געקומען. נאָר אַזוי ווי אייער אַדרעס איז געווען אויף דער לינקער זייט פונם קאָנווערט, הייסט דאָך דאָס, אַז איר זענט דער שיקער. אויף אַזאַ אופן האָט די פּאָסט געטראָגן מיין בריוו צו אייך אומזיסט און אומנישט.

אָט האָב איך ערשט געלייענט אין דער וואָכנשריפט „קאַליערס וויקלי", אַז אין אַלאַבאַמאַ האָט אַ גאַלעך אָנגעפירט מיט דער אַר־בעט פון די „קו־קלוקס". ער האָט אַליין געשמיסן אַ פרוי, וואָס האָט זיך געגעט מיט איר מאַן, און איז אַוועק לעבן מיט אַן אַנדערע מאַן— אויך אַ געגעטן. געשמיסן זי—ביז בלוט. די קליינע, צעשראָקע־נע קינדער האָבן געוויינט. זי אַליין האָט געכאַלעשט, אָבער דער גאַ־לעך האָט עס געטאָן אין נאָמען פון סטאַלערל פון נעצאַרעס. אַז מי איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער „ארבעט" (נאָכדעם ווי מ'האָט אים פאַר־שמיסן שיר־נישט־טויט און אים אַרויסגעטריבן פון שטוב) האָט דער גאַלעך אַליין צענויפגעמאַכט אַ נעדאָווע באַ די קו־קלוקסער—אַ נע־דאָווע פון אַדאָלאַר מיט 85 סענט פאַר דער געשמיסענער פרוי.

שלעכטקייט צוליב גוטסקייט—דאָס איז גאָרנישט קיין נייע אי־דייע. נעמט, לעמאָשל, די צאַרישע פּאָגראָמשטשיקעס. מיינט איר זיי האָבן געקוילעט אידן צוליב שלעכטסקייט? כאָלילע, פאַרקערט! זיי האָבן עס געטאָן פאַר לויטער גוטסקייט. אין קלויסטער האָט דער גאַלעך דערציילט דעם אוילעם, אַז די אידן האָבן געהאַרגעט דעם יונגן, שיינעם בלאָנדן גאָט קריסטוס. נו, וואָלטן זיי געווען שלעכטע פאַרדאָרבענע מענטשן, וואָלט זיי נישט געאַרט. אָבער בעטעווע גו־טע, ערלעכע מענטשן, האָט זיי שטאַרק פאַרדראָסן אויף די מערדערס, די זשידעס, און מ'איז אַרוים און—געקוילעט אידן.

ס'איז בלויז אַ פראַגע פון טעמפּעראַמענט.

אָט נעמט די אידישע שפּראַך און פאַרגלייכט זי מיט איר מאַמע־לאָשן דייטש, וועט איר זען, אַז דער כילעק צווישןביידע שפּראַכן איז בלויז... אַ טעמפּעראַמענטאַלער. דער רואיקער, קאַלטער פאַמעלעכער דייטש זאָגט „שעיהן" (מיט אַן „אומלויט") אָדער „קעניך" אָדער „דאַס איזט יאַה אונמעיגליהך". אַ איד האָט קיין צייט נישט, מאַכט ער: „שיין", „קעניג", „שמעגליך"—שנעל, ווי זיין זשעסטיקולאַציע, איז אויך זיין שפּראַך. דאַפאַר מאַכט ער פון דעם צוויי־זילביקן וואָרט, „צווי־שען"—צישן, פון „צוריק"—קריק, פון „צום־עסן"— צימעס.

אַוואַדע איז דאָס נישט קיין גרויסע אַנטפּלעקעניש. אָבער צו אַנטפּלעקן קליינע זאַכן, פאָדערט אַמאָל מער דערפינדערישקייט ווי צו גרויסע אויפטועך, ווי מיין שוואָגער פּיצצעלי זאָגט טאַקע: „ס'איז

א מער העלדישקייט צו זיין א ק ל י י ן העלדעלע ווי צו זיין א גרוי־סער העלד".

אף אריינצושפּרינגען אין וואסער און ראטעווען א מענטשן, דער־רויף וועלן זיך געפינען א סאך באלאנים. אף צו געבן א קוואטירל בלוט פאר א קראנקן, וועלן אויך זיין גענוג העלדן. אבער ווער וועט פירן אן אלטן, בלינדן זיידן אלע טאג הינטערן באד צו טאן זיין באַ־דערפעניש?

טיילן זיך אמאל אין יובל מיט איינעם ס'לעצטע שטיקל ברויט, גו, דאס קאן עפשער דר. קאראלניק אויך. אבער צו געבן אלע טאג דעם ארבעטער זיין אייגן שטיקל ברויט, דאס איז שוין עפּעס אנדערש.

און אז איך רעד שוין וועגן דר. קאראלניקן וואלט איך געוואלט פארשלאגן, אז מי זאל בייטן זיין נאמען אף „קאראאולניק" — א מענטש וואס שרייט שטענדיק „קאראאול", און ווארנט לעמאנעשעם מ'זאל... סטאפּן. ס'מאכט נישט אויס, וואס איר זאלט נישט טאן — אויב איר זענט נאר כאלילע נישט קיין „וויסער" טויגט איר נישט. פארוואס? ווייל ער איז א פיינשמעקער. א מענטש מיט לויטער איידעלע נאז, און פליז דערלאנגט אים די וויינגערטענער, און די רויזנבעזימלעך, און די ליליענוויעכיטשעס, און ווייזט אים קיין וואונדן נישט, ער האט דאס פיינט. וואונדן אלס א טעמע? יא, מיט א גריכיש קעפל פון אויבן, און לאטייניש פּסוקים פון אונטן. אבער וואונדן צו שמעקן, צו זען? פע.

זאגט וואס איר ווילט, מוישע נאדיר, סי לוינט זיך בעסער צו זיין שלעכט, ווי גוט. אט זייט זיך מאטריעך און גייט פארביי וועלכן ס'איז בעיסאוילעם און גיט א לייען די מאציוועס, וועט איר זען, אז קיין שלעכטע מענטשן שטארבן קיינמאל נישט. ווער שטארבט? א צאדיק. א געטרייער פאטער. א פרומע מוטער. פּראצענטניקעס, פאלשע פאטערס, אויסגעלאסענע מאמעס שטארבן קיינמאל נישט.

וואס נאך? יא. איר ווייסט, מ'זאגט אמעריקע האט נישט קיין אריסטאקראטיע, אידישע דיכטער האלטן אין איין באדויערן וואס מיר האבן דא נישט קיין איידעלע טראדיציע. דאס איז נישט עמעס. אט האב איך א פעטער אין דזשארדזשיא איז ער אן עמעסער „וויסער אריסטאקראט". כאטש א איד און נישט זייער קיין רייכער—פונדעסט־וועגן דארפט איר שוין זען וואס פאר א נאבלמאן ער איז. איכ'ל אייך דערציילן א פאקט פון מיין פעטער: אז ער דארף זיך ווינטער־צייט זעצן אפן ברעטל (ער האט נישט קיין אפּטריט אין שטוב) שיקט ער צומערשטן ארויס זיין באדינער דעם נעגער, ער זאל זיך אוועק־זעצן און אנווארימען ס'ברעטל.

אָט דאָס רופֿ איך אָן אן עמעסער „זשענטלמאַן פון דער סאוט".

ער רעדט שטיל, טוט שטיל—מאַכט נישט קיין טומל אז ער זופּט די יויך. די איינציקע צייט ווען ער מאַכט א שטיקל טומל איז ווען ער שלאָגט דעם נעגער און... יענער שרייט. איז אויך מיין פּע־טער נישט שולדיק אין דעם. ער האָט שוין א סאַך מאָל געפּריפּט באַ־וויזן זיינע ארבעטער, אז ס'איז וואולגאר צו שרייען, אָבער סי העלפּט נישט.

אונזער פּרעזידענט קולידזש, זעט איר, איז שוין גאָר אַן אַנדער מין מענטש. ער האָט ליב שטילקייט: שאַ, שטיל, נישט געטומלט. אפילע אַ מילכאָמעלע מיט ניקאַראַגואַ מאַכט ער אויך—שטילערהייט. ער בעט אפילע קיינעם נישט מ'זאָל אים העלפּן.

28

...איך האָב מיר מיין אייגענע מיינונג וועגן דעם וואָס ס'איז אזוינס צייט־פּראַגן. אָט, לעמאָשל, ווען איך זאָל זיין איר, וואָלט איך פּאַר־געשלאָגן אייער רעדאַקטאָר ער זאָל זיך נישט טיילן מיט די נייעס מיט אַנדערע צייטונגען. מ'האָט זיי אין דר'ערד מיט זייערע סענסאַ־ציעס. איר דאַרפט זיך נישט טיילן מיט די פּלישטים, אפילע מיט זייערע טאָג־נייעס. אפילע אין די וועטער־אָנזאָגן דאַרפט איר אויך נישט גיין אין זייערע טריט. אז זיי שרייבן „מאָרגן מיעס און בלאָ־טיק", דאַרפט איר שרייבן: „מאָרגן וועט שיינען די זון און ס'עט זיין וואַרעם".

דאָס אייגענע מיט נייעס: מיילע, אז דער לייענער וויל מאָרד־נייעס איז דאָך נישט שאַיעך. קען מען זיך נישט העלפּן. נאָר וואָדען? איר קענט איינפירן אייגענע מאָרד־נייעס, איר זאָלט זיין דער איינציקער אַפן פעלד.

מיט וואָס איז „רוט סניידער" מער מיובעס ווי „לאַנרא טרונ־דאָן"? אהאַ, איר ווייסט נישט ווער „לאַנרא טרונדאָן" איז? גוט, טראַכטן מיר אוים א גוואַלדיגע מאָרד־סענסאַציע וואָס איז אי נייעס, אי ליטעראַטור. איר גיט בילדער, רעפּאָרטן, איר ציט אָן דעם לעזער יעדן טאָג מיט א שטיק נייעס וועגן אן אויסגעטראַכטן מאָרד. וואָס געווינט איר דאַבײ? איר געווינט א סענסאַציע פאַר זיך אַליין. קיין בלאַט קאַן מיט אייך נישט קאָנקורירן און איר עפּנט א נייעם מארק פאַר בעלעטריסטן.

סאַפּקאָלסאָף קען דאָך דער לעזער די מיסעס רוט שניידער נישט מער ווי ער קען „לאַנדאַ טרונדאָן". וואָס מאַכט עס אים אוים? וואָס איז דער כילעק? אבי בלוט, אבי מאָרד, אבי ס'זאָל זיין פריילעך.

לאָמיך אייך דערציילן, ווי אַזוי איך האָב דאָ אַנומעלטן געמאַכט אַ גרודע מיט גאָלד דורך מיינעם אַ געניאַלן איינפאַל. איר מעג דאָס הערן. איך האָב אָפּגעדונגען דעם גרעסטן זאַל אין שטאָט און האָב אַנאָנסירט דעם גרעסטן זינגער וואָס אַמעריקע פאַרמאָגט און האָב אָנגעגעבן דעם נאָמען פונם זינגער. יענער איז נאָך מער בארימט ווי קארוזאָ. פּרייז פון אַ בילעט בלויז 25 סענט.

אַז ס'איז געקומען די נאַכט פון דער פאָרשטעלונג, האָט זיך געטוען כווישעך. די גאַס איז געווען שוואַרץ מיט מענטשן.

בּאַ דער קאַסע האָט מען טאַקע פאַרקויפט הונדערט בילעטן צו 25 סענט אַ שטיק. דערנאָך האָט זיך צוגעמאַכט ס'פענצטערל: ניש־טאָ מער! אויספאַרקויפט!

דערווייל האָב איך שוין געהאַט אָנגעגרייט מיינע שפּעקולאַנטן, וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צישן אוילעם פאַרקויפן שטילערהייט בילעטן, און מי האָט געשונדן אַ הויט, אַזוי ווי ס'קער צו זיין. פינף דאָלאַר אַ שטיק—פּאַר אַ 25־סענטיקן בילעט.

אַז דער אוילעם איז שוין געווען אינעווייניק, און ס'גאַנצע טעאַ־טער איז געווען „באַזעצט" ביז איבערן קאָפּ, בין איך אַרויפגעקומען אויף דער בינע און דערקלערט, אַז דער געוויסער זינגער, וואָס איז נאָך מער בארימט ווי קארוזאָ, איז פּלוצים קראַנק געוואָרן און קען נישט אויפטרעטן... איך בעט דארום מי זאָל זיך ווענדן צו דער קאַסע און אָפּנעמען די 25 סענט וואָס מ'האָט גע־צאָלט פאַר די בילעטן.

נו, פאַרדין איך שוין דעם נאָמען געניאַלער אידיאָט?

29

אָנהויבן הויבט יעדער מענטש אָן קליין. נאָר בלייבן קליין טאָר מען נישט.

היינט, פאַרשטייט זיך, נעם איך הויך. וואָס איז בּאַ מיר אַ מאָלצייט? איך וואַרף אַרויס מער שפּייז אַ טאָג, ווי 10 מענטשן קענען אויפעסן. אַ גרויס לאַנד טוט אויך דאָס אייגענע. די טוואָרע און פּרוכט וואָס אַמעריקע וואַרפט אַריין אין יאַם אַריין, וואָלט גע־ווען גענוג צו שפּייזן מי־יודייע וויפיל מענטשן.

אַ קלאָל זאָלט איר האָבן. אַז דעם גוויר דערקענט מען נישט אַזוי נאָכן קאַסע־קעסטל, ווי נאָכן מיסטקעסטל! גיט אַ קוק וואָס אַ נאָגיד, אָדער אַ גרויסער שרייבער וואַרפט אַרויס און איר וועט וויסן וויפיל ער פאַרמאָגט.

נאָר דאָס איז אַלץ גערעדט היינט. אין די „לאָנדאָנער טעג" אָבער,

ווען איך האָב נאָך נישט געוואוסט, אַז צו זיין אַן אוישער פּאָדערט זיך נישט קיין סייכל, נאָר, ווי רופט איר עס, נאַכאַלסטוואָ—אין יענער צייט איז באַ מיר אָפּעסן אַן אומזיסטן מאָלצייט אויך געווען אַ קערן. ליג איך אַזוי אָף מיין פּאַרזשאַווערט אייזערן בעטל און כאַפּ פליגן. פּלוצים פאַלט מיר איין אַ גענׅיאַלער געדאַנק: אָט די־אָ פליג טאַקע וועט מיך ראַטעווען. נעם איך און כאַפּ־אָן אַ קעשענע מיט פליגן און פּוץ אין אַ—רעסטאָראַן. כ'באַשטעל אַ מאָלצייט פון זיבן קורסן, אָדער געריכטן, אָדער ווי איר רופט עס בליודעס, עס מיך אָן אַזוי ווייט, און אַז סי קומט צום אייזקרעם, נעם איך מיר פּאַוואָלי אַז קיינער זאָל נישט זען, ארוים אַ טויטע פליג פון וועסטלקעשענע און...שטעק זי אריין אינם לעק אייזקרעם וואָס איז נאָך געבליבן אין זילבערנעם שעלעכן. דערנאָכדעם טראָג איך עס צום באַלעבאָס און איך גיב אים אַ וויסטן סאָף: וואָס איז'ס באַ אייך פאַר אַ פּאַס־קודנער רעסטאָראַן? איר פאַרסאַמט מענטשן, פאַראַסמט איר. איכל אייך אָנגעבן אין געריכט, איכל אייך באַשרייבן אין די גאַזעטן...

— ששש. שרייט נישט אַזוי, סיר, — בעט זיך דער באַלעבאָס— עס זיצן דאָ נאָך מענטשן.

— טאַקע וו י י ל מענטשן זיצן דאָ, זאָג איך, וויל איך אַז מ'זאָל וויסן. סי גייט מיר נישט, — זאָג איך — אין מיר אַליין. דער רואַך ווייס מיך נישט, אַז איכ'ל אויפעסן אַ פליג, אָבער — — — —

דער סאָף איז געווען, אַז מ'האָט מיר אריינגערוקט אין יאַד אריין אַ גאָלדענע מאַטבייע און מ'האָט מיך זייער העפלעך ארויסגעבאַגלייט צו דער טיר.

יענעם זומער האָב איך קימאַט דערכוים געלעבט אָף... פליגן! איך וואָלט עפשער געווען אריינגעפאַלן אין דער טעווע פון קליינשוויג־דעל, נאָר ס'איז אָנגעקומען דער ווינטער און קיין פליגן איז מער נישט געווען, און ווי זאָגט דער לאַטיינער: די נויט מאַכט דעם גאַנעוו, דיזעלבע נויט מאַכט אויך דעם געניע. איז, זעט איר דאָך, היינט שווינדל איך גרויס... היינט בין איך אַלרייט.

איך זאָלט זאָגן אַז איך האָב אייך געזאָגט, נאַדיר, אין וו אָ ס איינער זאָל נישט אריינלייגן אַ מיליאָן דאָלאַר, וועט עס ברענגען פּראָ־פיט. איך האָב מיר אַ קלאָל: אַ דאָלאַר קען אַמאָל זיין אומגערעכט, אַ הונדערטער אויך. אַ טויזנטער—עפשער, אָבער אַ מיליאָן איז שטענ־דיק גערעכט!

אַף
וואַקאַציע

אַף וואַקאַציע

ניי־ענגלאַנד, מיר וועבן דיין טויטנטוך,
מיר וועבן אַריין אַ דרייפאַכן פלוך,
מיר וועבן, מיר וועבן!

איך האָב גענומען די שיף, וואָס גייט פון ניו יאָרק קיין פאָל ריווער. אַ וואַוילע שיף, מיט פיינע קאַבינעס. ציכטיק און ליכטיק. דאָ פאָרן ווייניק פון דעם „נידעריקן קלאַס מענטשן”. ס'ראָוו טעקסטיל־סאָכרים, אויסבייטערס, איבערבייטערס. פאָרן קיין ניו יאָרק די סכוירעס אָפּזעצן.

די שיף איז אַ גוטע שיף, אַ געטרייע שיף. איר קענט זי שיקן מעאייוועך ליאָם, וועט זי גיין! צי זי וועט קריק־קומען דאָס ווייסט מען נישט, אָבער גיין וועט זי! סי וועט איר נישט פאַסן זיך אָפּצוזאָגן — לויט אירע פיינע פאָנען, אירע ראַטוניק־שיפלעך, גראָבע שטריק, ווי בלאָנדע שלענג, וואָס זענען אויסן אייך צו טוען אַ טויווע.

אַ נאַכט אַפן יאָם איז נישט שלעכט. ביפראַט, אַז ס'איז זומער און דער הימל איז פול מיט גאָלדענע קנעפּלעך, ווי אַ צאַרישער גענעראַל, און פאַר דיר גייען אַף מושטיר־פּאַראַד די ניו יאָרקער יאָם־ברעגעס, איבער דיר הענגען אַלע ברוקלינער בריקן, און אינזלען קומען דיר אַנטקעגן, אינזלען מיט אָפּגעשווירענע קעפּלעך און לאַכנדיקע פעלזנציין. פון ערגעץ ווינקט אַן אייגל פון אַ וואַך־טורעם, און דאָס אייגל זאָגט אַף וואַוויליונגערישן ענגליש: „געט מי?”.

די שיף גיט אַ פייף, נעמט זיך קאָכן, ווערט אויפגערעגט. האָט שוין קיין געדולד נישט. די יאַם־פערד העשן שוין דאָרטן ערגעץ אין דער טיפעניש, שוימען מיט די מיילער.

אַרבעטער אין בלאָע יאַקעס און הויזן פאַרפּעצט פון אייל, בינדן־אָפּ די לעצטע שטריק פונם ווערף. ציען די פאַרזשאַווערטע קייטעלעך, לאָזן אַראָפּ די געקאַרבטע בלעך־טירן פונם „דאָק”, ווישן זיך אָפּ דעם שווייס מיט בלאָע, ווייס־געפינטלטע פאַטשיילעס, ווערן אויסגעלאָשן הינטער די מעטאַלענע טירן.

מאַטראָסן אין בלאָע אַרבעט־קליידער לויפן אהער און אַהין, איבערן דעק פון שיף, פּלאָנטן זיך אונטער די פיס פון די כאַשעווע

פּאסאַזשירן. דאַמעלעך אין ווייסן טענצלען אַוועק, היטן זיך פאַר די פאַרשמירטע הענט פון דער כעוורע. דזשענטלמענער גיבן־איבער צו די נעגער־אינגלעך זייער געפּעק. זיי אַליין טראָגן בלויז די גרויסע מע־שענע שליסלען צו די קאַיוטע־טירן.

די וועלט איז נויעכס קאָסטן. נאָר דערווייל איז נאָך דער מאַבל נישטאָ, און די טייווע האָט אַלע היינט־מאָדישע באַקוועמלעכקייטן!

...אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן זענען אַלע געזעסן אין די פיינע שיף־סאַלאָנען און געזאָגט, ווי די פייגעלעך, „גראַן מערסי", „פּליז", „טהענק יו!", „סאָ קאַינד אָוו יו".

:: :: ::

איך בין אַרויסגעגאַנגען אַפן דעק, אַ קוק טאָן צי די וועלט איז וועלט. און דער יאַם האָט מיר אַ שפּיי געטאָן אין פּאָנים אַריין, ווי אַ ביטערער לעץ.

איך האָב פונדעסן אויפגעשטעלט די צווייטע באַק און מיך גע־לאָזט אויספּאַטשן פונם געזאַלצענעם ווינט, האַנאָע געהאַט פון נאַכט און טומאַן, און... פון דער שטילער נאַכט־און־יאַם־שרעק, וואָס האָט געהאַווקעט אין די אויגן פון קלוימערשט רואיקע מענטשן.

איך בין אַריינגעגאַנגען אינם שרייבזאַל, אַרויסגענומען פון אַן אַפן שופלאָדל אַביסל „רייזע־ליטעראַטור". דאָרט איז געשטאַנען גע־שריבן וועגן דעם, אַז פאַרוואָס פאָר איך נישט קיין קאַליפאָרניע? קיין מעין? קיין ראָאוד־איילאַנד? אין די קאַנאַדישע וועלדער? צו די ברעגן פון ניופאָרט? אַפן אינזל בערמודאַ? וואָס זיץ איך דאָ אין שטוב, — פרעגט דאָס ביכל, — פאַרוואָס פאָר איך נישט ערגעץ שפּילן גאָלף? לאָן־טענים?

דאָס ביכעלע ברענגט אילוסטראַציעס, ווייזט באַשיינפּערלעך ווי שיין און ווי גוט און ווי רייך ניי־ענגלאַנד איז פאַר רייכע טוריסטן. דאָס ביכעלע ראָט דורכוים צו פאָרן אין אַן ערטל וואָס הייסט „מאַר־טאַס ווייַנגאָרטן". דאָס ביכעלע איז זייער איידל, אַזוי איידל ווי די ניי־ענגלענדישע לייט דאָ אַפן שיף, וואָס גיבן זיך אָפּ קאָוועד איינס ס'אַנדערע, ביז דער לעצטער מינוט, ווען ס'שפּאַרט זיי צום ברעכן, און אויך דעמאָלט ברעכן זיי אין די טאַשנטיכלעך אַריין.

:: :: ::

דער שפּייז־זאַל וואו מי עסט איז אויבן, אַפן לעצטן דעק.

דאָ קלינגט אין די גלעזער דאָס צעקלאַפּטע, פינקלדיקע אייז. שוואַרצע קעלנערס שוויצן און נייגן זיך, טראָגן וואַרימע, געשמאַקע עסנס אַף שיינע קרעדענצן, צוגעדעקט מיט אַזוינע זילבערנע יאַרמול־

קעס. — אף דער שאָקלדיקער, נאסער וועלט איז לאנגער, פוריטאני־שער פורים. די נעגערס טראָגן שאַלכעמאָנעס, ווייזן קונצן. גאנצע הינער פליען ארויס פון הינטער שווארצע ארבלען!

אז איך קום ארויף אף די טרעפ וואָס פירן צום עס־טעמפל, זאָגט מיר דער נעגער: „נעמט זיך לינקס, פליז, רעכטס איז פאר דאמען".

איך רויטל מיך. ווי האָב איך דאָס גאָר פארגעסן, אז דאמען זענען אף רעכטס? וואו זענען מיינע גוטע מאניערן וואָס מיין על־טערע שוועגערין האָט אף זיי געלייגט אזויפיל האָפענונג, בעיס איך האָב (שטילערהייט, ווען אלע האָבן געמיינט, אז איך „גיי אין די קלאַ־סען") געטראָגן א לייטערל, געפוצט פענצטער, צוביסלעכווייז אראָפ־געפאלן?

דער אויבער־קעלנער אין פראק און הארטע וועש, ווי געשניצט פון צוקער, נעמט מיך איבער, גייט פאָראויס, ווייזט מיר א פלאַץ, פארנייגט זיך, זאָגט „טהענק יו, סירדר!" און ער דערכאפט קוים ס'גלאָז וואסער וואָס רוקט זיך אוועק פון מיר.

לעבן מיין טיש זיצט נאָך אן עסער. ער עסט א געבראָטענעם ראַק, קנאַקט די ביינדלעך מיט א זילבערן קנאַקניסל, טונקט די שטיק־לעך פלייש אין טאַרטאַר־סאָס. דאָס הויכע וואסער־גלאָז בא זיין זייט איז פול מיט צעקלאַפּט אייז, גיסט ער אריין קאווע, ווערט די קאווע גרין־ברוין, קילט דיר די אויגן, נאָך איידער דו נעמסט עס צו די ליפּן.

ער קנאַקט די פיסלעך פונם ראַק. דליבעט ארויס ס'פלייש, און ווען די שיף ווערט אומרואיק, ווארפט ער צו מיר פון יענער זייט טיש א פראַגע:

— סי שאָקלט, הא?

— יאָ. — בין איך מאַסקים. — סי שאָקלט.

ווערן מיר באַקאַנט. ער עסט ניופאָרטער לאבסטער, איך עס געמיינעם הערדאָק־פיש. אונזערע „וועלט־אנשויאונגען" זענען דער־פאר פארשידן.

דער לאבסטער־עסער דאבערט בלאָשן באָסטאָן—מיט לאנגע פאסעכן, דאָרטן וואו מיר ניו יאָרקער שטעלן אוועק א קאָמעץ. טוט זיך אָן א קויעך נישט צו נוצן די הענט. איך קריג פון אים ארויס, אז ער איז א ה י ב רו. „און איר וואָס זענט?".

— איך בין נישט קיין היברו. נאָר א... דזשו.

ער קוקט זיך אָרום, צי קיינער הערט נישט.

וואָס זענען דאָס פאר א רייד? ער גלויבט אין ציאָן. אליין איז

ער אַן „איבערבייטער" אין טעקסטיל. „אַ קאָנווערטער", הייסט עס, אַף זיין טעכנישן לאָשן.

דאַנקען גאָט, זיך איינגעוואָרצלט—אוהו! פעסט!! שיר־שיר געוואָרן פּרעזידענט פון דער ציאָניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּאָל־ריווער. נאָר די היגע אידעלעך, פאַרברענט זאָלן זיי ווערן!

מיר גייען אַרויס אַפן דעק, פאַררויכערן און שמועסן אין דער פּאָגע אַריין. אין טומאַן אַריין וואָס דו זאָלסט נישט זאָגן איז דאָס אַ לעגענדע.

ער רעדט זיס. קיילעכדיק, מיט אַ ראָזשינקע אינמיטן. ער איז אַ „זעלבסטגעמאַכטער מאַן". געקומען קיין אַמעריקע אין הוילן סטענדל, און איצט! ס'איז עמעס, אַז אין די היגע „פּיינערע קלובס" נעמט מען נישט אַריין קיין אידן. (דאָס וואָרט „אידן" זאָגט ער אַרויס שטיל, ווי אַ וואונד!) אָבער די צייט איז נישט ווייט ווען—

איך הער נישט וואָס ער זאָגט. דער ווינט רייסט באַ אים אַרויס פונם מויל אַ גאַנצן זאַץ, גיט עס איבער דעם יאַם; יענער שלינגט עס איין ווי אַן עלפאַנט שלינגט איין אַ פיסטאַשקע.

— און ווי איז וועגן די סטרייקערס? — שריי איך דורכן גלע־זערנעם ווינט, ווי דורך אַ טרומייטער אים גלייך אין אויער אַריין.

...גערעכט זענען זיי, די „פּור באָגערס" — פונדעם איז נישטאָ וואָס צו רעדן. נאָר מיר „ביזנעסלייט" וואָס האַנדלען מיט די טעקס־טיל־וואַרעס, פאַרקויפן דאָך אַף קרעדיט, אַף ראַטעס, ווייל דאָס לוינט זיך בעסער ווי צו פאַרקויפן פאַר „קעש"־געלט. דאַפאַר איז באַ אונז די לאַגע אַ מאָדנע: פון איין זייט וואָלטן מיר געוואָלט, אַז די אַר־בעטער זאָלן פאַרדינען מ ע ר, קעדיי זיי זאָלן קענען מער קויפן, פון דער אַנדערע זייט אָבער, ווייסן מיר פון דערפאַרונג, אַז אַן אַר־בעטער, וואָס פאַרדינט גוט, וויל נישט קויפן אַף קרעדיט, ווייל ער וויל נישט איבערצאָלן. און אויב נישט אַף קרעדיט—טו וואָס טויג עס? פאַר מעזומען געלט, קענען די גרויסע געשעפטן פאַר־קויפן ביליקער ווי מיר. דאַפאַר זאָג איך—

ער האָט נישט פאַרענדיקט. ער האָט נאָר אויסגעטאָן מ'שטרויע־נעם קאַפּעליש, אַריינגעקוקט אינעווייניק, ווי ער וואָלט דאָרטן געהאַט פאַרשריבן דאָס, וואָס ער דאַרף ווייטער זאָגן. און ער האָט זיך אָנ־גערופן:

...דאָס וואָס די אַרבעטער גייען מיט קויעך, דאָס געפעלט מיר נישט. מימאָניפשעך זענט איר גערעכט, — טו צו וואָס־זשע דאָס סטרייקן, כ'בעט אייך? איר וועט דורך דעם נישט ווערן מער גע־

רעכט ווי איר זענט! פארקערט, דער פאקט אליין, אז מען באנוצט זיך מיט קויעך איז דער בעסטער סימען, אז מען איז אומגערעכט!

איך פרעג אים:

— פארוואָס־זשע האָבן מיר, הונדערט־פּראָצענטיקע אמעריקאַנער, גענוצט קויעך קעגן די דייטשן, אין די יאָרן פון מילכאָמע? ס'קען דאָך נישט זיין, אז פּרעזידענט ווילסאָן האָט געהאלטן, אז אמעריקע איז אומגערעכט?!

— וועלל... יו נאָו... איבעריגנס העוו א סיגאר... טעריבל וועטהער... ווהאט לאַנדסמאַן אר יו?... אי'ם גלעד יו אר נאט ע... סיריער... די סיריער זענען אלע ד ע נ ע ג ע ר י ר ט...

ער זאָגט בפּיירוש: דענעגרירט... און כאָזערט נאָך איבער: די דעגענעראַציע איז היינט באַ אלע פעלקער, א כּוץ באַ די... אידן.

דאָס וואָרט „אידן” זאָגט ער ארויס שטיל, ווי א וואונד.

:: :: ::

אונזער שיף בלייבט אלע מאָל שטיין אפן שפּיץ פון א וואסער־פּיראַמידע, פארטראַכט זיך, צי זי זאָל גיין ווייטער, צי נישט, און ביז זי קומט אראָפּ קריק, גערדויערט עפּשער א האלבע שאָ. איך לאָז שיר די נעשאָמע. פון שלאָפן איז שוין אָפּגערעדט.

שווארצע קעלנערס טראָגן גלאַנציקע, ווייסע טעפּלעך אין די קאַיוטעס אריין. די „מענטשהייט” טוט זיך אירס, ווערט פראָסט און דערשראָקן.

אין די פּיצלעך שלאָף וואס איך רייס אָפּ פון דער הארטער נאכט, שטייט מיר פאר די אויגן „מארטאַס ווייַנגאָרטן” (פונם ביכל ארויס). אינעווייניק, שטייט א איד, אָנגעטאָן אין א היטל מיט דריי שפּיצן, עסט א לאָבסטער און שווארצע מאלאָכים מיט טעפּלעך אין די הענט קומען צעפליען און זאָגן: „ציען זי זיך אוים!”

איך כאפּ מיך אויף. אקעגן מיר איז א געקעסטלט שיף־לאָדנדל. דורכן לאָדן שיטן זיך ווייסע גרייפּלעך. עס איז פארטאָג. איך בין נישט אויסגעשלאָפן. אָבער די שיף שטייט שוין אינגאנצן בארואיקט. דאָס שטילע האפן־וואסער, לעקט־ארום די שטאָלענע שאַלעכץ. איר הערט די כאַניפע פון א נידריקן און שטילן קנעכט, באַ די פּיאַטעס פון זיין האַר.

איך גיב מיך א נעץ ארום מיט א האנטוך קאלט וואסער, בין

באלד אַנגעטאָן, גיי ארונטער אפן בריקל וואָס פירט צו דער יאבאָשע, און אין פיר מינוט ארום בין איך אין פאָל־ריווער.

:: :: ::

...פאָל ריווער איז שטיל. גייסט אראָפּ פון דער שיף, הינטער א מין כופּע. זאָגט מען דיר „גוט־מאָרגן" און מ'וויל באַ דיר צור־נעמען ס'רענצל. דאָס ערשטע גיסטו אָפּ, דאָס אנדערע אָבער האלט־סטו צו. האָסט דאָרטן מאַנוסקריפּטן.

באלד לעבן דער שיף זענען רעלצן. פון שיף אין באַן אריין, פון באַן אין שיף אריין. ווי „ליבעסווירדיק" די וועלט איז!

שטיל גייען אַלע, קיינער טומעלט זיך נישט דער וועג איז קלאָר. כאָטש ס'ציטערן נאָך אָפּשניצלעך פונם טומאַן.

איך זע קוימענס. קאַלטע. א וואַלד מיט קוימענס. בלויז א צוויי דריי שפּייען רויך. די איבעריקע קוקן זיי אָן ווי משוגע. זיי געדענקן שוין נישט די צייט! (קוימענס זענען גוואַלטיקע באַלגוז־מעס: סאַכאַקל איז עס אין גאַנצן א דריי טעג, אז זיי האָבן נישט טויעם געוועזן א פונק פייער.)

אז דער טאָג דערמינטערט זיך צו א לייטישער מאַדריינע, דער־זעט ער: קינדער, פרויען, מענער, — שטילע מאַכנעס. לעבעדיקע נאָר שטייענדיקע. זיי גייען נישט נאָר זיי שטייען באַ דער בריק וואו די „אַמעריקאַן פּרינטינג קאָ." איז און די „אייראָן וואָרקס". לעבן א ברודיק טייכל, וואָס שלינגט איין א רויטע זון און שפּייט־אויס א גרינע, דאָ שטייען זיי אַלע, מאַכנעס, מאַכנעס. שטיל, שטיל, אָנגעטאָן ווער אין אַלטע הויז־בגאָדים, אין שוואַרצע קליידער. ס'איז קיין יאָנטעף נישט! ס'איז א מילכאָמע פון שווייגן, פון אריבער־שווייגן דעם סוינע. זיי וועלן שווייגן אַזוי שטיל, אַזוי ביטער, אז די וועלט וועט מ ו ז ן ה ע ר ן און זיך דערשרעקן.

ס'איז פרי, זייער פרי, נאָר קינדער גייען שוין, קינדער קומען שוין פון האַרטע געלעגערס, פון וואַנצנדיקע שטיבער, אין דרויסן ארויס, וואו די מילכאָמע איז פריש, ניי, שאַרף.

איך בלייב שטיין, נעם אראָפּ ס'היטל פאר דער פּאַרכטיקייט פון דער מילכאָמע פאַרן ברויט.

איך זאָג צו מיר אַליין:

דאָ איז דאָס, נאַדיר! דאָ־אָ. אָט־דאָ שטייסטו איינער אַליין

מיט דיין זשמעניע ווארט־ראזשינקעס קעגן א הונגעריקן וואלף, וואס שווייגט—.

ווען דער וואלף זאל באטש א געשריי טאן, וואלט א דראזש אי־בערן לייב אריבער, און סי וואלט גרינגער געווארן.

אבער—זיי שווייגן.

קומען—און שווייגן.

קוקן מיך אן מיט כשאד און שווייגן.

זיצן אף די פרענטשעס פון בריק, ארום די פאבריקן און שווייגן.

שווייגן־אן גאנצע בערג מיט דינאמיט...

איך האב אין מיין לעבן שוין געהערט דאס געשריי פון אידן בעים א פאגראם, דאס געשריי פון א קימפעטארין, דאס געשריי פון אן איבערגעפארענעם, אבער קיינע פון די געשרייען איז נישט געווען שטארקער, געפערלעכער, ווי אט־דאס שווייגן.

א פונק! א פונק! פארזיכטיג דארטן מיט דיין אויג, דו טונקל סיריש מיידל, וואס דיינע אורזיידעס, האבן עפשער אין געפאנגענ־שאפט געוועבט טעפיכער פאר פארע מעלעך מיצראים.

אינם מיזרעך־מוזיי פון דער שטאט יאלטא אין סאוועטנפאר־באנד, האב איך אמאל געזען דיין אורזיידנס ארבעט, דו מיידל! דער קאוויאר איז געהאנגען איבערן לוסט־בעטל פון דעם עמיר פון בוכארא. אף דער וואנט זענען געווען אלע שווערדן און שיס־געווערן און נאבל־שילדן. אף דער דעקע פונם בעט זענען געווען פינקטלעך אויסגע־לייגט די קישנס, געהאפטן אין זילבער און גאלד; נאך נישט אפגע־קילט זענען געווען אף זיי די קנייטשן, וואס מיידלישע קעפ האבן אף זיי געלאזט.

טאמבורינס און קלאפ־געצייג, און סטרונע־קיילים זענען געווען ארום דעם בעט.אף א וואונדערלעך־געשניצט טישל — דער אפענער קאראן, מיט די שטיל־געפליגלטע אויסיעס, נאר ער אליין דער עמיר פון בוכארא איז נישט געווען מער.

:: :: ::

באם טויער פון דער גרויסער פאבריק, וואו מ'דרוקט, בא א היץ פון 102 גראד, די שמאטעס, וואס פארדעקן ארימע לייבער, שטייט איצט א פאליציסט ,באוואפנט מיט א קליין-געווער און מיט א קלאפ־שטעקן אנגעפילט מיט בליי, שטייט און האלט אין דער האנט ס'ציימל פון זיין ברוין פערד, וואס צעלאזט א פריינטלעכן „הע־שע־שע" צישן די דערוויל־שטילע און שווייגנדיקע.

פּאָליציי בלאָעט ארום, רירט זיך שווער, שלעפּט די פארשלאָפענע פערד פאר די ציימלעך.

טאָג צעוואָיעוועט זיך אף קויטיקע פאבריק־שויבן, קוקט אריין, וויל אויפוועקן דעם גאנצן געהנים מיט מאַשינען, יענע ליגט עס נישט אין זינען.

זיי ווילן רוען, שווייגן, שווייגן אזוי שטיל, אז די גאנצע וועלט זאָל דערהערן און פארגליווערט ווערן.

מיר קומען אין העלדישע האָרדעס
מיט אויגן ווי פינקליקע פאַקלען,
איר האָט אונז געלערנט וואָס מאָרד איז
וועט קיינער זיך איצטער נישט וואַקלען!

אָט אזוי (אומגעפער) זינגען טשאַטעם אויגן — טונקעלע, טיפע, שרעקלעכע.

אויגן פון אלע נאַציעס, וואָס זענען דאָ פרעמד און פארביינקט.

זיי קומען נאָך און נאָך, שטעלן זיך אין די טירן פון זייערע הילצערנע שטיבער, שטעלן זיך אף די ווינקלען פון די גאסן, פּאָליציי מעסט־אָן, מיט די אויגן, קייטעלעך אף פאָרן הענט, וואָס זענען אי־בערגעלייגט ווי א ציילעם, א רייף אף יעדן געזעמל סטרייקערס, א רייף ארום אלע העלזער, איבער דער רייף איין גרויסער קאָפּ, איבער דעם קאָפּ איין רעוואָלווער־מויל—.

איך וויים, עפּשער האָב איך א טאָעם? פּאָליסלייט זענען דאָך גאָר פארשלאָפן. זייערע פערד געניצן. דער „טשיף" אליין שטייט אינם טויער פון דער גרויסער פאַבריק. זיין גאָלדן בלעכל פינקלט זייער שטאָלץ, נאָר זיינע האָר זענען אלט, אלט, זיינע הענט ציטערן, ציטערן.

איך שטיי לעבן שפּיטאָל, וואָס איז קעגנאיבער דער שורע פאב־ריקן. באוואונדער דעם גרויסן ביניען פון בארמהארציקייט. קלער מיר: אזא שיין שפּיטאָל און סי שטייט נעבעך איצט ליידיק! און אף וואָס־ארויף פארשווענדן איצט די הייליקע שוועסטערלעך זייער „גוטסקייט"?

א גרופּע סטרייקערס רודערן זיך אביסל אויף, דערוועקן זיך: איינער איז געקומען מיט א ר ע נ צ ל. ער ברענגט עפּעס!

...באלד פרעגט מען מיך און איך ענטפער—. א „קלוגער" פּאָ־ליסמאַן, גיט א מאָשל מיט מערשקעס. „מ'דארף זיין פלייסיק, האָרע־ווען, האָרעווען".

דארויף פאַלט אריין א סטרייקער מיט שלעכטן ענגליש און זאָגט:

זענען מיר דען מערשקעס? וויל די ציוויליזאציע מאכן פון אונז מערשקעס?

דעם פאָליסמאַנס פערד דערהערט דאָס, צעלאַכט זיך עס „הע־שע־שע"... דער פּאָליציסט פארשעמט זיך, גיט דעם פערד א פאטש איבערן מויל—.

ס'איז טאָג.

סי קלינגען גלאָקן. — בים־בום, פרום־פרום. אף א גרויסן שטיין לעבן די פאבריקן האָט א מיסיאָנער אָנגעפארבט שווארץ: „גרייט זיך דיין גאָט צו באגעגענען!"

דער שטיין זעט נישט דעם כויזעק דאפון. ליגט אין דער זון און זאָגט א סאך מאָל: „גרייט זיך צו דיין גאָט צו באגעגענען, גאָט צו באגעגענען, גאָט צו באגעגענען". — איך גיי צו, גיב דעם שטיין א זעץ מיטן פוס, אָבער רירן קען איך אים נישט!

:: :: ::

פאָל־ריווער

„פאָל־ריווער" איז צוויי שטעט. איין שטאָט פאר די וואָס עסן און ארבעטן נישט, די אנדערע פאר די וואָס ארבעטן און עסן נישט.

אויבן זענען גאסן מיט פיינע גערטנער, פאלאצן ארומגערינגלט מיט שטיינערנע ווענט, ווי פעסטונגען, באוואקסן מיט גרינס. אף גאַ־ניקלעך הענג־טעפ מיט בלומען. הענגבעטלעך פון ברעזאַנט און קאָלירטע שטרייפן, פייגל־שטייגעלעך, שאָקל־שטולן מיט קאָלירטע זייד־קישעלעך.

אינם טאָליקן ארבעטער־קווארטאַל וואו די וועבער וואוינען: „הילצערנע נאכטהעמדער", אף די נעכט איבערצושלאָפן, אז מ'זאָל דיין נאקעט לייב נישט זען.

איך האָב אן אדרעס צו א באלבאטישן אידן, וואָס האָט מיר צו־געזאָגט מיך דורכפירן דורך דער „דוירפי מיל", דאָרטן וועל איך מיך באקענען מיטן אויסזען פון א טעקסטיל־פאבריק, מיט זיינע הונגע־ריקע אינגעווייד, וואָס עסן־אויף גענוג יונגע לעבנס.

דער מענטש, וואָס דארף מיר טאָן די טויווע, איז א געוועזענער „מאסקיל", אמאָל א וועבער געווען אין לאָדז. געקומען אהער, זיך ארויפגעארבעט, פארקויפט קליידער אף באָרג, האנדלט־אונטער מיט באנוועלנער סכוירע, ווי סי טוען ס'ראָוו אידן דאָ הי.

דער מענטש איז פריש פונם בעט, באנאכעסט מיט סאף־שלאף. ער איז צופרידן מיך צו זען, איז העפלעך און שרעקט זיך פאר מיין „רויטקייט“, גייט מיט מיר ווי אף גלאז.

ער צעקייעט מיר די סיבעס פונם סטרייק: צען פראצענט האט מען בא די ארבעטער אראפגענומען. אבער וואס פאר א באטרעף האט דאס! ווען ארבעטער זאלן פארדינען הונדערט דאלאר א וואך, וואלט עפעס אנדערש געווען. אבער אזוי־א! דאס העכסטע, וואס אן ארבעטער פארדינט דא, איז 19 דאלאר מיט 22 סענט א וואך; ארבעט ער פון האלב זיבן ביז זעקס; קיין מיטאג־אפרו האט ער נישט. ווען ער שלינגט איין דאס ביסל מיטאג־ברויט. מוז זיין שאכן אכטונג געבן אף זיינע „לומס“ (אפט אזויפיל ווי 8 וועב־שטולן מיט אמאל!) און ער טוט שפעטער דאס זעלבע פאר אים. דער דורכשניט פון סכירעס איז ארום 10—12 דאלער א וואך — קומט־אויס, אז מען סטרייקט צוליב וועלכן־ס'איז דאלער א וואך... „א שנארישע ביזנעס“. צו וועמענס קאפ גייט עס אבער יא אויס? — צום ביזנעסמאן! מ'באצאלט נישט די כוועס! עמעס, דאס קערן איז שוין אפגענר־מען קימאט אין דער ערשטער ראטע, וואס זיי צאלן איין, אבער לעבן דאפון קען מען דאך נישט. דא האנדלט זיך דאך נישט וועגן א לויר־זיקן דאלער א וואך, נאר וועגן הונדערטער. זי פארשטייען?

איך פארשטיי.

ער צעוויגט זיך נערוועז אין זיין שאקל־שטול און מאכט מיר קלאר, ווי אזוי די ארבעטער מאכן אים אומגליקלעך מיט זייער „שנארערישער ביזנעס“ פון סטרייקן. ערשטנס, זאגט ער, האבן זיי באדארפטווארטן, ביז אנדערע שטעט וועלן געווינען. וואס ברענט דאס אזוי? וואס האבן זיי קיין צייט נישט? א ל ע מוזן ארויס־גיין סטרייקן מיטאמאל?! צווייטנס, זענען זיי סיי־ווי־סיי קיין לייט נישט. פארשווענדן זייער געלט אף נארישקייטן; וויסן נישט, ווי אפצוהיטן דעם סענט.

— אידן, — פרעג איך — זענען פאראן צישן די סטרייקערס?

— אידן? איר רעדט, ווי א קינד, איר זאלט מיר אנטשולדיקן! אמאל, מיט צען יאר קריק, האבן נאך אידן געארבעט אין פאל־ריווער. דעמאלט זענען זיי נאך געווען גרינע. אבער זינט דער מילכאמע, איז מער נישטא קיין אידישע ארבעטער. סי וואלט געווען א קלאג צו קאלאמבוסן, ווען אין 1928 זאלן נאך אידן דארפן ארבעטן!

איך מאך אים שווער ס'הארץ און דערצייל אים, אז אין אנדערע שטעט אין אמעריקע זענען דא אידן, וואס ארבעטן נאך אין יאר 1928.

— סי קאַן זיין — זאָגט ער. — אָבער ס'ווייזט אויס, אַז ער גלייבט מיר נישט.

ער מאָלט מיר אָפּ דעם „קולטור־פּראָנט״ פון די פּאָל־ריוועַר אידן. אַן 800 מישפּאָכעס דאָ. האָבן שולן און טעמפּלען. דער אַלטער טעמפּל האָט אָפּגעברענט. בויט מען איצט אַ נייעם פאַר 200 טויזנט ר״ד. סי וועט זיין, זאָגט מען, עפּעס גאָר אַ כידעש. מיט פענצטער, ווי אין אַ קלויסטער, להאַווריל. מוישעראַביינע אַפן פענצטער, אַזוי ווי דזשיזוס, לעהאַוודיל.

היינט איז „טעהג־דעי״ פאַר דעם פּאָל־ריווער מוישעוווזקיינים. צו וואָס דאַרף מען הי אַ מוישעווו־זקיינים, אַ קיינער איז נישט אָרעם, און אידישע מישפּאָכעס זענען דאָ אינגאַנצן עפּשער 800 ? כע... גערעכט כלעבן. אָבער—וואָס דען זאָלן אידן טוען ? אידן מוזן דאָך טוען צדאָקע. אויב נישט קיין צדאָקע, וואָס דען זאָלן אידן טוען ?

— האַקלאָל, — זאָג איך, — פירט מיך שוין צו „דוירפּיס מיל״ !

ער נעמט מיך אין זיין אָטאָמאָביל. אַפן וועג צו „דוירפּיס פאַבריק״ זאָגט ער מיר אָן, איך זאָל נישט זאָגן, ווער איך בין, איך זאָל זאָגן, אַז איך בין עמיצער אַנדערש, און אַז דער עמיצער אַנדערש האָט אַפילע קיינמאָל נישט געהערט דעם נאָמען פון דער טרייפענער צייטונג, וואָס הייסט „פרייהייט״.

ער רעדט ווייטער וועגן דער אינדוסטריע. „די אינדוסטריע איז נעפאַלן. די „סאוט״ פאַרבעט צו זיך, ווילן קיין שטייערן נישט, שטעלט־צו שוואַרצע אַרבעטער. אַפילע די אַריסטאָקראַטישע „לום־פיקסערס״, וואָס פאַרדינען דאָ עפּשער 30 דאָלער אַ וואָך, קריגן דאָרטן אויך אַ סאַך ווייניקער. מיטן ניגער, פאַרשטייט איר מיך, איז טאַקע בעסער צו האַנדלען. עמעס, דאָ־הי, אַז אַן אַרבעטער איז שולדיק געלט, דאַרף מען נישט קלאָגן אין געריכט. מ'קען „אַטעטשן די וויי־דזשעס״ (צונעמען די סכירעס) אָן שום טאַינע־מאַינעס. אַ „לאָיער״ אָדער אַ „שעריף״ קאָן דאָס טאָן. ס'איז נישט ניו יאָרק, וואו מי דאַרף שלעפּן אין געריכט אַריין !״.

מיר זענען לעבן דוירפּיס מיל. באַם אַריינגאַנג איז פּאָליציי און שפּיקעס. מי נעמט מיך דערך, מי מעסט מיך אָפּ מיט כשאַד. מיין פירער ראַטעוועט מיך. אַז מיר קומען אַרויף אויבן, שושקעט זיך דער פאַרמאַן מיט מיין פירער, און ס'בלייבט, אַז דער ערשטער איז איצט זייער פאַרנומען, איך זאָל אים אַנטשולדיקן און קומען אַן אַנ־דערש מאָל אין אַ וואָך אַרום.

אומזיסט זיך געשלעפּט מיטן אינטעליגענט! איצט פירט ער מיך קריק. גיט מיר שיטערע אינפאָרמאציע וועגן דעם אָרט, וואו מ׳קען טרעפן די „לינקע טוערס“. וויל מיך נאָך שלעפּן צו זיין מיסטער ק., דער פירער פון די רעכטע. — איר מוזט זיך מיט אים באַקענען. ער איז זייער אַ ליטישער מענטש און נישט קיין שלעפּער, ווי דער כאַווער ריד, אייערער, דער דענטיסט. מיסטער ק. איז אַ ביזנעסמאַן.

—וואו קען מען געפינען רידן?

— אפן לאָט!

— אַף וועלכן לאָט?

— אפן „ליבערטי לאָט“!

— ?

— ס׳איז אַ גאַנצע מאַיסע: אומעטום, וואו די לינקע פירן אַ סטרייק, וויל מען זיי קיין זאַל נישט פאַרדינגען, מוזן זיי אָפּקויפן אַ שטיקל ערד, אַ „לאָט“, און דאָרטן האַלטן זייערע מיטינגען—. איר ווייסט, וואָס אייערע טוען? אַז זיי עפענען אַ מיטינג אפן „לאָט“, הויבן זיי אָן מיט די ווערטער: „די פּאָליסלייט זענען געבעטן צו פאַרלאָזן אונזער געביידע“ (קיין געביידע איז נישטאָ, נאָר לויטן געזעץ קען מען דאָס אָנרופן אַזוי!) און אַז זיי גייען נישט אַרונטער, ווערן זיי פאַר־בו־הו־קעט פון די סטרייקער: „באָמס, גייט אַרויס!“ אָבער זיי גייען פונדעסטוועגן נישט אַרויס! וואָס קענען די אַרבעטער זיי טוען? שיקן נאָך פּאָליציי?

עס איז שוין 10 דער זייגער באַטאָג. איך בין קריק אין די אונטערשטע גאַסן וואו די אַרבעטער וואוינען. צעפרעג זיך, וואו דער „לאָט“ איז (פריער האָב איך געפרעגט אַף די „העדקוואָדערס“ פון די סטרייקערס, האָט מען געוואוסט, אַז איך בין נישט קיין היגער און מוירע געהאַט פאַר מיר). מען ווייזט מיר:

— אַף מאַלבערי סטריט.

דאָ טרעף איך דעם כאַווער רידן. ער שטייט מיט אַ גרופּע סטרייקערס, לערנט מיט זיי עפּעס. „ער לערנט זיי אַרויסשלעפּן ציין!“—זאָגט אַ גריכישער אַרבעטער, וואָס גייט אַרומגעבונדן דעם קאָפּ, און צעלאַכט זיך.

דאָ איז אויך די כאַווערטע עמי ש ע כ ט ע ר, די כאַווײרים דזשעק שאָר און דזשאָרדזש גאָלד. מ׳האָט אָן אַלטן אַטאָמאָביל, וואָס קלאַפּט און פייפט, שלאָגט זיך אַרויס פון די קויכעס פליענדיק אַף די סטרייק־פראָנטן.

אפן „לאָט“ איז הייס. אַרבעטער שטייען דאָ און הערן מיט

מויל־און־אויערן די רייד פון חבר ריד, וואָס פאַלן, ווי טראָפּנס פייער. איבערזעצער איבערזעצן באַלד אַף פּאָרטוגעזיש, סיריש, פּויליש, פראַנצויזיש, גריכיש, אידיש. „די בעסטע קעמפערס”, זאָגט מיר כאַווערטע שעכטער, „זענען די פּאָרטוגעזן, גריכן און פּאָליאַקן. בא זיי איז דאָס עפּעס אַ יאָנטעף. די ענגלישע און קאַנאַדיש־פראַנצויזישע אַרבעטער נעמען דאָס אויף ניכטער. דאָס זענען בעסער־באַצאָלטע אַרבעטער: מיוכאָסים. דאַצו זענען זיי שוין אין קנעכטשאַפט געבוירן. זייערע זיידעס און טאַטעס האָבן געבויגן די קעפּ פאַר די מיל־פריצים פון לאַנקישייר, פון מאָנטרעאַל. שווער זיי אויפצואַוועקן, אָבער וועקסטו זיי איינמאָל אויף, זענען זיי די ניכטערסטע און בעסטע קעמפער”.

:: :: ::

מיר האָבן געקויפט אַ פּעקל ענגלישע טאָג־צייטונגען. די געלע פרעסע מאַכט זיך הארץ, פאַרטיידיקט די באַלעבאַטים, זידלט די קאָמוניסטן.

כאַווערטע שעכטער ווייזט מיר אין אַ צייטונג אַ בילד פון דער שמייכלדיקער „סיידי”, וואָס איז די „פּרימאַדאָנע” פון דער רעכטער טעאַטער־טרופּע. אונטער איר בילד איז אַ ליד—אַ סאָנעט, געשריבן פון אַ פּאָליסמאַן און געווידמעט „אונזער סיידין”.

— איר זעט, וואָס דאָ טוט זיך ? — זאָגט כאַווער שאָר — אַמאָל פלעגן אַרבעטער־פירער זינגען, אַז זיי ווערן „געהאַסט און געטריבן”. היינט ווערן זיי געליבט און באַזונגען פון—פּאָליסלייט. אָך, האָבן די „סאָציאַליסטן” אַביסל אַ גיי־געטוען פאָרווערטס !

— איר ווייסט ? — זאָגט אַ כאַווער — די איצטיקע לאַגע בא די באָסעס איז קימאַט דיזעלבע, וואָס בא די דייטשן נאָך צוויי יאָר מילכאָמע : אַז דער פעט־קערפּערדיקער דייטש האָט זיך אָפּגעשלאָגן צוויי יאָר און דעם בויך פאַרלוירן, האָט ער ערשט געקאַנט אָנהויבן זיך שלאָגן. מיט די פעטע טעקסטיל־פריצים אין ניי־ענגלאַנד איז דאָסזעלבע. די אינדוסטריע איז האַלב־רואינירט. קיין געפיל פאַר רירעוודיקייט, פאַר נייע סכוירע־מאָדעס (אַפילע אין מאַרלע און אין ביליקע סכוירעס איז פאַראַן מאָדעס)—האָבן זייערע פאַבריקן האַלב געפּוסטעוועט. דער סטרייק האָט זיי די ערשטע 10־12 וואָכן נישט ווי געטוען, זיי האָבן בלויז דאָס אומניציקע פעטס פאַרלוירן. איצט ערשט, ווען אָפּן באַנוול־מאַרק איז אַ מאַנגל אַף סכוירע, איצט הייבט זיך עס ערשט אָן, און מי דאַרף שטיין אַף דער וואַך.

פאר אונז ליגט א לאנגע אספאלט־לענטע (די שענסטע לענטע אין קלייד פון דער טעכנישער ציוויליזאציע). אונזער אַטאָמאָביל גייט דורך אזא שיינער וועלט: גוטמוטיקע וועלדער, אין מאָך פאר־שלאָפן; פריינטלעכע פעלדער, וואָס גיסן זיך אריבער איבער דער אספאלט־לענטע; שטילע קוקורוזע־מישפּאָכעס; א פארשלאָפן זאנגן־פעלד, אין די זאנגען פייפן שפּארבערס; בליען רויטע בלימלעך, ווי סאַמעטענע טראָפּנס בלוט.

ניו־בעדפאָרד

דאָ איז די שלאכט ביטער, דאָס פייער שארף. דאָ איז דער סטרייק שוין געוואָרן א יאָנטעף—א לאנגער און א שווערער.

די ארבעטער, וואָס זענען „גרינגער אף די פיס", זענען צו קיין מישפּאָכעס נישט צוגעבונדן, האָבן גענומען די קלימיקלעך אף די פּלייצעס און זיך געלאָזט זוכן ברויט ערגעץ אנדערש.

שטייען א סאך טענעמענט־הייזער ליידיק. די פענצטער פאר־קלעפּט מיט אלטע בויגנס ציטונג־פּאַפּיר.

א שטאָט צו—פארדינגען.

ס'האלט שוין אזוי ווייט, אז די טעקסטיל־מאגנאטן מוזן עפענען זייערע היגע פּאלאצן, אנשטאָט צו רייזן איבער דער וועלט.

דורך די נאָרד־גאסן צום „לאָט". קינדער קומען אנטקעגן, מיט איבער־הויכע בריסטלעך, שפּענדלדיקע פיס, פארפרישטשעטע אויערן.

— וואו איז דאָ דער „לאָט", קינדערלעך?

— דער „לאָט"?

די קינדער ווערן פריילעך, הערן זיך אויף ראַיען אין בארג אלטן אייזן, ווייזן אונז וואו דאָס איז.

— מיין טאַטע איז דאָרטן.

— מיין מאַמע אויך.

— און מיין שוועסטער.

— און מיינע דריי ברידער.

— אז איך וועל אונטערוואקסן, וועל איך ארויסגיין אף א סטרייק. גיט א פּעני, מיסטער.

אין דרויסן רעגנט א ביסל. די קינדערלעך ארט עס נישט. די סטרייקערס אפן „לאָט" אויך נישט. כאָוועך ביעלס רעדט פון דער פּלאַטפאָרמע אראָפּ, שילדערט דעם טויט פון אן ארבעטער־קינד, וואָס די פּאָליציי האָט פאריאָגט אין טייך אריין. דערזען, אז דאָס קינד איז דערטרונקען, איז דערפּאָליסמאן נישט אריין אין וואסער ארויס־

נעמען דאָס טויטע גופֿל, נאָר ער האָט געהייסן אַן אַנדער אַרבעטער־אינגל אַרויסשלעפּן דאָס דערטרונקענע קינד.

פּאָלים שטייען דאָ אין רעגן. שטילע, דערשלאָגענע, פאַרשעמטע. מ'האָט זיי שוין אַזוי פיל אָנגעזידלט.

פון אַן אָטאָמאָביל שטעקן זיך אַרויס פּאָליציייאישע קעפּ, קראַצן זיך, קוקן אַפן הימל. שטעקן־אַרויס די הענט צום רעגן.

כאַוועָר ביעלס, אַף דער פּלאַטפאָרם, זידלט די „בלאַע לייט" אין די אויגן אַריין, ווייזט אַף זיי מיט אַ פינגער. אַלע מאַכן „בו־ו־ו!" יענע פינטלען מיט די אויגן, טאַפּן זיך פאַרשעמט בײַ די בלייענע פּייפּעלעך, וואָס הענגען פון זייערע גאַרטלען אַראָפּ.

— קוקט זיי אָן, די שיינע לייט, די היטער פון אונזער אָרדענונג.

— בו־ו־ו!

— קוקט אָן זייערע נאַרישע פּענימער.

— בו־ו־ו!

איין פּאָליסמאַן גייט־צו צו מיר און פרעגט:

— וואָס טראָגט איר דאָ אין רענצל?

— באָמבעס — ענטפער איך.

— איר זענט אַ גרויסער כאָכעם, — מאַכט ער אָפּהענטיק און גייט זיך שטילערהייט אַוועק, באַגלייט פון אַ גרויסן „בו־ו־ו!"

:: :: ::

„28 טויזנט מענטשן סטרייקן שוין די זיבצנטע וואָך!" אַזוי פּראָסט איז דאָס.

נאָר די נויט שרייט פון אַלע פענצטער אַרויס—די פענצטער, וואָס זענען מיט אַלטן צייטונג־פּאַפּיר פאַרקלעפּט.

— וועט איר שטיין פעסט ביז צום זיג? — דונערט פון די ליפּן פון כאַוועָר ג. אין דערזעלבער צייט קומט, וואָס סי קומט אויך אַ בליץ פון הימל און אַ דונער און אַ רעגן.

— מיר וועלן.

— אַלע?

— אַלע.

— געדענקט.

— מיר וועלן געדענקען.

— פאַר יעדן טאָג, וואָס איר הונגערט איצט, זאָלן זיי טייער באַצאָלן.

— פאַר יעדן טאָג.

סי דונערט און בליצט. די ליידיקע קוימענס זאָגן „אָמיין".

די דארע לעוואָנע־בלומען אין דעם אקעגנדיקן גערטל ווינקען מיט מאמזערשע איינגעלעך.

מיר גייען צו די זופּ־קיכן. איינע איז דאָ־אָ טאָקע.

אַ בעקער־קאָאָפּעראטיוו האָט געבראכט ברויט אין אַ וואָגן. דער שאָפער לאָדט־אָפּ די סכוירע: לאַנגע, איטאַליענישע ברויטן.

די קיך איז הינטער אַ געוועלבל. דאָרט זיצט אַן אַלטיטשקער גריך, מיט אַ געהעקלט מיצל אַפן קאָפּ און מיט אַלטע ברילן. ער שיילט קאַרטאָפליעס מיט אזאַ רעליגיעזער הייליקייט, ווי מי צינדט־אָן לעכט אין אַ קלויסטער, לייגט פרום אוועק די קאַרטאָפל־שאָלעכץ, קוקט דורך די שווערע ברילן, צי ער האָט נישט פאַרשניטן צופיל, ערגעץ אין אַן „אויג".

דאָ קומען יעדן טאָג צוגיין אַ טויזנט מענטשן, קומען מיט טעפּלעך נאָך זופּ, ברויט, גרינס; אמאָל איז דאָ אַ שטיקל פלייש אויך. היינט האָט מען פון דער קיך, וואָס די „רעכטע" האָבן אוועקגעשטעלט, געבראכט אַ גאנצן קעסל מיט זופּ—קיינער קומט נישט אהין. בא זיי סטרייקט מען קעגן די... פּירערס, קעגן דער זופּ.

מ'שטייט און מ'פּלוידערט. דער רעגן איז נודנע און ווארימלעך. אָפּ די גאַניקעס פון דאַבייאַיקע האָליץ־הייזער, אָנגעשוואָלן מיט גרויסע הויזנעזינטן, שטייען אַרבעטער, הערן זיך צו, ווי כּאוועד ג. רעדט. די קאַלטע קוימענס בויגן זיך צו נעענטער, הערן זיך איין.

אַ כאַווערטע דערציילט אַ געשיכטע, וואָס זי האָט ערגעץ געלייענט: אַ מענטש איז געפאַלן איבער אַ שוועל און איז געהארגעט געוואָרן. זוכט ס'געזעץ ב'שולדיקן, און סי בלייבט, אַז שולדיק איז דער סטאָליער, וואָס האָט געבויט די טיר, און אַז מי דאַרף אים הענגען טאָקע אין דער טיר.

ברענגט מען דעם סטאָליער. איז ער אָבער אַ הויכער, קען אין דער טיר נישט אריין.

גייט מען צום ריכטער:

— ריכטער־לעבן, וואָס טוט מען? ער קען נישט אריין, ער איז צו הויך.

פאַרטראַכט זיך דער ריכטער און זאָגט:

— בעהיימעס. קנאַפּ סטאָליארעס דאָ בא אונז—קריגט אַ קלענערן סטאָליאר און הענגט אים.

דער נימשל איז געווען קעגן די כאַווירים קעלער, ריד, שעכטער, וואָס קענען אין דער טיר נישט אריין. נאָר זיי וועלן שוין מיסטאָמע געפינען אַ „קלענערן סטאָליער".

אַז מיר זענען שוין געזעסן קריק אין כאַווער דזשאַרדזשעס אַטאָמאָ־

ביל און זיך געזעגנט מיט אלעמען, איז צוגעקומען א קליין פוילישׁ מיידעלע, מיט לעבעדיקע אויגן, ווי אגרעסן, און געזאגט מיט אנט־ציקונג:

— אז איכ'ל גרויס ווערן, וועלן זיי מיך אויך אריינזעצן אין טפּיסע. זיי וועלן מוזן! איצט ווילן זיי נישט. איך בין צו קליין.

— ווער ביזטו, קינד?

— מיין טאטע איז א פישערמאן, מיין מאמע איז א וועבערקע און מיין ברודער איז קראנק אפן הארץ.

ס'האט ווידער א דונער געטאן. דזשארדזש האט ארויפגעטרעטן אף דער „געז". די קאר האט אנגעהויבן צו גיין דורך די גאסן, וואס זענען צו פארדינגען, לעבן דעם ארט, וואו קינדער האבן זיך געגראבלט אינם בארג פון אייזן און זשאווער. פונדערווייטנס האט זיך נאך גע־הערט כאווער ג'ס קאל:

— געדענקט.

— מיר וועלן געדענקען.

:: :: ::

כאוועראַ דזשארדזשס אטאמאביל לערנט זיך ווערן א שיף—אף אונזער כעשבן: זי שאקלט אונז ארויס די געדערים, צעשאקלט אין אונז ס'ביסל מאגערע פרישטיק.

דער בירגער, וואס פארט־מיט מיט אונז, דערציילט, אז ער האט אין ניו־בעדפארד א גרויס געשעפט, האט זיך אויסגעלערנט רעדן פארטוגעזיש, סיריש. ער פארקויפט זיי פאנאגראפלעך, פאלשע צירונג. רעדט מיט זיי אײדל, פיין. די ווייסע ציין זענען ערנסט, די בלאע אויגן זענען ערנסט, נאר עפּעס דאכט זיך, אז אין הארצן לאכט ער פון זיי.

מיר שלאגן אים פאר, אז ער זאל צישן זיינע ביזנעסלייט גרינדן א קאמיטעט צו שטיצן די סטרייקערס, צענויפזאמלען שפייז, קליידער. מיר רעדן צו אים אין נאמען פון דער פירמע „יעהאווא עט קא." איך זאג: איר האט דאך ארגאניזאציעס צו העלפן הונגעריקע קעץ, הוימ־לאזע הינט, קראנקע פערד—איז דען א לעבעדיקער מענטש ווייניגער, ווי א קאץ, א הונט, א פערד?

אונזער בירגער הייבט־אויף ביידע אָרעמס אין דער לופטן און מאכט זיך באקוועם אין די ארבל, האלט זיך אן מיטן מויל אן א ציגאר, וואס זעט־אויס, ווי א לעדערנער. דערנאך זיפט ער ארויס דורך די ציין האלב־צעשפיגענע ווערטער:

— וועל. אי'ל טעל יו, אפיציעל קענען מיר דאס נישט טוען, ווייל די באנקען וועלן אונז אפשניידן דעם קרעדיט, און דאס הייסט איבערשניידן דעם האלז. „קרעדיט", דערקלערט ער, „איז דער האלז, דורך וועלכער מי עסט, מי אטעמט".

— אויב אזוי, — זאג איך, — טא טוט עס נישט-אפיציעל. שיקט-צו געלט, קליידער, שפייז. איר האנדלט דאך מיט די מענטשן, איר לעבט דאך פון זיי.

ווידער אמאל:

— וועל, אי'ל טעל־יו. דאס איז נישט אזוי גרינג. שטיצן די סטרייקערס וואלט מען באדארפט, ס'וואלט אוודאי קיין אוולע נישט געווען. נאר וואדען? פארוואס עפעס מיר? מיר, ביזנעסלייט, לײדן גענוג פונם סטרייק. מיר ווערן בדילאדאלעס. אט ליגט בא מיר א גאנצער בארג מיט שמאטעס, וואס איך האב געהאט אנגעגרייט צום סעזאן. ליגט און שימלט...

מיאסטעטשקא פיבאדי

דער ליבעראלער עקס-גאלעך, וואס איז היינט דער סיטי-מעיאר פון פיבאדי, האט מיר אנגעטוען דעם „קאווער" און געקומען זיך מיט מיר באקענען, מיר געבן „דעם שליסל צו דער שטאט". איך האב נאך פון פריער געהאט געהערט פון מעיאר ראבערט בייקערמאן, וועמענס שטאט (פיבאדי) איז געווען די איינציקע שטאט אין די פאראייניקטע שטאטן, וואו סי איז אין דער נאכט פון סאקא־וואנזעטי מארד אפגעהאלטן געווארן א פראטעסט-מיטינג, און דער מעיאר אליין איז געווען פארזיצער.

האט מיך דער מענטש פאראינטערעסירט. האב איך אים גע־טראפן און, נו... אן עלטערער מענטש, פונם טיפ גאלאכים, וואס זענען געווארן—גאיעשע מאסקילים.

בירגערמייסטער, מיסטער ראבערט בייקערמאן, פארוואלט איבער א שטעטל מיט 22 טויזנט נפאשעס — א סאך אויסלענדער: אוקראינער, רוטענער, גריכן, סיריער עט"צ, וואס ארבעטן אין די ארטיקע גארבארניעס. ציישן די „רוסן" איז אפילע דא א גרופע „פיאנערן", וואס איז נישט אינגאנצן ריין פון אנטיסעמיטיזם. אויך מאנארכיסטן פעלן דא נישט און א ביסל קלאסנזיניקע ארבעטער.

„מעיאר בייקערמאן" גלייבט אין געבן יעדן בירגער א „טשאנס"; קלאפט אף די פלייצעס אידן און גאאים גלייך. איז דעמאקראטיש ביז אראפ; האט באקאנטע ציישן קאמוניסטן אזוי גוט ווי ציישן

שול־אידן. די ערשטע מוסערט ער פאַר „דאָגמאַטישקייט", די אַנדע־רע—פאַר פאַרקויפן אַליעס; ער האַלט, אַז מ'דאַרף די אָרימעלייט טיילן אַליעס אומזיסט. ער איז קעגן די רעליגיאָניסטן און פינצטערלינגע, וואָס שטעלן אַ הויכן פּרייז אַף... אַליעס.

ס'איז עמעס ער לעבט נישט רייך: אינגאַנצן 2,000 דאָלאַר אַ יאָר, מאַכט דער שטאָט קיין עקסטרע הויצאָעס נישט. גייט אַפילע „צופום צו דער אַרבעט", אַז אַלע זאָלן זען.

ער איז אַ גוטער מעיאָר, דער מר. ראָבערט בייקערמאַן. ער ער גיט אַלעמען אַ שאַנס. האָבן אים אַלע ליב. שטימען אַלע פאַר אים. ער קלאַפּט אייך איבער דער פּלייצע, איז מוירעדיק ליבעראַל, האַלט, אַז דער אַרבעטער איז אויך אַ מענטש, „מ'דאַרף אים געבן אַ שאַנס". אַליין האָט ער אַ קאָל, ווי אַ... קויהען באַם דוכענען: יעוואָרעבכאָ עווריבאַדי, גאַד בלעס יו אָל.

אונזער שמועס ווערט היים. די שטוביקע קוקן אַף מיר: נישט באַקוועם. אַזאַ גוטער מעיאָר, אַן אויהעוויסראָיעל, קען אַ פּאָר ווערטער לאָשנקוידעש, איז אַן אריינגייער אין אידישע שטיבער, רעדט מיט פסוקים, ווי „טעוויע", האָט יעדן טאָג נייע פּאָרטלען, ווי צו ראַטעווען די וועלט.

אַז אין ניו־בעדפאָרד און אין פאָל־דיווער ברענט די ערד, שווייגט ער נישט. ער גייט־אַרום און זאָגט: מי דאַרף די אַרבעטער געבן אַ שאַנס. באַקומט ער אַן איינלאַדונג פון די סטרייקערס, ער זאָל קומען קיין ניו־בעדפאָרד אַדרעסירן אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער, גייט ער זיך באַראָטן מיט זיינע אידישע פריינט. ראָטן זיי אים, ער זאָל נישט איינשטעלן זיין רעפּוטאַציע—זיי קענען נישט באַהויפּטן אים צו פאַרלירן פאַר אַ מעיאָר—אַזאַ ליבעראַל, וואָס קיין קלייניקייט נישט.

גיט ער שוין „זיינע אידן" אַ שאַנס און... פאָרט נישט, נאָר ער שרייבט בריוועלעך צום גובערנאַטאָר פולער. ער זאָל זען זיך אריינ־מישן, אויסוויילן אַ פשאָרע־קאָמיטעט פון דריי: איינער פון די סטרייקערס, איינער פון די באָסעס, און אַ דריטן, אַן „אומפּאַרטיי־אישן", זאָל דער גאָווערנאָר פולער אַליין אויסקלייבן.

איך האָב אים געזאָגט באַם געזעגענען זיך:

— אריינוואַרפן אין וואַסער אַ שטאָלענעם, שאַרפן, פאַרסאַמטן האַקן, קעדיי אַרויסשלעפּן איינעם, וואָס טרענקט זיך, איז קיין סייכל נישט, ביפראַט אַז ס'איז דאָ אַ פּאָשעטער וועג, צו ראַטעווען דעם, וואָס טרענקט זיך: מ'דאַרף בלויז אַריבערשרייען צו אים: „ברודער,

דאָס וואַסער איז נישט טיף; הייב דיך אויף און שטעל דיך אַף די פיס". אָבער אַ טשיקאַווער און וואוילער מענטש זענט איר, מיסטער מעיאָר. מיר'ן אייך געדענקען פאַרביידע זאַכן: פאַר דעם מוט צו רופן אַ פּראָטעסט־מיטינג אין דער נאַכט, ווען פולער האָט באַגאַנגען דעם טאָפּלטן מאָרד, און פאַר... בעטן דעמזעלבן גאָווערנאָר פולער, ער זאָל זיין אַ מיליציווישער פאַר די טעקסטיל־סטרייקערס.

:: :: ::

דאָס שטעטל פּיבאָדי איז נישט ווייט פון באָסטאָן—לעבן לין, טשעלסי און אַנדערע פאַבריק־שטעטלעך, וואָס זענען באָסטאָנס האַרעפּאַשנע קרוווים. באָסטאָן רעדט וועגן זיי שטיל: נישטאָ זיך וואָס צו באַרימען מיט אַזאַ מישפּאָכע פון שטעט, וואָס האָרעווען, שפּייען רויך, שוואַרצן זיך ס'פּאָנים צוליב מ'שטיקל ברויט.

באָסטאָן האָט אַ סימפאָנישן אָרקעסטער, אַ „האַרוואַרד", אַ „קאָמאָנס"—באָסטאָן האָט אַ פּוריטאַנישע טראַדיציע. נישט ווייט פון באָסטאָן איז סיילעם, וואו מי האָט אַמאָל, אין די גוטע יאָרן, אויב איר געדענקט, „קישעפמאַכערינס" פאַרברענט. נישט ווייט פון באָס־טאָן איז „דעדהעם"—דאָרט איז דאָס געריכט, וואו מ'האָט סאַקאָ און וואַנזעטי „געמישפּעט".

פּיבאָדי איז פול מיט גאַרבאַרניעס; דער טכויררישער ביטערער גערוך פון פעלן טראָגט זיך איבער אַלע גאַסן און געסלעך.

דאָ וואוינען און לעבן אַרום 16 טויזנט אַרבעטער—פון אַלע לענ־דער פון רומעניע, גאַליציע, פון אוקראַינע, פון סיריע, פון גריכנלאַנד, פון טערקיי. יעדער האָט זיין לאַנד און זיין שטעטל אַהער אַריבערגע־בראַכט, עס דאָ אָפּגעשטעלט.

ווייקט מען פעלן אין גאַרבאַרניע. די אַרבעט איז שווער, עסט־אויף די לונגען.

גאַרבאַרניעס שטינקען מיט... דאָלאַרן. איר זעט די געלע רויכעס פון די קוימענס? דאָס רויכערט מען קאַרבאָנעס פון... ריינע 65 פּראָצענט פּאַרדינסט! פון דעם שטינק ווערט גאָלד; פון דעם רויך ווערן דימענטן, ביפשטעקס, ברוסלער שפּיצן, הייזער מיט בראָנזענע רינעס און קרישטאָלענע פענצטער.

פון דעמזעלבן שטינק ווערט אָבער אויך: לונגען־אויסצערונג, האַרטע טעג, פוסטע נעכט, שיקרעס.

היינט, זאָגט מען מיר, איז שוין גאָלד קעגן דעם, ווי דער אַרבע־טער האָט דאָ געלעבט פאַר דער מילכאָמע.

אַ פּרעמדער אין אַ פרעמד לאַנד, אַ צעטומלטער, אַ מענטש,

וואָס קען נישט קיין צוראָס־אָס, האָט ער דאָ אַלע זיינע שלעכטע מינהאָגים אויסגעלעבט, זיין שווערע דאַליע אין בראַמפּן דערטרונקען.

היינט איז שוין גאָלד.

אוודאי ווערט נאָך היינט דער „רוס", און דער „רוטענער" און דער „טערק" דאָ באַהאַנדלט ערגער ווי דער איד, צי ווי דער אַמעריקאַנער. דער איד איז ניכטער, דער אַמעריקאַנער איז אַ מיוכעס, אָבער יענע זענען דאָך „שטומע שאָף", וואָס מי וויל דאָס טוט מען מיט זיי.

אַ גער אין אַ פרעמד לאַנד, זיצט דער טערק און טרינקט זיין קאַווע פון אַ פּיצעלע שעלכן, דער רוטענער שפּילט אַף אַ גאַרמאָשקע, דער „רוס" קנאַקט דיניע־קערלעך, גייט אין שיך מיט אַ סקריפּ.

דער אידישער „ביזנעסמאַן" האָט פון דעם האַנאָע:

— גוטע גאַיעם (דאָ זאָגן זיי גאַיעם, נישט „גאָאים"), גוטע גאַיעם, סי אַרבעט ווי אַ פערד, עסט ווי אַ בעהיימע, און האָט סייכל פון אַ פליג.

נישט אַלע, פאַרשטייט זיך.

אָט זעט איר דאָך: די „רוסישע גאַיעם" האָבן דאָ אַ קאָמוניס־טישן קלוב—אָבער דאָס זענען שוין די אינגערע עמיגראַנטן. זיי האָבן עס שוין פאַרשלעפּט פון דאָרטן! זיי שיקערן נישט, שלאָגן זיך נישט, לייענען ביכלעך, גייען גוט אָנגעטאָן.

די אַנדערע—גייען אין קלויסטער אַריין, בלייבן בלינד ווי די מוילוועורים.

מיר רעדן צו איינעם אַזאַ, וואָס טראָגט אַ גרין זיידן העמד מיט אַ גומענעם קראַגן, אָן אַ שניפּסל. ער איז אַ ביסל שיקער. קיין אַרבעט היינט נישטאָ, האָט ער זיך „צעבאַלעוועט", שטייט פאַרנט לעבן זיין גאַרבאַרניע, פּלוידערט, זידלט זיך.

איך פרעג אים:

— געפעלט דיר דאָ הי, ברודערל?

— געפעלט. אוודע. וואָס פעלט מיר דאָ? צו עסן איז דאָ און דער „סטיישאָן־הויז נאַ־באָרג דאַיוט".

איך פאַרשטיי די לעצטע ווערטער נישט. דערקלערט מען מיר: „סטיישאָן־הויז נאַ־באָרג דאַיוט" איז די טייטש, אַז אין דעם פּאָליציי־צירקל, וואו מי אַרעסטירט אים געוויינטלעך יעדן זונטיק און מי שטראָפירט אים מיט 25 דאָלאַר פאַר שיקערן, גיט מען אים דאָס רעכט אויסצוצאָלן די שטראָף מיט אַ דאָלאַר אַ וואָך. ער צאָלט קימאַט רעגולמעסיק אַ 3-4 דאָלאַרן אַ וואָך שטראָף פאַר טרינקען.

די ליבעראַלע טאַקאָנע צו צאָלן שטראָף אַף „אינסטאַלמענטס" (ראַטעס) האָט איינגעפירט דער ליבעראַלער בירגערמייסטער פון פּיבאַ־די, מיסטער בייקערמאַן.

:: :: ::

וועלכס שטעטל אין אַמעריקע האָט עס דען נישט איר מעין סטריט, איר „באָביט"? אָבער אַ כוץ באָביטן, האָט נאָך דער מעין־סטריט פון די שיך־שטעטלעך ארום באָסטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס סינקלעיר לואיס האָט נישט געקענט זען. דאַצו דאַרף מען דאָס פּיינע אויג,—דאָס מיקראָסקאָפּישע אויג, וואָס זאָל קענען זען דעם פּלעק אַפן פּלעק. זאָל קענען זען די ביי־קאָלירן פון דעם גרויסן געלן פיבער, וואָס איז איבער אונזער גאָלדענעם לאַנד.

נישט נאָר דעם קויעך פון זיינע הענט גאַנוועט מען צו באַם היגן גאַרבער, נאָר אויך דעם סייכל זיינעם פּלינדערט מען אוים. מי שרויפט ארוים פון געהירנקעסטל זיין פּראָסטן, פּויערשן סייכל, און מ'שטעלט דאָרט אריין אַן איידעלערן, קונציקערן סייכל פון זיידענע שמאַטעס.

פּאַרוואָרט מען אים צו טרינקען. גיט מען אים סאַם און מי ווערט רייך דאַפון. שטראָפירט מען אים און—ער צאָלט ווידער.

מאַנטיק דאַרף די פּאַבריק ארבעטער, לאָזט מען ארוים אַלע שיקורים פון די טפיסעס, און זיי גייען קריק, ווי בלינדע שאָף פון אומפרייע טפיסעס אין — פ ר י י ע.

און נישט וויים איז דאָך באָסטאָן און „האַרוואַרד". און דער „קאַמאָנס", און ריכטער טהעיערס זומער־היים.

דער דאָקטאָר דערציילט מיר דערפאַרונגען פון זיין פּראַקטיק צישן די „גאַליצישע גאָיעם".

...ס'איז ווילד און נישט צום גלויבן, אָבער ס'איז דאָך דער ריינער עמעס.

סצענע נומער איינס:

דו ביזט אַ דאָקטאָר, רופט מען דיך ערגעץ צו אַ „גאָי". דורכן טעלעפאָן זאָגט עמיצער: „אַן זדאַכנויעט". קומסט אריין, זעסטו אַן אָרעם שטיבל פול מיט געסט, אַלע אויסגעפּוצט לקאָוועד זונטיק, אַלע שיקער, אַלע פריילעך.

אַפן טיש שטייען וויינטרויבן, ניס, בארן, עפּל, געקויפטער לעקעך און — לײדיקע פּלעשער פון בראָמפן.

אין אַ ווינקל זיצט אַ יונגער מענטש אַף דר'ערד און... שטאַרבט זיך צוביסלעך.

כעוורע שטייען ארום אים, מינטערן אים, זאָגן אים וויצן, טרייס־לען אים, כליאַפּען אַף אים זעלצער־וואַסער.

דער דאָקטאָר גייט צו, לייגט־צו דעם סטעטאָסקאָפּ צו יענעמס האַרץ: שאַ. שטיל.

— טויט.

טויט?

טויט. נאָר מ׳טאָר אים נישט רירן פון אָרט. דער „קאָראָנער" דאַרף קומען אונטערזוכן, געבן אַ טויטנשיין.

אַלע נעמען זיך צעגיין. דער באַלעבאָס פון דער שטוב בלייבט אַליין מיט זיין מישפּאָכע און... מיטן מעס.

אַז סי ווערט אַביסל שטיל, גייט ער צו צום טויטן און זאָגט:

— איספּאָרטיל מניע פראַזדניק... טוואָיו מאַט! און ער טוט דעם טויטן אַ שפּיי אין פּאָנים אַריין.

סצענע נומער צוויי:

ס׳איז די טעג פון דער „שפּאַנקע" (די „שפּאַנישע אינפלוענציע"). די „פלו" וואָיעוועט דאָ אין פיבאַדי ערגער ווי אומעטום. ס׳איז קימאַט ווי אין יענער באַשרייבונג וועגן דער מאַגייפע־צייט אין פּאַריז, וואו אַ מענטש פּאָרט אַרום מיט אַ גרויסן וואָגן איבער די גאַסן און רופט אַף אַ קאָל: „ברענגט אַרויס אייערע מייסים, און וואַרפט זיי אַריין אין וואָגן!

דער דאָקטאָר צערייסט זיך שיר. מי צערייסט שיר זיין טעלעפאָן, מי קומט אַליין בעטן: „פּאַניע דאָקטאָר־לעבן, גיכער!" אַנדערע לאָזן איבער אַן אַדרויף, קעדיי צו זיין זיכער, אַז ער וועט נישט אָפּ־נאַרן און טאַקע קומען.

אין אַזאַ טאָג קומט צעלויפן אַ פרוי:

— דאָקטאָרל, איר מוזט גליך קומען, מיין מאַן איז בלאָ געוואָרן באַם עסן.

דער דאָקטאָר קומט אַריין, זעט ער אַ ריזיקער מענטש זיצט באַם טיש, האַלט אין די הענט אַ גאַנצע הון אַן אָפּגעקאָכטע, האַלט זי באַ איין פיסל, און די הון ציטערט באַ אים אין די הענט, זי פאַלט שיר נישט אַרויס.

— וואו איז דער כוילע?

— אָט־דאָס איז ער. דער וואָס עסט די „טשיקן", מיסטער דאָק־טאָר. ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט היץ, און סי וואַרפט אים אין קאַדאָכעס, האָב איך געטראַכט איכ׳ל אים אָפּקאָכן אַ גוטע יויך און אים געבן אַ גאַנצן הון אויפצועסן. אויב דאָס וועט אים נישט העלפן, וועט אים שוין דער רופאַ אויך נישט העלפן. אָבער—ער קען נישט עסן. זעט, ווי די הענט ציטערן באַ אים.

אין אַ האַלבער מינוט אַרום איז אין יענער שטוב געזעסן אַ מעס אַף אַ בענקל און געהאַלטן צענויפגעקלעמט צישן די ציין קימאַט אַ גאַנצע הון.

נישט ווייט פון פּיבאַדי איז באָסטאָן. אין באָסטאָן איז פאַראַן „די קרוין" פון אונזערע „קאַלעדזשעס"—האַרוואַרד. אין באָסטאָן זענען דאָ גרויסע מוזייען, אַ פיינער סימפאָנישער אָרקעסטער, פיינע טעאַטערס. נישט ווייט פון באָסטאָן איז דעדהעם. אין דעדהעם איז דאָס געריכטהויז, וואו מ'האָט „געמישפּעט" סאַקאָ און וואַנזעטי.

אָנהויב פון מיין וואַקאַציע

דאָס, וואָס איך גיי דאָ באַשרייבן, איז צונויפגעקליבן פון צעקנייטשטע נאָטיץ־בלעטלעך, פון קויטיקע באַן־פּלענער פאַרשריבן אַרום די ראַנדן.

עך, ווען דער געדאַנק זאָל קענען אַליין האַלטן אַ פעדער אין דער האַנט! עך, ווען דאָס האַרץ זאָל זיך אַליין קענען איינטונקן אין טינט און מיר פאַרשפּאָרן די אַרבעט! — אַוואַדע וואָלטן זיך מיינע דרייצן טעג אַזוי געוואָרפן אינם וואַסער, ווי לעבעדיקע, דורכזיכטיקע פיש, מיט גרינע און בלאָע און גאָלדענע פּינטעלעך אין די סאַפּירענע טייכן פון ניי־ענגלאַנד, וואָס הייסן מיט די רוישיקע נעמען: פּענאָבסקאָט, פּאַסאַגאַססאַ־וואַקעאַג, קאָבאָסיגאָנט און דעסגלייכן דאָרט.

בילדער און נעמען. סעדזשעקעאוק, מעדיבעמבס, אומבאַזוקסוס, פּאָליוואַג־פּאָנד, פּוקאַמונשיין. אין אַלע קלאַנגען לאַכן לעבטיקע טייכן, אין די אַלע טייכן קלינגען פּערלדיקע, שוימיקע, שפּרייאיקע קלאַנגען, וואָס מי שפּינט פון זיי אויס נעמען פאַר אַלע די ניי־ענגלאַנדישע טייכן, ריווערן און שנעלפּלוסן.

באַ די אַלע וואַסערן האָבן אַמאָל אינדיאַנער געשפּאַצירט אין זייערע שטילע מאָקאַסינען, געצויגן זייערע שטילע ליולקעס, געבלאָזן זייערע שטילע כּאַלומעס צו די שטילע הימלען אַרויף.

זענען די ווייסע געקומען מיט האַרטע שיך, באַנעגלט מיט גראָבע טשוועקעס. זייערע טריט האָבן הויך געהילכט איבער די איינזאַמע משופּעקייטן פון די בערג אַרום דעם טייך סעבו־מוק, אַרום די וואַסערלויפן פון דעם „טייך פון גרינעם אינזל". און יענע, די ווילדע, האָבן מיט שטילע טריט, אין הירשן־לעדערנע מאָקאַסינען, אָפּגעטראָטן קריק, זיך באַהאַלטן אין די „טויטע היילן", אין די קאָלירטע פּלאַכן פון די מאַהאָנק־טאָלן, דאָרטן גע־פּלאָכטן זייערע גראָז־מאַטעס, געפורעמט דאָס ליים פאַר זייערע טעפּ.

נו־יאָ, די װײַסע האָבן זײערע געטער געבראַכט אהער, קײן נײַ־ענגלאַנד, זײ דאָ אָפּגעשטעלט, ערגעץ אַפן פעלד. אַלײן געגאַנגען זוכן אַ שטיקל ברױט.

האָט די מילכאָמע־פאַרן־ברױט געפלאַקערט. מענטשן האָבן געלעבט, געליבט און געבױרן געװאָרן מער װי זײ האָבן געבײנקט און געטראַכט און געשטאָרבן. איז זײ די ערד אײנג געװאָרן. מיט מיסט האָט מען געדאַרפט די ערד אונטערקױפן זי זאָל לאָזן פון זיך אַרױס־דאַביװן די קוקורוז און די קאַרטאָפל. דאַמאָלט האָט מען זיך אין די פאַרגעסענע געטער דערמאָנט, זײ צוהילף גענומען אין טעג פון בלוט און ברױט.

אים נײַ־ענגלאַנדישן פּיאָנער איז ביז הײַנט נאָך געבליבן שפּורן פון ערשטע מראַגלים, פון װעגברעכער.

אינם נײַ־ענגלאַנדער איז די נאַטירלעכע גאַסטפרײַנטלעכ־קײט פון דעם אײנזאַמען פּיאָנער, דאָס געפיל אַז דו טאָרסט יענעם נישט אָנטרעטן אַפן פוס, װײַל אַנישט קען יענער אַנשטעלן קעגן דיר זײַן ביקס, און אױך דאָס שאַרפע איך־געפיל, דער איבער־געטריבענער כוש פאַר פלױטן, פאַר גרעניצן, פאַר שװער־מאַכן דאָס גרינגע אומזיניקע לעבן דורך פיזישע געװיכטן: אױרינגלעך אַף די אױערן, געװאַנטן אַפן לײַב, שטײנערנע און הילצערנע העמדער אַף איבערצושלאָפן די נאַכט.

אין נײַ־ענגלאַנד זענען הײַנט דאָ װײניג אינדיאַנער. דער „װײַסער" האָט זײ פאַרטריבן מיט זײַן שװערד; פאַרטריבן זײ װײַט, װײַט ערגעץ אין די „אינדיאַנישע רעזערװאַציעס", װאו מ'האַלט זײ װי טראָפּײען, מיט װעלכע אַ זיגער ציִרט־אױס זײַן שטוב.

אײנמאָל אין יאָר קומט אין די „רעזערװאַציעס" צופאָרן אַ שעליאַך פון דער װײַסער און כיטרער ראַסע. ברענגט ער זײ אַ מאַטאָ־נע צען דאָלאַר פאַר אַ סימען, אַז זײ זענען קנעכט און מוזן נעדאָװע־געלט נעמען און זינגען „סטאַר ספּענגלד־באַנער" און אױסהערן די דראָשע פון דעם „װײַסן" מיט דעם בראָמפּנפולן בױך, װײַסן זשילעט, גאָלדענער קײט.

װער סי האָט אַמאָל געהערט די שטילקײט אַפן טײַך מאָהאָנק, דער װײסט, אַז די בערג רעדן דאַפון, װײנען מיט אַזאַ געװײן, װאָס נאָר מערשקעס און גראָזשפּרינגערס און פײערפליגן קענען הערן.

מיר, װײַסע, באָדן זיך אין די אַלע װאַסערלעך, װאָס רוען דאָ אין די ערד־בעקנס, אין די אַלע שטילקײטן, הערן דאָס רױשן פון פּאַפּשױ אַף די אינדיאַנישע פעלדער, רופן אַפילע די שענסטע טעג פונם יאָר מיטן נאָמען „אינדיאַנישן זומער"; אָבער

מיר פארטראכטן זיך קיינמאל נישט וועגן דעם לעבן פון יענע, וואס האבן דא נעכטן געלעבט.

אף דעם „מאהאנק־טרעיל" (סטעזשקע פונם אינדיאנער שייוועט „מאהאנק") האב איך געבעטן בא אן אינדיאנישן קיישל־פלעכטער, וואס האט געפלאכטן גרייז־גרינע גראע צעפ (ענלעך צו זיינע אייגע־נע) ער זאל עפעס דערציילן פונם לעבן פון זיין שייוועט.

האט ער פארמאכט די אויגן, זיי אויפגעעפנט קריק און געזאגט:

— אויב דו וועסט עפעס קויפן, וועל איך דיר דערציילן א וויץ, וואס גייט ארום אין אונזער שייוועט.

איך האב בא אים געקויפט א געפלאכטן קריגל, ווי א פייגל־נעסט, מיך אוועקגעזעצט לעבן אים אף דר'ערד אפרוען, פארדוכערט מיין קליין ציוויליזירטע ליולקעלע אין דער אייגענער קויל־פייער, וואס ער האט אנגעצונדן זיין טיפע, לאנגע ליולקע, און איך האב געהערט ווי ער האט געפיפקעט און גערעדט:

— פיפ־פיפ. בא יעדן שייוועט איז דא א שייוועט־וויץ, פונקט ווי ס'איז דא א שייוועט־צייכן. בא די קאוואקסאס, לעמאשל, איז דא א וויץ וועגן א שלאנג, וואס, פיפ־פיפ, א יונג אינדיאנערל האט געפונען אין וואלד, זי אהיימגעבראכט און געזאגט: „די שלאנג קאר־טשעט זיך צענויף, זי האט בויכווייטיק, האב איך איר געגעבן ריצנ־אויל"; בא שאנאשואס איז פאראן דער וויץ וועגן דעם ווייסן, וואס עסט־אויף זיין אייגן מיסט, ווייל ער מיינט, אז ס'איז גאלד. אבער אונזער וויץ איז דער קליגסטער פון אלע, אונזער וויץ, פיפ־פיפ, איז אן עמעס, וואס האט פאסירט מיט איינעם פון אונזערע אוועס, אין דער צייט, ווען אונזער פאלק האט געגלאנצט, ווי א קרוין פון פערלעך.

ער איז געבליבן שטיין מיט א פאדעם גראז אין דער האנט (ער האט געהאלטן אין דורכציען אים דורך אן אויג פון א האנט־קיישל), און זיך צעשמייכלט מיט פוילע ציין:

— דו ווייסט, וואס אונזער וויץ איז? אונזער וויץ איז וועגן אן אינדיאנער, וואס איינעם מיט זיינע ברידער גייט ער ארוים אין א מילכאמע קעגן די ווייסע. באנאכט, אז זיי קומען קריק פון דער שלאכט, טראגט קימאט יעדער פון אונזערע בא די טשאפרינעס א „סקאלפ" (שארבן) פון א ווייסן מענטשן. נאר איינער, נעבעך, איז פארשעמט: ער האט סקאלפירט א נאקעטן קאפ מיט א ליסענע, קען ער זיין טראפיי נישט וויזן, טראגט ער זי אין א פארבלוטיקט טעפל. גייט אראפגעלאזט די נאז, און אלע לאכן פון אים.

אפן טייך מאהאנק איז דאס שווייגן שווער, ווייל ס'איז זייער

אלט און פארגליווערט. ווי אייזן, וואס פאלט פון די שטערן, איז דא דאס שוויגן אפן מאהאנק.

„שטילער ווי גארנישט", זאגט מען אף דעם טייך מאהאנק. אזוי שטיל ווי איינער, וואס טראכט פון מארד, זענען דא די ביימער און דאס בלאע גראז, און די גרין־געאדערטע שטיינדלעך, וואס לאכן אין וואסער, ווי אויגן פון גיפטיקע שלאנגען.

מאסאטשוזעטס

מר. פולערס מאסאטשוזעטס האט אן א שיר יאם־ברעגן און טייכן. טעג זענען דא איצט הייסע, מאצע־זומער־טעג, דער לעצטער ברעג פון געבליטן, וואס וועלן באלד רואיק ווערן, פרום ווערן.

מיר פארן היינטיקס מאל אף א גוטן אטאמאביל. די קאר האט אינעווייניק א סאך קנעפלעך און לעמפלעך, שליסלען און זייגערלעך. די אספאלט־לענטע ליגט פאראויס, פאראויס. איניינעם מיט אונזער קאר און מיט אונז, לויפן אויך „צוויי אייזערנע סטענגעס", צוויי וואונדערלעכע רייפן, וואס שפאנען צענויף דאס ריזיקע פאס, וואס הייסט ערד־רונד. די צוויי טאשמעס ווערן אלעמאל שמעלער, שמעלער, אבער פארלירן זיך קיינמאל נישט אינגאנצן, בלייבן שטענדיק פאר די אויגן, ווי א סימבאל פון עפעס א וואונדער, וואס געשעט אלע מינוט און אלע רגע.

אין דרויסן שפריצט א גראז־גרא רעגנדל. ס'צעהענגט דינע פאטשערקע־נעצן אין דער לופט, אבער אונז איז דא ווארעם און באקוועם אינם אטאמאביל, וואס גייט מיטן קויעך פון ראקעפעלערס נעגאנוועטן אויל.

איך זיץ פארנט לעבן שאפער און באטראכט מיר די וועלט דורך דער ווינטשויב. דער רעגן האט דאס שוצגלאז פארנעפלט. מאסאטשו־זעטס ווייננט אף אונזער קאר ארויף. די טרערן פון פארברענטע מאכ־שייפעס (דא גרויסט מען זיך אפאנים מיט דעם, וואס מ'האט דא אמאל „מאכשייפעס" געמאטערט. מיט בארימעריי רופט דער סיילעמער בירגער זיין שטאט: „וויטש סיטי", אדער ער אנאנסירט, „האט וויטש סענדוויטשעס"). נאר דאס שווארץ־גומענע אדערל פון פארנט אף דער אטאמאביל־שויב רירט זיך אין א האלבער נול, ווישט־אויס די טרערן, מאכט א שטיקל ארט פאר דעם שאפערס אויגן.

דאס נעמלעכע „משולאכעסל" איז מיר א גרוים וואונדער, ווי ס'רירט זיך מיט א פולס צוגלייך, פילט זיך גרינגער, ווען סי קומט

אראָפּ צום נידעריקסטן פּונקט, האָרעוועט שטאַרק באַם אָנהויב און באַם אויסלאָז.

ווי אַ קינד בין איך, דאַכט זיך מיר, איצט פאַראינטערעסירט נישט דאַווקע אין די גרויסע זאַכן פון דער וועלט, נאָר אויך אין די קליינע אָטאָמאָביל־ווייזערלעך, אין קאָלירטע שטיינדלעך, אין מוטער־פּערלנע מושלען, אין גומינדלעך וואָס פּוצן ס׳פּענצטער פאַר זייער באַלעבאָס.

דער דאָקטאָר, וואָס פאָרט מיט אונז, רעדט פון זיין פּיבאָדי, דערציילט פון די סיריער, וואָס נייען איין די קינדער אַפןווינטער.

מיר פרעגן אים, וואָס ער מיינט מיט „איינגייען די קינדער אַפן ווינטער״, און ער גיט צו פאַרשטיין אַזוי:

איך קום איינמאָל צו אַ סירישער פרוי אין שטוב אַריין. אַ קינד איז באַ איר קראַנק געוואָרן. „וואו איז דאָס קינד״? „אָט איז דאָס.״ „מי דאַרף עס אויסטוען״... „וואָס הייסט אויסטוען? דאָס קינד איז שוין איינגענייט אַפן ווינטער״. וואָס הייסט איינגענייט אַפן ווינטער?״ „איינגענייט אַפן ווינטער ווייסט איר נישט וואָס סי הייסט? אַז סי קומט אָנהויב ווינטער נייען מיר איין ס׳קינד אין וואַטענע קליידלעך. מיר לאָזן איבער אַ שטיקל פּלאַץ פון הינטן. ווייטער איז אַלצדינג פאַרנייט, סי זאָל נישט צוקומען כאָלילע קיין צוג״.

מיר האָבן זיך געהאַלטן אין אַראָפּלאָזן אין טאָל אַריין. די קאַר האָט זיך מעכאַיע געווען, געוואָלט זיך איבערגעבן דער גליטשיקייט־געפאַר, אַ פאַל־טוען דעם טויט אַפּן האַלז און זיך צעקושן מיט אים. נאָר דער מענטש באַם רעדל האָט איינגעהאַלטן. די איידעלע ווייזער־לעך אונטער די שייבלעך האָבן געציטערט, אַ פּיצל עלעקטריש לעמ־פּעלע האָט געברענט און באַלויכטן דעם שפּיץ פון מיין לינקער (און קאַלטער) קני. די רעדער האָבן געקרעכצט פון יסורים, וואָס מ׳נעמט באַ זיי צו די מעגלעכקייט זיך צו באַפרייען פונם וואָגן.

אונטן איז געלאָפן אַ שטראָם, ווי אַ מייזל מיט אַ נערווייאיש עקל, וואָס איז לענגער פון אים אליין. דאָס נעמלעכע מייזל האָט נערווייאיש געזוכט און געשנאָרכט עפּעס אַ ווינקל, וואו זיך צו באַ־האַלטן און זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט.

צישן די פאָרנדיקע אין אָטאָמאָביל איז געגאַנגער אַ דריבנער שמועס. דאָס „אָדערל״ האָט נאָך אַלץ געווישט די שויב, לעכטיק גע־מאַכט אַף יענער זייט, באַם שאָפער, אַף מיין זייט זענען פון דער פאָדער־שויב גערונען טרערן, גערונען, גערונען, גערונען.

האָב איך מיר דערמאָנט: דאָס איז געווען מיט יאָרן קריק אין די קעטסקיל־בערג. אַ פריינט מיינער, אויך אַ שרייבער, האָט מיך צוגערעדט צו גיין כאַפּן פיש אין טייך.

איך בין אוועק צום טייך מיט אַן אַנגל, לאַפּעטע און אַ פּאַר־זשאַווערט בלעכן קענדל. יענער האָט מיר געוויזן ווי אַזוי צו גראָבן ווערים—הינטער דער שטאַל, וואָס לעבן ברעג טייך.

איך האָב געגראָבן און געפונען גרויסע, ברוינע, גליטשיקע, רינגלדיקע ווערים. מיין פריינט, דער שרייבער, האָט מיר געוויזן ווי אַזוי אַרויפצושטעכן די ווערים לעבעדיקערהייט אַפן האַטשיקל. ער האָט עס געמאַכט זייער פּראָסט: אַ נעם־געטאָן דעם וואָרים צווישן דעם גראָבן פינגער און דעם אַנדערן. דער וואָרים האָט זיך צענויפ־געקאָרטשעט, געריסן זיך, אַרויסגעלאָזט אַזאַ מין שליים פון זיך, קעדיי זיך אַרויסצוגליטשן. יענער האָט אים אָבער געהאַלטן פעסט באַם קעפּל, צוגעקוועטשט, אַרויפגעשטאָכן און—אָט איז שוין דער וואָרים אַפן האַטשיקל, גרייט צו פאַרנאַרן אַנדערע, ווי ער איז אַליין פאַרנאַרט געוואָרן... (צו געפינען באַם וואָרים דעם כילעק צווישן דעם קאָפּ און דעם עק דאַרף מען אויך זיין מיט טויזנט הערנער).

איך האָב מיך געמוטשעט מיט אַן איינציקן וואָרים עפּשער פיר מינוט אַפן זייגער. כ'האָב זיין שליים נישט געקענט פאַרטראָגן. ס'איז מיר געוואָרן נישט־גוט, און ווען איך האָב סאָפּקאָלסאָף געהאַט אַרויפ־געשטעקט אים אַפן האַקן, האָב איך מיט פאַרמאַכטע אויגן אַ וואָרף געטאָן אין וואַסער אַריין דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג: וואָרים און שפּיגאַט און אַנגל און שפּינרעדל.

עמיצער האָט אין אָטאָמאָביל געזונגען פון דער העלער הויט:
„די טרעפּ צו די שטערן
זענען ליידיק,
נאָר איינער שטייט אַף זיי
און קניט
און וויינט!"

רעוויר

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַן ערטל באַם ברעג יאַם. דאָס וואַסער איז איצט „נישט געווען אינדערהיים". טיפער אָפּפלוס. צו באָדן זיך דאַרף מען גיין עפּשער אַ מייל, איבער דער ווייכער זאַמד־ערד, פאַרוואָרפן מיט יאַם־קראַפּיווע.

פעלזיקע אינזעלעך זענען פאַרזייט באַ די ברעגן פון רעוויר, מאַסאַטשוזעטס. אין הימל מוטשעט זיך די זון אַרויסצוקומען, נאָר

בעוורע וואָלקנס דערגייען איר די יאָרן, קריכן איר אַפן קאָפּ, לאָזן זי נישט קומען צו זיך.

אומאַנגענעם צו זען ווי מענטשן באָדן זיך, בעת סי רעגנט. דיר איז קאַלט, און דו מיינסט, אַז יענע, וואָס שטייען אין וואַסער, מוז אויך זיין קאַלט.

אין קוני־איילאַנד ווערט עס אַנדערש געמאַכט. דאָרטן גייט מען אין יאַם אריין געניסן אַלע וויגאָדעס.

אין אַ הייסן נאָכמיטאָג זעסטו: אַ דינער מענטש, אין אַ באָד־קאָסטיום, וואָס איז צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי ער, און פון וועלכן סי טריפט די בלאָע פאַרב, שטייט ער אין יאַם און מאַכט דריב־נע גימנאַסטיק. ער עסט אַ באַנאַנע, ער באָדט זיך און געניסט פון דער זון, און זעט נאָקעטלעכע פרויען, און מאַכט גימנאַסטיק.

דער נישט־איד ווייסט נאָך ניט פון פאַרכאַפּן אַלדינג מיטאמאָל. דער געזונטער מענטש איז נישט אַזוי פאַרליבט אינם לעבן, ווי דער קראַנקער,—באָדט ער זיך ווען ער באָדט זיך, עסט ער ווען ער עסט, מאַכט ער גימנאַסטיק ווען ער מאַכט גימנאַסטיק.

נאָך מאַניערן גוטע דאַרף מען אָבער פאָרט אָנקומען צום ניי־ענגלאַנדער: באַמערקט, כ'בעט אייך, אַז ער עסט קוקורוז עסט ער נישט פונם קאַטשן אַראָפּ, נאָר ער גראַבלט אַרויס די פּאַפּשוי־„ציינדלעך" מיט אַ גאָפּל, לאָזט איבער דאָס בעסטע פונם קוקורוז: די זאַפט פונם קאַטשן.

איך קוק אַף די מענטשן דאָ באַם ברעג יאַם. באַלעבאַטישע, געמיטלעכע מענטשן. זייערע פּענימער האָבן אַזאַ אָרעמען וואָקאַ־בולאַר. מער ווי צוויי־דריי ווערטער שטייט אַף זייערע פּענימער נישט אָנגעשריבן: „איך, מיינס, מיינס, איך"!

„זענען מענטשן געבוירן צו לעבן אָדער צו שטאַרבן?" פרעגט דער פילאָזאָפישער שאָפער אונזערער, בעת ער פאָרט שיר אריין אין אַ סלופּ. קיינער ענטפערט אים נישט. ער געניצט זיך אויס, שטעלט אָפּ די קאַר. דאָס „אָדערל" באַרואיקט זיך פון זיך אַליין און הערט אויף פּוצן ס'פענצטער: נישט מעבויעוו צו אַרבעטן, בעת יענער שטייט ליידיק. די וועגן זענען די לעצטע האַלבע שאָ געווען שלעכט. מ'האָט גאַנצע וועלדער, דאַכט זיך, אויסגעהאַקט און זייער „געביין" צעשיט אַף די וועגן. דער אַספאַלט איז צעריסן.

דער שאָפער זאָגט:

ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער זיך נישט געריכט אַף קיין אָטאָמאָבילן (אים האָט זיך צו יענער צייט אויסגעדאַכט, אַז מער ווי מיט אָקסן וועט דער מענטש קיינמאָל נישט פאָרן). דאַפאַר

האָט ער באַשאַפן וועגן פון ווייכער ערד. די נייע וועלטן, וואָס גאָט באַשאַפט איצט, באַשאַפט ער שוין מיט אַספּאַלטענע וועגן. עמעס, ער טוט עס נישט אומזיסט, ער וויל אַז מ'זאָל אים דאַפאַר לעבן מיט אַ פּאָר יאָר עקסטרע, אָבער סי לוינט זיך.

פלימוט

איך ווייס נישט ווי בא אַנדערע, אָבער בא מיר איז שרייבן אַ פּראָצעס פון לויטער ברענען. איך וועל בעסער אויסברענען אַ ביסל מער, איידער זיך דאַרפן נאָכאַמאָל אָנצינדן.

ס'איז קיין פּאַראַדאָקס נישט געווען, ווען איך האָב אַמאָל געזאָגט:

„איך קען אָדער שרייבן זיבן מאָל אַ וואָך גוטע זאַכן, אָדער איינמאָל אַ וואָך אַ שלעכטע זאַך".

...פאַרגעס איך דאָס נישט, ווען איך פאָר איבער די גרינע בערג, האָב אין זינען מיין פּאַך,—האַלט מיך אין פּאַסאָן, מאַך נאָטיצן.

ווי אַ מגילע פון גרין־גאָלדענע קאַפּריזן וויקלען זיך פאַר מיר די ערדשאַפטן—זאַפטיקע ערד מיט האָבער, מיט קוקורוזן, מיט עפּל און באַרן, פלוימען און פערשקעס. אָבער ווער האָט געדולד זיך אָוועקשטעלן לייענען די שיינע מגילע, ווען די וועלט וואַרט, ווי אַ נעוורַאַסטעניק, אַף דעם צווייטן שטיוול וואָס דאַרף פאַלן צו דר'ערד (אַף אַ שטאָק העכער פון אונז) פון איינעם וואָס גייט שלאָפן?

קיין פלימוט האָט דער ווינט פאַרטראָגן די ערשטע פּילגרימען פון ענגלאַנד. דאָרט איז געשטאַנען דאָס „וויגעלע פון דער אַמעריקאַנער פרייהייט". אַ וואַויל וויגעלע געווען, אין אַ שיינעם דרויסן, אַף שטילע יאַם־ברעגעס, באַאינזלט מיט גרינס. נאָך היינט שטייען דאָרט סימאָנים פון יענער פּיאָנערישער האַרטקייט, גייציקייט.

ס'איז נישט צו ראָטן אַ אידן, אָדער אַ נעגער, אָדער אַ כינעזער אַריינוצפאָרן אין יענער שטאָט אַריין. סיידן אייער נאָז איז נישט דער מאַסטבוים, אַף וועלכן סי הענגט די נאַציאָנאַלע פאָן.

אין פלימוט מעסט מען אייער נאָז אָפּן אַרשין. שטופּט זי נישט אין דער מעיפלאַוער־וואַזאָנע אַריין! אין פלימוט מעסט מען דעם שיקל פון אייערע אויגן, צי זענען זיי נישט צו מאַנדעלדיק־ברייט, צו מיזרעכדיק־פאַרכידעשט?

אין פלימוט, גובערניע מאַסאַטשוזעטס, איז געשטאַנען דאָס „וויגעלע פון פרייהייט". איצט פילט זיך פון דעמזעלבן וויגעלע

דער רייאַך פון פולער און טהעיער. אַ, פעלז פון פלימוט, פעלז פון פלימוט, ווי ביזטו טיף אריין אין דעם הארץ פון דיינע קינדער!

ס'איז נאַכט. אונזער קאַר פליט, פארברענט דעם וועג. די צוויי לאַמפּן אונזערע נעמען דעם וועג אף די שטראַלנדיקע הערנער, ווארפן אים אריבער אף הינטן.

„קארס" לויפן, איילן זיך דער גוטער יאר ווייסט זיי! — אוועק־צופאָרן אַדער אַנצוקומען? אַלע זענען אין גרוים איילעניש. צי וועט דען באַלד זיין אַ גרויסער שטורם? ווילן בליצן צעפלעכטן דעם וואַלד? אַדער עפּשער צעכאַפּט מען דאָרט ערגעץ ס'ברויט, דעם ווייַן, און פאַר אונז וועט גאָרנישט נישט בלייבן?

צײשן בערג

פאַראַנען בערג, וואָס הויקערן זיך מיט כאָניפע, ווי קעץ, וואָס ווילן עסן, און בערג וואָס זענען ווי לאָסט־קעמלען. און בערג וואָס זענען ווי קעלנערס מיט האַנטיכלעך אף די אָרעמס „וואָס'ט איר עפּעס ווינטשן?" — גרינגע בערג און שווערע. בערג, וואָס וואַקסן אריין אין וואַסער אריין, וואַקסן טאָפּל, מיט ווערדלעך פון אויבן און פון אונטן. בערג איינזאַמע, נישט־באַליבטע, מיט ליסענע קפּע. בערג וואָס זעען אוים ווי אַ שעד וואָלט זיי אויסגעבראָכן אין אַ מינוט פון נישט־גוטסקייט.

בערג געבענטשטע און פארשאָלטענע, בערג, וואָס נעמען דיר ארוים די קויכעס, און בערג וואָס זענען ווי אַ מאַטאָנע אף אַ דלאָניע.

מיר זענען איצט אין עפּל־לאַנד.

שווערע ביימער קרעכצן פון זאַטקייט; צווייגן בייגן זיך ווי מאַמעס פון 14 קינדער. עפּל פאַלן שטיל אראָפּ, פאַלן אף אונזער וועג.

מאָרגן וועלן זיי „קארס" איבערפאָרן, וועט זייער זאַפט פוילן און שמעקן אף אַלע וועגן.

זיך אויסמישן מיטן רייאַך פון פעטראָל און פון רויך און טראַכטן:

„אַט דאָס איז אַמעריקעס שעפע. אונטער די פיס געטראָטן פון די זאַטע, פון די ליפּן אוועקגעריסן בײַ די הונגעריקע".

נאַכט, נאַכט — —

די קאַר לויפט און פארוויגט. די ווייטקייט איז ווייַן וואָס שיקערט אָן. מיר ברענען צייט און רוים, ווי קטוירעס.

אַ געזאָלין־סטאַנציע. מיר בלייבן שטיין. פאַיען־אָן אונזער

מעטאלענעם שעד, גיסן אריין אין זיינע אינגעווייד פרישן, טונקעלן אייל, פון קופערנער קאן, וואס זעט־אוים ווי א גריכישער בעכער. אין די פיס־פינגער פון אונזער שעד בלאזט מען אריין א פרישן שעמ־האמפוירעש, ער זאל קענען פליען.

דער מאטאר איז מיד און היים, האט פון זיך ס'היטל אראפגע־ווארפן, שוויצט און קאכט זיך. מיר בארואיקן אים מיט א לאנגן טרונק וואסער. ער קילט זיך אפ, פארלירט זיין בייזקייט, איז גרייט ווידער צו זינגען זיינע זמירעס, „איז־איז־איז", און נישט פרעגן וואס, פארוואס, צוליב וואס ס'איז.

געזאלין־טעמפלען, מיט גרינע הענגלאמפן, רויטע גאז־פלימפן, וואונדערלעכע אינסטרומענטן און געצייגן צו באדינען דעם גאט פון שנעלקייט, וואס שלינגט מיילן ווי א ריז שלינגט יאדרעס.

קען זיין: שפעטער מיט טויזנט יאר, ווען מענטשן וועלן ווידער גיין צעפוס, אדער האבן נאטירלעכע פליגל, וועט מען אויסגראבן די־א פארשיטע טעמפלען, און מי וועט זיך כידעשן און ברעכן די קעפ: צו וואס פאר א גאט האבן מענטשן געבויט אזוינע טעמפלען? וואס פאר א קארבאנעס האט מען געקוילעט מיט די וואונדערלעכע אינ־סטרומענטן, וואס מ'האט אין יענע טעמפלען געפונען? ווי אזוי האט יענע רעליגיע געהייסן? וואס פאר א ריזן־פריסטער האבן דע־מאלט געלעבט, וואס מ'האט זיי געזאלבט פון אזוינע גרויסע אייל־בעכערס ארוים?

גרינפילד

גרוים און רייך איז אונזער לאנד. פון קאלטואוו איז בא אונז דא, נאר—פאר וועמען?

אין פריען פרימארגן פארסטו מיט א טראם־קאר, ביז די וועלד־לעך ארום די פאבריקן פון לארענס. לאנגע קוימען־העלזער וועקן די אלטע זון אויף. דער „מערימער־ריווער" איז ערשט פון שלאף אויפגע־שטאנען. גארגלט זיך דעם האלז, שווענקט זיך די ציין. ארבעטער איילן זיך צו דער ארבעט מיט קעסטעלעך אין די הענט; איילן זיך פארשלונגען צו ווערן פון די זעק מיט שטיינער, אויסגעלאשן צו ווערן פונם לעבטיקן טאג. פארפאלן צו ווערן אף שאען און ארויסקומען אף יענער זייט טאג, מיט א שטיקל ברויט אין דער האנט. פאר זיי איז דער טאג אנגעטאפטשעט פול מיט שאען, מיט מינוטן, מיט רעגעס, און איבער אלע מוז מען קלעטערן און צישן אלע איז ענג, דערשטיקט צו ווערן.

גרינפילד, מאסאטשוזעטס; דא זענען טינט־פאבריקן,

פּאַפּיר־פאַבריקן. אַ טייך פּאַרקויטיקט און איינגעשפּאַנט צו דרייען רעדער, באַוועגן וואַלצן. דער מענטש, אַ שוטעף צום קויטיקן, באַ־שיידענעם וואַסער, דעם אַרבעטערס טאָג אַף די מיל־שטיינער, טרייבט און באַוועגט און—מאַכט פּאַפּיר, מאַכט טינט. אַפן פּאַפּיר דרוקט מען מאַיסעס צו פאַרטעמפּן זיין מויעך. מיט דער טינט טוט מען דאָס אייגענע.

אין מיטן פון יעדער שטאָט און שטעטל, אין סאַמע מאַרק־פּלאַץ פון מעין־סטריט, איז דער טויטער מילכאָמע־העלד אַפן פערד, מיטן שטאָל־העלמעט אין האַנט.

אונזערע טויטע העלדן אַף בראָנזענע פערד, רייטן איבער אַלע מעין־סטריטס פון אַמעריקע, זאָגן־אָן די לעגענדע פון רום, פון גרויס־קייט, וועקן צו מילכאָמע, ווי צו עפּעס אַ שיינער און גרויסער זאַך, אָן וועלכער די וועלט קען זיך נישט באַגיין. זיי זאָגן פון די פערד אַראָפּ:

„איר זעט? פאַר אַזאַ קליינינקייט ווי דאָס שטיקל לעבן דאָרטן, וואָס מיר האָבן אַוועקגעלייגט אַפן שלאַכטפעלד, גיט מען אונז אייביקן רום! דאָרטן האָבן אונז עפּשער די פערד צעטראָטן, דאָ זיצן מיר אייביק אַף די פערד. דאָרטן זענען מיר עפּשער געלאָפן פונם סוינע צו ראַטע־ווען אונזער לעבן, דאָ זענען מיר אין העלדישע פּאָזעס איינגעבראָנזט! ביז אין די אַלע אייביקייטן אַריין וועלן מיר דאָ שטיין מיט די ביקסן, גרייט צו פאַרטיידיקן דעם קאָוועד פון אונזער פאָטערלאַנד“.

לעבן אַזאַ בראָנזענעם פערד זעסטו אַמאָל ווי סי שטייט אַ פּראָסט פערד, אַ לעבעדיקס, קוקט מיט גרויסע אויגן און איז אים מעקאַנע.

האָנק־קהאָנק! אונזער אָטאָמאָביל גיט אַ טרובע. דאָס לעבע־דיקע פערד קוקט זיך אום, דערשרעקט זיך. דאָס בראָנזענע פערד אָבער בלייבט שטיל, רואיק, בראַוו.

שאַ, וואָס זענען דאָס פאַר אַ בלינדע טפיסעס, איך בעט אייך, אין דעם שיינעם שטעטל גרינפילד, וואו שנעלפלוסן רוישן איבער אַ באַרג־טעראַסע? אַ, יעס, דאָס זענען דאָך „ק אָ מ פּ אַ נ י ־ ה י י ־ ז ע ר“, וואָס די פאַבריקאַנטן בויען פאַר זייערע אַרבעטער. קינדער שטייען מיט פאַרשמירטע נעז צו דעם שטיקל גלאָז פון דער דרויסן־ טיר, טרויעריקע אויגן קוקן אַף דער וועלט אַרויס.

אָן אַקסל־צו־אָן־אַקסל, טראָגן די ציגעלנע פאַרזעענישן האַרטע, קאַלטע זידלווערטער פאַר די באַשאַפער פון אַלדאָס־גוטס.. זייערע געפייניקטע שורעס מיט ציגלנע זעק, וואָס האָבן דעם קאָליר פון קרעץ, אַלע גלייך צוגעשניטן. קיין ביסל גראָז נישטאָ, קיין לייטישע טיר, קיין גאַנצער דאַך, קיין געפאַרבט לאָדענדל, נאָר — פאַרשאָלטענע סימעטרישע מיעסקייט.

אין יעדן שטעטל דאָס אייגענע: אַ פאַבריק מיט אַ פּאָר הונדערט ארבעטער (אָדער אַ פּאָר טויזנט), צו די פּאָר הונדערט (אָדער פּאָר טויזנט) טוליעט זיך צו אַ שטעטל פון ליידיקגייערס, גאָטס־גאַנאָווים, פּאָליטישנס, נאַפּקעס, גאַלאָכים, ראַבאָנים. צען פּאָר הענט זענען „ווייס און איידל“ אַפן כעזשבן פון איין פּאָר פאַרשמירטע הענט.

„קאָמפּאַני־הייזער“ פון איין זייט, און „גאָלף־גערטנער“ אַף דער אַנדערער. שלימאַזלדיקע, בלוטקראַנקע פּלישטים קיצלען אַ קליינעם באַל פון איין לעכל אין אַנדערן אַריין. דאַצו דאַרף מען אַ ג ר ו י ס פעלד. טויזנט ברויטן מוזן זיך אָפּזאָגן פון לעבן, קעדיי אַזאַ שלעמיעל זאָל קענען שפּילן גאָלף! צו יעדן גאָלף־שפּילער, אַף וועמען צענד־ליקער מענטשן אַרבעטן אין שטינק פון גאַרבאַרניעס, אין לעבנס־געפאַר פון קוילנשאַכטעס, מוז מען נאָך צוגעבן אַ באַזונדערן מענטשן (אַ „קאַדדי“) צו טראָגן די גאָלף־שטעקנס, אויפצוזוכן דאָס באָלכן, וואָס ווערט אַלע מינוט פאַרלוירן ערגעץ אַפן גרויסן פעלד און אַ צענדליק מענטשן, וואָס זאָלן די נעמלעכע „גאָלף־לינקס“ האַלטן אין פּאַסאָן—זיי פּוצן, שערן, ראַזירן, גרין־האַלטן.

און ווי שטאָלץ זיי גייען דאָס מיט די גאָלף־שטעקנס פון די פעלדער, אין דער צייט וואָס די מידע שניטערס גייען פונם פעלד, מיט די קאָסעס!

לענאָקס

איצט זענען מיר אין ל ע נ אָ ק ס, מאַסס. — דאָס סאַמע רייכסטע וואוין־שטעטל אין אַמעריקע. דאָ זענען פּאַלאַצן פון קאַראַרער מירמלשטיין. טויערן, וואָס מ׳זעט אַף זיי נישט אָן די ריגלען; טרעפּ פון רויטן צעדער, קוימענס אין דער פאָרם פון ביקסן. קלויסטערס מיט הונדערט־טויזנט דאָלאַרדיקע גלעקער וועקן צו פרומ־קייט און גוצקייט און מאַיסימטויווים. (בעים פון אַ פּולמאַן־וואַגאָן, וואָס געפינט זיך אַף אַ זייטיקער רעלסע, קריכט אַרויס אַן אַלט פרויעלע מיט וואַשלאַפּן און שמוץ־עמער).

דאָ איז דער „אייזערנער זעלנער“ מיט גאָלד אָפּגעפאַרבט, דאָ גייט ער אייך מיט דער שפּיז גלייך אין די אינגעווייד אַריין—די ליפּן פאַרביסן, די אויגן האַלב־פאַרמאַכט, ווי אין עקסטאַז. דאָס בלעך־היטל אַפן קאָפּ, ווי אַ קרוין פון אַ „הייליקן אַפּאָסטל“.

— ווער האָט דיך אַזוי אָפּגעגילט, דו טויטער זעלנער? ווער האָט דיר די אויגן מיט גאָלד אָפּגעשמירט דו זאָלסט מיינען, אַז טאָג גייט אויף?

בים, באַם, ענטפערט דער הונדערט־טויזנט דאָלאַרדיקער גלאָק פון דעם גרינעם קלויסטער־טורם. ער רופט צו גוצקייט און צו מאַיסים־טויוויס...

לענאָקס איז פינקלדיק־ריין. א שפרענקעלע לאָזט מען אף דער ערד נישט פאַלן.

איך בין אראָפּגעגאַנגען איינקויפן פראָוויאַנט און איך בין געווען פארבליפט דאפון, וואָס אומעטום האָט מען מיר געגעבן געלט־רעשט אין נייע, גלאַנציקע מינצן. איך האָב מיך נאָכגעפרעגט בא א בעקער, ווי סי קומען צו אים אזוי פיל נייע זילבער־שטעקלעך און ער האָט מיר גענטפערט:

—ניי? זיי זענען נישט ניי. מיר וואַשן אונזערע מינצן פון ריינקייט וועגן.

— און אויך צוליב שיינקייט! — האָט זיך ארייַנגעמישט דעם בעקערס ווייב, וואָס האָט געטראָגן א ווייסע קופקע, ווי א וואַרטס־פרוי בא א קימפעטאָרין.

ציכטיק און שיין, פרום און גוט; זעלנער און מאַיסימטויוויס, גלאַנציקע מינצן און קאָמפּאַני־הייזער, ניו־בעדפאָרד און לענאָקס, זאָל דאָס ניי־ענגלאַנד זיין? דאָס אָרט וואו דאָס „ווינגעלע" איז געשטאַנען?

אָט גייען די גאָלף־שפּילערס שוין אהיים פון די פעלדער.

די אָטאָמאָבילן זייערע פייפן, סטראַשען, איילן זיך. א ווייסטע בעזאָלאָוויע אף זיי! זיי שרייען אף די „קאַדדיס", וואָס טראָגן נאָך די שטעקנס. זייערע וואוילטאָגישע געשרייען מישן זיך אויס מיט די ווייסע שאַרפן און ליכטיקע פרויען־געלעכטערס פון זייער ווייבוואַרג. גלעקלדיקע פרייד צעשיט זיך איבער די „גאָלף־לינקס" פון לענאָקס.

וואָס פאַר א פראַכטיק לאַנד אמעריקע איז!

קוקורוזעלעך מיט שלאַבריקע הענטלעך, וואָס האָבן ווייכע פינגער, געזעגענען זיך מיט אונז פון דער וויטן און זאָגן:

— א גוטן טאָג, קינדער, א גוטן טאָג, זומער־לעבן!

סי פאַלט שוין ווידעראַמאָל צו די נאַכט מיט אירע קילע, געלע שאָטנס. אונזער קאַר לויפט איבער דער לענטע, שלינגט מיילן און שפייט זיי די גאָלף־שפּילערס אין פּאָנים אריין.

ס'איז וויפיל שוין? יאָ, ס'איז שוין דער דריטער טאָג פון מיין וואַקאַציע, קיין קוראָפּאַטקע האָב איך נאָך נישט געשאָסן, קיין געפלעקטע סאַרדעלן האָב איך נאָך נישט געכאַפּט. קיין גאָלף האָב

איך נאָך נישט געשפּילט. פון קיין פערד בין איך נאָך נישט אַראָפּ־געפאַלן—מיט וואָס איכ'ל קריקקומען קיין ניו יאָרק הייב איך נישט אָן צו וויסן.

מאָהאָנק־טרעיל

א שטורם, וואָס האָט געהאַלטן אין אָנקומען איבער די בערקשיר־בערג, האָט עס איבערגעטראַכט מיט אַ פּאָר טרוקענע בליץ־געדאַנקען, ווי גרינגגאָלדענע גימלען, און סי האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט.

מיר זענען אַף דער „מאָהאָנק־טרעיל", די וואונדערלעכע נאַטור־סטעזשקע, אַפן וועג צישן „האָרנאָדל־ווינקל" און נאָרט אדאַמס.

ס'איז געווען גליטשיק דער וועג. איך האָב אַראָפּגעקוקט מיט איין אויג איבער די מסוקענע אָפּגרונטן, וואָס האָבן זיך מעכאַיע געווען מיט אונזער שרעק. מיט דעם אַנדערן אויג האָב איך געפינטלט און מיך געשראָקן אַראָפּצוקוקן אין די הערלעכע סקאָנעסנעפּאָשעסן, פון דער מיילן־טיפער שיסל, וואו זון־און־רעגן האָבן ביידע געשפּילט אַף א י י ן אָרגל, און גוטמוטיקע בליצן האָבן געקנאַקט ניס מיט די אויגן.

דער מאָהאָנק־טרעיל (זאָגט אונז ס'ביכל) האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אַפילע אין דער געגנט פון מעראָן, אין דער שווייץ. (וויפיל „שווייצן", כ'בעט אייך, האָט די וועלט?—אין אַמעריקע אַליין איז דאָ העכער עלף הונדערט!) קומט און באַזעצט זיך הי, און פאַרברענגט דאָ אייערע זומערס. עסט גאָלדענע פּאָמעראַנצן, קייעט גאָלדענעם זונענשיין, כאַפּטס גאָלדענע פישלעך, כאָלעמט גאָלדענע כאַ—

נו, איז דאָס שוין אַמעריקע—צי ניין?

שיינקייט ווערט דאָ רעקלאַמירט ווי... זייף! נאַטור־וואונדער, פּליז. אַהער, אַהער. ביליק, ביליק! באַזעצט זיך אַף די בערק־שירס. גיט צו לייזן. שטימט פאַר—. קויפט, קויפט.

אַף יעדן פערטל מייל פון מאָהאָנק־טרעיל: אַן „אָבזערוואַטאָ־ריע". א הויך געשטעל מיט טרעפּלעך אַרויפצוגיין צו באַטראַכטן די נאַטור־וואונדער: צען סענט אַ קוק. א שפּאַקטיף—אויך צען סענט. אַן פּעקל מיט קאָלירטע בילדלעך—25 סענט. א רויטע בלייפעדער אַף אָנצושרייבן אייער נאָמען אַף דער „וואַנט פון אייבי־קייט"—נאָך 5 סענט.

אָטאָמאָבילס ציען זיך, ציען זיך, ווי לאַקירטע זשוקעס, פרייליכע גליטש־שפּרינגעלעך, א פילפאַרביקער און לאַקירטער היישעריק, וואָס

לאָזט זיך אַראָפּ אויף דעם פּנים פון דער נאַטור און וועט איר (פון הונגער) די אויגן אויסעסן.

אין די זייטן קוקט זיך קיינער נישט אום. דאָרטן שטייען גאַנצע מישפּחות מיט בריוועקסטלעך, בעטן זיך אַ גוטוואָרט פון ערגעץ, אַ טרייסט. אַנשטאָט דעם קומען קאַטאַלאָגן פון אַזוינע געשעפטן, וואָס פאַרקויפן בלויז דורך דער פּאָסט: „סירס ראָובאָק" פון שיקאַגאָ, „וויליאַמס" פון ניו יאָרק. דאָרטן זענען אויך אַזוינע קליינע האַלץ־פּלאַטפאָרמעס, וואו פאַרמערס שטעלן אינדערפרי זייערע קאַנען מיט מילך אַוועק. דער מילך־טראַסט (דער מילך־אָקטאָפּוס) שיקט זיינע טויזנט קלויען אַרויס, נעמט־צענויף די אַלע קאַנען מיט נאָך־נישט־אָפּגעקילטער מילך, גיסט זיי איבער אין אַ ריזיקן פאַס, וואָס איז אַ מאַסליצע. צעשיקט דערנאָך די פּוטער אין אַלע טיילן פון אַמעריקע, פאַרדינט דאָבּיי אַ שיינעם גראָשן.

אומעטיק זענען די פּאַרוואָרפענע שליאַכן פון די דערפער. לירישע די בריוועקסטלעך, עלעגיש די גראָבע צייטונגען, וואָס די שוואַכע קעסטלעך קענען נישט אינגאַנצן איינשלינגען. דאָרטן, ערגעץ־ווייט, אָפּגערוקט פון דער אַספאַלט־לענטע, ליגן די פּאַרוואָרפענע פאַרמס, האָרעווען די ביעדניאַקעס, ציען פון האַרטע פעלדער די קליי פון די ביינער, נאָגן מיט פאַרשמאַכטע ליפּן דאָס ביסל מאַרך פון דער ערד אויס.

אויפן הויפּט־וועג איז די אַספאַלט־לענטע דער צייכן פון ציוויליזאַציע און קולטור. אויף די זייטיקע וועגן אָבער שוויצט ניי־ענגלאַנד אונטער אַ וואָלן העמד, מיטן האָריקן האַרץ אין דרויסן, די אויערן מיט קלויסטערישן דראָשע־וואַקס פאַרשטאָפּט, די אויגן מיט הימל־שמאַכטעם פאַרבלענדט.

וואו זענען די טאָראָס און ברייענטס, וואָס זאָלן היינט זינגען אַ ליבּ צום ניי־ענגלאַנד פון טרויער און טרערן?

וואו זענען די נייע האָטאָרנס, וואָס זאָלן באַזינגען די סטערטעס היי אין שטעכיקן פעלד? די גענזעלעך אין דער גרינער אָזערע? דאָס קעלבל, וואָס איז צוגעבונדן צו אַ סלופּיקל, לעבן הויז, און וואָס זיין „מו" איז אַזוי טרויעריק, ווי דער שטומער „מו" אין די אויגן פון אויסגעטריקנטע, אויסגעהאָרעוועטע, אָרימע פאַרמערס אין די פאַרוואָרפענע ווינקלען פון ניי־ענגלאַנדס פאַרמס?

באַרבעקיו

צי ווייסט איר אַשטייגער וואָס ס'הייסט „באַרבעקיו"?

שעמט זיך נישט און זאָגט, אַז איר ווייסט נישט. איך האָב אַליין אויך נישט געוואוסט, ביז איך בין געקומען קיין באָסטאָן.

באַרבעקיו איז עפּשער געווען אַמאָל דער נאָמען פון דער באַיע אָדער פון דעם אָף, וואָס מי האָט געבראָטן אַף אַ שפּיז איבערן פייער. היינט אָבער איז באַרבעקיו די טייטש: אַן אָף געבראָטן אַף אַ האָליץ-פייער. דאָס מוז אוודאי זיין דער אַלט-ענגלישער „ספּיט", וואָס ווערט אַזוי אָפט דערמאָנט אין די שריפטן פון טשאַרלז דיקענס.

„באַרבעקיו" און „וואַפלס" און „מייפּלסירופּ" און קוקורוזע, און סלאַיעקלעך מיט האָניק און אַנדערע גוטע זאַכן דערקוויקן דעם גומען פון דעם טוריסט אין ניי-ענגלאַנד.

אַף טישלעך שטעלט דער פאַרמער (אויב זיין פאַרם ליגט אַפן הויפּט-וועג) אַרויס זיין ביסל אָרימקייט: עטלעכע „טאָמייטאָס", אַ קעסטעלע פערשקעס, אַ הורבוז. די בכוירע פון זיין גאָרטן-גערעטעניש.

צו אים, צו דעם טוריסט, בוקן זיך אַלע ראָטאַרי-קלובס, שמייכלען אַלע „קיוואַנים", ווינקען אַלע „האַנדלס-קאַמערן". מ'בעט זיך: קומט, זייט אַזוי גוט, עסט אונזערע וואַפלס, אונזערע באַרבעקיוס, באַוואונדערט אונזער הימל. עסט-אויף אונזערע ערשטע און געראָטנסטע פּרוכט. מיר, די פאַרמערס אַליין, וועלן זיך שוין באַגיין מיט וואָס-סי-איז. קויפט. קויפט. קוי-פּ-ט!

דער טוריסט (און זיין אָטאָמאָביל) ווערט דאָ אויפגענומען מיט פּאָמפּ. ווי די לוסטיקע היישעריקן פליען זיי אַרום, די טוריסטן, אומעטום, עסן-אויף: אין ניו העמשייר—די יונגע „גאָלדשטעקן-קוקורוזע", אין איפּסוויטש — די ראַקעס, אין „מאַרטאַס ווייניאַרטן" —די באַרבעקיוס. אין ראָנסעלאַר—די עפּל, די באַרן.

דער בורזשוי-היישעריק פליט-אַרום אין אַלע בערג, אין אַלע טייכן און יאַם-ברעגעס און—שמעקט מיט דער נאָז, וואָס מי קען עפּעס אויפעסן, אָפּגריזשען, דערנאָך—אוועקפליען קריק אין שטאָט אַריין.

מיט קיין זאַך קענט איר נישט אַזוי צוציען דעם רייכן טוריסט, ווי מיט — עסן.

נאַטור? מאַכעטייסע. וואַסערפאַלן, פאַרביק זאַמד, גראַניט וואָס לויכט אין דער פינצטער, דער זונס גוואַלטיקע ליכט-קונצן אין די טאָלן פון דער „מאַהאָנק-סטעזשקע"—אָלרייט. אָבער—וואָס'טן עסן היינט אַף פרישטיק, אַף מיטאָג, אַף נאַכטמאָל? און—ווען הייבט מען שוין אָן צו טאַנצן? צי וועלן די פעניצלעך כאָזער זיין קרוכלע, און די אייער אין דער פּרייפאַן, ווי צוויי זון-בלומען אַף

א ווייסן גרונט? צי וועט דער באַרבעקיו זיין גוט געסמאַזשעט, באַטאַמט, צוגעברוינט, גוט באַזאַלצן און סערווירט ווי א פיינער... נאַטור־מאָרט? וועט ער זיין קינסטלעריש קאָמבינירט, אַזוי, אַז די פאַרבן זאָלן וועקן אַפּעטיט באַם אויג אין דערזעלבער צייט, וואָס דער רייאַך וועט קיצלען דעם גומען, אַרויסרופן דאָס שפּייעכץ פון די פאַרדייאונג־דריזן?

אָרעם און רייך

רייך און פעט איז אונזער לאַנד—פאַר דעם רייכן און פעטן. מאָגער און אָרעם איז אונזער לאַנד—פאַר דעם אָרעמען און מאָגערן.

דער פאַרמער אַף די ווייטע ווינקלוועגן פון ניי־ענגלאַנד, וואָס קולטיווירט דעם בעסטן „גאָלדן באַנטאַם" פּאַפּשוי, די געשמאַקסטע באַלדווין־עפּל, די בעסטע האָלשטיין־קי און פּלימוט־הינער, שיקט זיינע פּראָדוקטן אין שטאָט אַריין. פאַר אַ שיבעש פאַרקויפט ער די פּירעס פון זיין גאָרטן, די פּרוכט פון זיין פעלד, פון זיין סאָד,—גייט־עס־דורך הונדערט הענט. אַלע הונדערט פרעמדע הענט פּאַטשקען זיך מיט דעם, קוועטשן אויס צוויי סענט פון יעדן עפּל. צוויי סענט פון יעדער קוקורוזע, זעקס סענט פון יעדן פונט פּוטער. זיי זענען „מיטל־לייט", שאַדכאָנים צישן אייער גומען און דעם פאַרמערס פעלד. אַליין טוען זיי גאָרנישט, אַכוץ, וואָס זיי פאַרזוכן די שיינע קאַלעס און גיבן־אָפּ א לויב צו גאָט פאַר זיין שיינער וועלט. (אַך, ווי די פעטע עפּל זיצן דער מאַמען אַפן קאָפּ; צעברעכן איר דעם רוקן, דרייען אוים אירע גלידער, בייגן זי אין דרייען!).

דער פאַרמער אַליין, ווי דער שטאָטישער און שטעטלדיקער אַרבעטער—עסט קאַראַכעס מיט קאָשערן פאַדעם. דאָס אָפּפאַל און אָפּפויל פון אַלע פּרוכטן פון דער ערד. די שיטערע בלאָע מילך, פון וועלכן מ'האָט די סמעטעאָנקע אַראָפּגענומען, אַלט פאַרשימלט ברויט, א ווערעמדיק עפּלע, צי אַ באַרל.

אין דער גרויסער שטאָט זיצט דער „באַנקיר", דער „גרויסער קאָפּ", דער „מידער ביזנעסמאַן" און פרעסט־אויף דיין גאָרטן, פאַרטיליקט דיינע סעדער. דורכן טעלעפאָן, קען מען זאָגן, גריזשעט ער אָפּ דיינע פעלדער, טרייסלט ער אָפּ די עפּל און באַרן און פערשקעס פון דיינע ביימער, די טרויבן פון דיינע וויינשטאָקן, מעלקט אָפּ די בעסטע מילך פון דיינע בעהיימעס, פאַררויכערט מיט אַ ציגאַר ווענמנס בלעטער דער נעגער (אָדער ווייסער שקלאַף) האָט געהיט אונטער גלאָז, זיך די פינגער צעבלוטיקט באַם רייסן, דעם רוקן געבויגן ביז טויטער מידקייט—באַם טריקענען און „היילן" די בלעטער. (אַך, איז אַמעריקע אַן אָרעם לאַנד!).

פיטשבורג.

דאָ איז אַ פינלענדישע קאָלאָניע. זיי פאַרנעמען זיך מיט מאַכן געפלאָכטענע מעבל פון פריטקעלעך. אין די וויגן, וואָס ווערן געמאַכט אין פיטשבורג, וויגט זיך האַלב אַמעריקע מיט קינדער. אין די טייערע פיטשבורגער קינדער־וויגעלעך ווערן די קינדער אַרומגעפירט איבער די פאַרקן, ביז זיי קענען אַליין אָף די פיס שטיין, פאַפירענע שלאַנגען צום הימל לאָזן.

דערווייל זענען זיי נאָך יונג, שטרעקן נאָך אויס די הענטלעך צו דער זון, ווילן די זון־פייגל אין דער זשמעניע אַריינכאַפּן.

ס'רייכע יונג־אַמעריקע וויגט זיך אין אַ וויגעלע, געמאַכט פון אַ קאָמוניסטישן וויגל־פלעכטער אין פיטשבורג. דערווייל וויגט זי זיך נאָך גאַנץ באַקוועם. די באַנע היט־אָפּ, אַז די שאַרפע זון זאָל די אויגן נישט קאַליע מאַכן. אַ ווייסע, ציכטיקע נעץ פון שיפאָן־שטאָף איז איבערן פּאָנים פון קינד. איז אַלצדינג שיין און ריין און קיל. אַ בין זויגט כּאַלילע נישט דעם האָניק פונם יונגן שלעיפל. אַ שמעטערלינג שטעלט זיך כּאַלילע נישט אָפּן קינדס הערצל.

די מעבל־פלעכטערס קינדער אַליין שפּילן זיך אָף די פּאַרוואָרלאָזטע געסלעך פון פיטשבורג, לעבן וואָקזאַל. זייערע אויערלעך זענען פול מיט בלאָטע, מיט געשריי. זייערע הענט זענען פאַרשמירט מיט...לעבן, וואָס איז זייער אַ קויטיקע זאַך. זייערע אויגן זענען איבערגעפירט פון קוקן אין דער נאַקעטער זון אַריין.

— נו, געפעלט אייך אונזער פיטשבורג? — זאָגט מיר דער דיקער פּאָליסמאַן, וואָס קאָפּעלמייסטערט מיטן באַוועגלעכן אָטאָמאָביל־אָרקעסטער פון דער הויפּט־גאַס — „קומט נאָכאַמאָל, טהענק יו!" ער הייבט אויף אַ האַנט אין אַ ווייסן האַנטשוך. מיר בלייבן שטיין. די האַנט פונם געזעץ איז איבער אונז אַלעמען, ווי די האַנט פונם קויהען באַם דוכענען. די האַנט טראָגט אַ ציוויליזירטן ווייסן האַנטשוך, נאָר, אַז סי וועט נויטיק זיין, וועט זי אונזער בלוט צעגיסן איבער די גאַסן.

:: :: ::

אַז מי זעט ווי רייכע אידן האָבן פאַרכאַפּט אַלע יאַם־ברעגן אַרום ניו יאָרק, אַטלאַנטיק סיטי, עסבורי פּאַרק, די ראָקאָוויים, לעיקוואָוד, סאַראַטאָגאַ, די שטאָט „ביים־לעבעם" אין די ווייסע בערג, טוט ווי דאָס האַרץ אָף די נישט־געמאַלטע בורזשויען, וואָס האָבן זיך נעבעך נישט וואו אַהינצוטאָן.

נאָר אָף מיין היינטיקער וואַקאַציע האָב איך אויסגעפונען, אַז

די גאָיעשע בורזשויען זענען נישט אינגאַנצן אין גאַלעם בא די אידי־שע. פאַר זיי איז נאָך געבליבן פּראָווינסטאַון, גלאָסטער, ראָקפּאָרט, וואודסטאָק, סאַגערטיס.

דאָס רייכע גאָיענטום פּאָרט אין די אַדיראָנדאַקס, אין די בוירק־שיר־בערג און אין די ווייסע בערג.

עמעס, אין די לעצטע בערג זענען אויך דאָ א היפּש ביסל אידן, אָבער זיי פאָרן אַהין נישט געניסן פון דער נאַטור, נאָר צו קורירן־זיך פונם היי־פיבער, וואָס מוטשעט זיי נעבעך, לויט דעם לעצטן פאַסאָן אין אַריסטאָקראַטישע שלאַפקייטן.

אידן ניסן ב"ה אין די „ווייסע בערג", ניסן־אָפּ זייערע עטלעכע וואָכן און פאָרן אַוועק—מיט א טיפער סינע צו אונזער נאַציאָנאַלער בלום, „גאָלדען ראָד", וואָס איז (זאָגט מען) שולדיג אין זייער ניסעריי.

אַז די אידן האָבן זייערס אָפּגענאָסן, קומען ערשט די „אַריילים", קומען צום אָנהויב פון „אינדיאַנישן זומער" און אָפּ די בערג ברענט קופּער־גאָלד און שאַמפּאַניער־געל.

ס'איז דאָך נישט קיין צופאַל, מיין איך, וואָס דאָס אויפגעקומענע אַמעריקע האָט אויסגעקליבן דאָס געלע „גאָלד־שטעקעלע" פאַר איר נאַציאָנאַלער בלום. וואָס קען דען, לויטן געשמאַק פון דעם „בעביט" און אַנטשל און העגעך זיין מער סימבאָליש פאַר דעם אַמעריקע פון וועב־טהעיער, ווי די בלום, וואָס בליט געל און שרייענ־דיק, רייסט די נאָז, רעקלאַמירט זיך מיט אירע שעדלעכע זאָמען, וואָס זי צעלאָזט אָפּ אַלע ווינטן ?

אידן ניסן און פאַרטראַכטן זיך נישט, אַז די ווייסע בערג און די בערקשיר־בערג האָבן עפּעס א וויכטיקערע „מיסיע", ווי צו היילן די, וואָס ליידן פון דער גאָלד־שטויב קראַנקהייט, און דאָס איז: צו צעברעכן די רוקנס פון די געפערלעכע שטורעמס, וואָס קומען אַהער גלייך פון לאַבראַדאָר. ווען די הויכע בערג שטעלן זיי דאָ נישט אונטער קיין קניע, איבער וועלכע זיי פאַלן און ברעכן האַלזינאַקן, וואָלטן זיי אַמעריקע כאָרעוו געמאַכט, די וועלט איבערגעקערט.

נאָרט אָדאַמס

נאָרט אדאַמס ליגט אין די בערקשירס.

ס'איז א שטיל זומער־אָרט פאַר יענקים. א היפּשלעך שטעטל, אַרומגעטשאָמעט מיט האָכנאָעדיקע בערג, וואָס האַלטן די היטלען אין די הענט.

יענקישע בערג.

רעדן שטיל, האָבן גוטע מאַניערן, האָבן קימאַט גאָר קיין טעמפּעראַמענט נישט, רעגן זיך נישט אויף װען די זון גיט זיי אַ צעפּלעכט די צעפּ, באַגיסט זיי מיט דויט־שמעקעדיקן אייל, כאַפּן נישט קיין היספּאַילעס פון די װאַטענע װאָלקן־פערד, װאָס פאָרן איבער זיי רייטנדיק, מיט גאָלדענע שליסלען, אַף בויך און קאָפּ,

אין נאָרט אַדאַמס שטייען צװיי בראָנזענע זעלנער אַפן „סקװער״, ביידע מיט די באַגנעטן פאָרויס, גרייט דוירעס צו זיין יעדן איינעם, װאָס גלייבט נישט, אַז סי האָט זיך געלוינט אַװעקצוגעבן אַ מיליאָן מענטשלעכע לעבנס און אויסהאַנדלען דאַפאַר אַ... בעסערע װאַנע אין שטוב (היינט זענען זיי „נילוס־גרין״, די רייכע װאַנעס), אָדער אַ געלן דימענט, אָדער אַ מעגלעכקייט צו שלעפּן זיך איבער אַ גרין, לעבעדיק פעלד, מיט אַ גאָלף־שטעקן אין האַנט און קיצלען דאָס באַלכן ביז סי װעט (פון נודנעקייט עפּשער) זיין גרייט זיך צו לאָזן אַריינקריגן אינם לעצטן לעכל.

אינם ניי־ענגלאַנדער איז נאָך דער פּילגרים־גייסט נישט אויסגעברענט. ער האָט ליב איינזאַמקייט און האַרט לעבן. װאַרפט ער זיך אַף זיין װאַקאַציע אין די „קלעצער־שטיבלעך״ פון די בערקשירס, אָדער ער ציט־אויף אַ געצעלט פון לייװנט און פאַרברענגט דאָרט זיינע זומערדיקע אָפּרו־טעג. ער קאָכט זיך אַליין זיין עסן, גייט אַף געיעג, כאַפּט פיש פונם שטראָם, באַהעפט זיך מיט דער „נאַטור״, װאַלגערט זיך אַף נאַטור׳ס „שױס״.

נישט מער: היינט שלעפּט ער שוין מיט אַהער זיין ראַדיאָ. דאָס אור־װאַלד הערט זיך אין די לידלעך פון דעם אידישן באָכערל אוירװינג בערלין, װאָס טראַכט אויס אַמעריקעס דזשעז־ניגונים. דערשראָקענע מערשקעס בלייבן שטיין מיט דער שטיקל שטרוי, אָדער מיט דער טויטער פליג אין מויל, קוקן זיך עטלעכע מאָל אַרום, שטעלן אויף די אויערן (דאָס ביסל אויערן װאָס מערשקעס האָבן) און האָרכן זיך איין אין די פרעמדע טענער. די זשאַבע אין זומפּ טאַלעפּעט אַרוים אירע גרינע אויגן, שטעלט אוים אַ לאַפּקע צו זען, צי סי רעגנט. סי רעגנט נישט. פון װאַנעטזשע קען קומען דאָס־אָ דרינזשען? צי מאַכט עמיצער כויזעק פונם װאַלד? פון דעם מעלעכעליענם דונערן?

דער זומערניק אין זיין קלעצער־שטוב טאַנצט אַמעריקעס נייעסטע טענץ, װאָס אַ שפּאַניער, אַ טערק, אָדער איינער פון די האַװאַי־אינזלען האָט פאַר אים אויסגעטראַכט. די האַרטע פּיאָנערשע הענט שפּילן זיך מיט דער נאָדל פונם פאָנאָגראַף (װי זיי האָבן פריער געקיצלט אַן אומשולדיק גאָלף־באַלעכל). דער האַװאַיעשער ניגן פון דער

„יוקאַלילי" צעוויינט זיך איבערן וואַלד. שלוקערצט און—פלאַמכעט ווי אַ פריילעך ברוין נעגערל וואָס וויינט פאַר... שפאַס.

ס'איז קיל אין די בערג. פון די קלעצער־שטיבלעך גייט אַ רויך אויסן קוימען. (וואָס קען זיין געשמאַקער, ווי רויך פון אַ קוימען, ביפראַט אין אַ לופט, וואָס איז פרעמד און פריש מיט פראָסט?)

דער אידישער קליינבירגער שלעפט אין זיינע זומער־פלעצער אַריבער די אומרו פון דער שטאָט. דער איד פאָרט דערהאַרגענען זיין אומרו, און דאָס קלאַפן וואָס ער קלאַפט זיין אייזערנע אומרו איבערן קאָפ הערט זיך אַף מיילן ווייט.

דער „גאָלעם" רעדט צו אים: „דער דרויסן איז נישט דיינער. האָב אים אין דר'ערד".

טרעפט איר דאַפאַר אָפט אידישע לאַנד־בירגער, וואָס האָבן זיך גאַנץ פיין אַרויפגעאַרבעט אין אַמעריקע, זיך געקויפט אַ לייטישע היים אין בענסאָנהוירסט, ניו יאָרקער גובערניע. די שטובן אויסגעפוצט מיט שיינע קאַוויאָרן און גוטע מעבל און שיפאָנענע פאָרהענגלעך אַף זויבערע פענצטער. אַפילע אַ גערטענדל אַרום דער שטוב פאַרפלאַנצט מיט אַלע בלומען־שמאָכטעס פון דער לעצטער מאָדע („בלומען־קאַטאַלאָגן" באַקומט מען צוגעשיקט דורך דער פאָסט, ווי קאַטאַלאָגן פון נייע היט, נייע הויזן. פייאיקע סאָכרים זאָגן־אונטער דער נאַטור, וואָס זי דאַרף היינטיקס יאָר פאַבריצירן). אָבער מיטן גרעסטן קויעך שטריינגט מען זיך אָן נישט אַרויסצוואַרפן דאָס מיסט דורכן פענצטער.

דער אַמעריקאַנער ווידער צירט אויס זיין דרויסן מיט שטאַנג און פלאַג, מיט פאַרשוירענע גראָזלאַנעס, בלומען־קוסטעס, פאַרביקע שטאַכעטן.

נאָרט־אַדאַמס איז די ניי־אויסשפעקילירטע אידייע פון גווירישער „שטאָטישער דאַטשע".

ס'ראָוו וואָס קומען אַהער אָפרוען, האָבן זיך כאָלילע אין דער היים אויך נישט איבערגעהויבן. דאָס איז די נייע ראַסע פון ניי־אויפגעקומענע גווירים, אייניקלעך פון האַרטע פיאָנערן. טראָגן זיי די שווערע פויסטן אין די הויזן־קעשענעס. מיט דיזעלבע פויסטן וואָלט מען געקענט דעמבעס האַקן, אָבער מ'האָט זיך, דאַנקן גאָט, אַרויפגעאַרבעט אין די מילכאָמע־יאָרן, נוצט מען די שווערע הענט אַף... שפילעכלעך, אַף „קונסט", אַף ספאָרט.

ס'איז אַשטייגער ווי אַן אויפגעקומענער פויער זאָל נוצן זיין שווע־

רע, שאַרפּע האַק אַף צו פאַרשניצן אַ... בלייפעדער.

אַף אַן עמעס אָפּרוען זיך פון דער האָרעוואַניע, קומען אַהער די „ווייסע־קאָלנער־שקלאַפן". זיי וואוינען אין די קלעצער־שטיבלעך אַפן „מאָהאָנק־טרעיל". זיי לעבן מיט דעם „פּראַקטיקן פאַכאַד פון דער נאַטור", פאַנגען אַליין זייער געפאַנג, טייטן אַליין זייער „זאַק־רויב", קאָכן זיך אַליין דאָס עסן.

נאָרט־אַדאַמס איז די שטאָט פון... באַנקירן. די „מידע ביז־נעסלייט", נעבעך, וואָס זענען אַזוי מיד און אָפּגעהאָרעוועט פון זייערע נאַכט־נעכטלעכע אָרגיעס, „סמאָוקערס", „סטעגס" און ענלעכע פאַר־וויילענישן, באַ וועלכע מ'זאַלבט דאָס גאָלדענע קעלבל מיט גאַנצע ציבערס „מונשיין" (קידעשלעוואָנע־בראָמפן) און מ'איז מאַקריוו צו אים קטוירעס פון טייערע האַוואַנע־בלעטער און אַנטפּלעקטע פרויען־בייכער, אָט דער „מידער ביזנעסמאַן" אַז ער פאָרט זיך אָפּרוען אין די בערקשירס, אָדער אין די אַדיראָנדאַקס, פאָרט ער זיך אייגנט־לעך אָפּרוען פון גאָרנישט־טון. איז אים די איינזאַמקייט דערווידער, ער וויל נישט זען און הערן, ער וויל זיך ווייזן און געהערט ווערן. מיס־טער דזשאָן ד. בילטמאָר, עסקווייער, פאָרט זיך אָפּרוען, טראַ־טאַ־טאַ! מיסעס דזשאַן ד. בילטמאָר לײַדט נעבעך פון די נערוון, בומסטאַראַ!

די בילטמאָרס און די ראָקעפעלערס און די כאַשעווע מר. טראַסקס פון פילאַדעלפיע און די דערהויבענע גימפּלס פון ניו יאָרק, און די כאַזיירים־קיילערס פון שיקאַגאָ, קומען אַהער, קיין נאָרט־אַדאַמס, די שטאָט, וואָס איז אַרומגעטאַשמעט מיט אַזוינע האַכנאָעדיקע בערג, וואָס האַלטן די היטלען אין די הענט. דאָ עסט מען און מי טרינקט און מ'שפּילט גאָלף און וויהיסט און אָפּענעם פּויקער, און מי מאַכט „סטעגס" און מי „סמאַזשעט כאַזיירים" און מי שטאָפּט זיך די קישקע מיט באַרבעקיוס, און מ'גייט אין די קלויסטערס „הערן דאָס וואָרט פון גאָט" און אין דער אייגענער צייט טאַקע ווייזן „גאָט" — ווער ע ר איז, און ווער מ י ר זענען. ער האָט אַן אַלטמאָדישן אָפּגעריבענעם הימל, אָן מעשענער וואַסער־לייטונג, מיט וואַטענע וואָלקנס און אַ געדולדיק אייזל, וואָס הייסט „זון". און אַ שטיל לעמעלע, וואָס הייסט „לעוואָנע", און די שטערן זיינע — פון וועמענס אַלטן מונדיר האָט ער אָפּגעריסן אָט די גאָלדענע קנעפּ, וואָס בליש־טשען אַף דער בלאָער, אָפּיצערסקער פאָלערינע פון עפּעס אַן... אַלטן פּאָריץ?

(אין נאָרט־אַדאַמס באַהאַנדלט מען גאָט, ליהיי ער וואָלט געווען עפּעס אַן אויוורבאַטלדיקער זיידע, וואָס מ'דאַרף אים האַלטן ריין.

און מ׳דארף קסיידער רויכערן ווײַרױך אַרום אים, קעדיי מי זאָל נישט איינגעמען מיט אים קיין בושעם!).

און אַז די „געיאַרשעטע הענט" ווערן מיד—פון „שוים פון דער נאַטור", איז מען יויצע מיט אַן אַנדער שוים. וואו שטייט עס געשריבן, האַ, אַז אַ שוים דאַרף דאַווקע זיין גרין, און פול מיט שטיינער און דערנער און מערשקעס, וואָס קריכן אין די זאָקן אַריין?

אין נאָרט־אַדאַמס רועט אָפּ אונזער „מידער באַנקיר", זיצט אָפּן שאָקלשטוב פון זיין רייכן האָטעל, רויכערט אַ טייערן ציגאַר, וואָס קומט פאַרזיגלט אין אַ גלעזערנער שייד, רוקט־אָן דעם וויס־זיידענעם קאַשקעט איבער די אויגן, און דרעמלט מיט דעם קאָפּ פאַרוואָרפּן אָפּן וויסן „פּאַרטוכל", וואָס פאַרדעקט דעם רוקן פון זיין שטול. דרעמלט און כאָלעמט פון דעם, אַז זיינע וואָלסטריטעט פּאַפּירלעך הייבן זיך, און אַז די וועלט איז פול מיט „פלוימען־קוכן", זיסע קוקורוזעס, געבראָטענע ווילדפייגל, כעמיש־בלאָנדע מיידלעך.

די נאָרט־אַדאַמסער בערג שאָקלען מיט די גרינע מיצלעך, ווי פּאַיאַצן, און זאָגן: „יאָ־יאָ, שלאָף־שלאָף, ס׳איז גוט־גוט!"

אַ קילער און געשמאַקער סאָף־זומער־טאָג איז איבער דעם וואַלדס מידקייט, די גערעכטע און צופרידענע מידקייט פון איינעם, וואָס האָט זיינס אָפּגעטאָן: געלעגן־געוואָרן, געגאַנגען צו קינד, געהאָט אַ סאַך ביימער, געהאָדעוועט אַפּילע פרעמדע קינדער מיט מיין מאָך, מיט מיינע ניס. געדינט אַלעמען מיט מיינע אָפּגעבראָכענע צווייגן, מיט מיינע פעטע שאָטנס. איצט זענען מיר מיד, מיר בערג פון נאָרט־אַדאַמס. זאָלן די זון־וועווריקלעך שפּרינגען אָף אונזערע קעפּ. דער געפינקל פון מיליאָנען ניקעלנע רענדלעך פאַלן איבער אונזערע אויסגעשפּרייטע אָרעמס, מיר ווען בלויז אַ פוילן ציטער־טועין און גאָרנישט נעמען, און מאַכן זיך נישט וויסנדיק. מיר ווילן דרימלען, וויל מיר זענען אַלט, און באַ אונז (ווי באַ אונזערע אַלט־געוואָרענע קינדער) איז איניינעם מיטן וואַקסן אויך אויפגעוואַקסן אַן אַפּעטיט צום שטאַרבן. מיר זענען אַלטע לייט, מיר ווילן הערבסט. מיר ווילן דעצעמבער, מיר ווילן שלאָ—

באַ די־אַ ווערטער פון די נאָרט־אַדאַמסער בערג בין איך אַליין אויך אַנדרימלט געוואָרן אָפּן אָטאָמאָביל.

מיר האָט זיך געכאָלעמט, אַז איך זע פּראָפעסאָר שנייאורסאָנען, מיט זיינע שפּאַנישע באַקנבערד אָף דעם כאָסנבאָכערישן כסידישן פּאָנים. ער איז מוטער־נאַקעט, טראָגט אַ האָרטן שטרויענעם קאַפּעליוש און אַ שטעקעלע אין דער האַנט.

איך האָב געזען, ווי פּראָפעסאָר שנייאורסאָן גייט—מיטן שטע־

קעלע אין יאם אריין. סי קומט אים אנטקעגן דעם גאָט נעפּטון מיט א גאָפּל אין דער האנט. שטעקט ער אים ארויף אפן גאָפּל א קניידל, און ביידע לאָזן זיך אריין אין א פּילפּל וועגן רעב מייערל פּרעמישליאַנער. פּראָפעסאָר שנייאורסאָן וויל האָבן, אז אזוי־און־אזוי און אזוי־און־אזוי. אָבער נעפּטון וויזט צו זיך אפן פּופּיק און טאַינעט, אז די גאנצע וועלט איז א ווייגאָרטן. אז פּראָפעסאָר שנייאורסאָן דערזעט דעם ווייגאָרטן, שטעלט ער זיך מאַכן קידעש. און זיגמונד פרויד און דער אַלטער סלאַוויטער, אונז צו לענגערע יאָר, האַלטן אים אונטער דעם קאָפּ.

אז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט זענען מיר שוין געווען א שיינע פּאָר מייל פון נאָרט־אַדאַמס. א ברייט פעלד מיט רעטשקע האָט מיר געלאַכט אין פּאָנים אריין און געזאָגט „א גוטן אויפשטאַנד!"

און פּלוצים—טאַקע עפּעס גאָר אזוי פּלוצים, ווי אין א ראָמאַנ־ביכל, האָט זיך באַוויזן אפן מיטן פעלד א איד מיט א שיינער באָרד און מיט א הארט פּעקל אין דער האנט און מיט א שטעקעלע (קימאַט דאָסזעלבע שטעקעלע, מיט וועלכן פּראָפעסאָר שנייאורסאָן איז אריין אין יאָם אריין). זיין קאַפּעליוש איז אויך געווען פון שטרוי. נאָר נישט פון קיין געלן שטרוי, און נישט פון קיין פּלאַכן פאַסאָן, ווי שנייאורסאָנס. ס'איז געווען א מין שטרויענער צילינדער, פון גראָ־שווארצן קאָליר. די שיינע געלבלעכע באָרד האָט בא דעם אידן גע־דינט אי פאַר א באָרד, אי פאַר א קראַוואַט:

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט און ארויפגענומען דעם „מראגל".

— אידן? (ער אזוי צו אונז).

— צעביסלעך.

— וואָס הייסט צעביסלעך? (ער צעלאַכט זיך מיט שיטערע ציין) מי קען עפּעס זיין ווייניגער ווי א גאַנצער איד?

— אמאָל קען מען. היינט איז אזא צייט (מאַך איך, און פאַר־שניץ מיר די בלייפעדער) ווען דריי אידן זענען קוים איין איד.

— אזוי ווי אין סאָוועט־ראָשע!

— פון וואַנעט וויסט איר פון סאָוועטנפאַרבאַנד?

— פון וואַנעט איך וויים? איך וויים נאָך פון דער היים, פון אונגאַרן, פון גראָס־וואַרדען. איך בין א גראָס־וואַרדענער. היינט איז עס רומעניע.

— שוין לאַנג דאָ־הי אין לאַנד?

— נישט לאַנג. איינגאַנצן א ניין מאָנאַטע. וואָס מאַן באַשעפ־טיגונג איז? איך בין אַן „און מסאַדערקידושן".

— וואָס מיינט איר „און מסאַדערקידושן״?

— געוויינטלעך, וויסנזי, איז דאָ הינע יעדער איינער „אַ שויכעט און מויהעל און מסאַדערקידושן״ — איך בין „און מסאַדער־קידושן״ זעלבסט, אָנע די אַנדערע זאַכן.

— איר זענט געווען אין אונגאַרן ווען די באָלשעוויקעס זענען אריין?

— געווען, ימאַבשמאָם! וויסנזי, ווענען זיי האָבן געמאַכט פאַר קאָמיסאַריאַט? אַ שוסטערס אַ זון—איך זאָל אַזוי זיין מיט אַלעם גוטן, ווי איך זאָג אינען נישט קיין ליגנט. ס'איז וואָר: אַזוי אַפּילע האָבן זיי זיך אויפגעפירט נישט שלעכט. כ'מיין, וויסנזי, וועגן די עקסצעסן אַף אידן, דאָס האָבן זיי אויסקאַסירט, די באָלשעוויקן, מיט־דער־מינוט, ווי זיי זענען נאָר אריין, נאָר וואָס קומט ארויס? אַז דאָס גאַנצע באָלשעוויזמוס שטייט־איין אין די הענט פון שוסטערס מיט שניידערס. שקאָצים־דראַבעס, הולטאַיעס, מכאַלעלשאַבעסניקעס. וויסנזי, וואָס זיי האָבן געטוען? זיי האָבן איינגעפירט איין קעך פאַר אַלעמען און... ע... ס'איז נישט שיין צו זאָגן—פרייע דאָס, פרייע ליבע. ווער ס'האָט געוואָלט פרייע ליבע, איז געגאַנגען און האָט כאַסענע געהאַט מיט פרייע ליבע. אַז מ'איז געקומען צום ראָוו, האָט ער געמוזט מסאַדערקידושן זיין, אַנישט האָבן אים די באָלשע־וויקן באַשטראָפט.

— אַזוי?

— אַזוי־אַזוי. (מיט אַ קרעכץ) ס'איז ניש. וויסנזי.

— דערציילט עפּעס נאָך וועגן די באָלשעוויקעס.

— וואָס איז דאָ צו פאַרציילן? ס'איז ערשט געקומען מיינס אַ קאָרעוו פון דאָרטן. פאַרציילט ער זיך אָן, אָן אַ שיר. ער פאַר־ציילט, אַז מ'אונטערדריקט אידישקייט. מ'לאָזט נישט דאַווענען און גאַרנישט. ער פאַרציילט, אַז מ'האָט אים געוואָלט גליקלעך מאַכן, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון אידישקייט און ער האָט נישט געוואָלט. ער פאַרציילט, אַז אין איינעם אַ טאָג איז צו אים געקומען צעפאָרן דער הויפּט־קאָמיסאַריאַט פון מאָסקווע און האָט אים געזאָגט: „הער נאָר, דו, קיין בורזשואיסט ביסטו דאָך נישט. ווילן מיר, דו זאָלסט זיין מיט אונז. נאָר וואָדען? זאָג זיך אָפּ פון אידישקייט, וועט דיר באַ אונז זיין גוט ווי די וועלט. וועסט האָבן פון אַלעם גוטן און וועסט נישט דאַרפן טוען אַ האַנט אין קאַלט וואַסער. נאָר יענער האָט נישט געוואָלט. „וואָס?״ זאָגט ער, „צוליב געלט וועל איך מיך גיין אָפּזאָגן פון אידישקייט? סי וועט נישט קומען״, מאַכט ער, „דאַצו. איר זאָלט מיר אַפּילע אָנשיטן אַ פולע שטוב מיט רענדלעך

וועט איר עס", מאכט ער, „בא מיר נישט פויעלן. נישט איר, און נישט טראצקי, און נישט סטאלין אפילע". פארשטייט זיך, אז דעם קאמיסאריאט פון מאסקווע איז נעבעך געווארן פינצטער אין די אויגן, אז ער האט דאס דערהערט. ער האט מיט אים גערעדט און גערעדט און גערעדט. ער האט אים געוואלט אפילע אוועקשיינקען זיין אייגענעם גאלדענעם זייגער, וואס ער האט געהאט, און א בריליאנטענע שפילקע, און יענער האט געטאינעט „ניין און ניין". דא גיי איך אראפ—זייטס מיר אלע געזונט.

...וואס פרעגן זי? צי איך לייען אידישע בלעטער? איך לייען צוויי פייפארס, דעם „מארגן זשורנאל" און דעם „פארווערטס". וועלכס פעיפאר סי נעפעלט מיר בעסער? וואס איז דער כילעק? ס'איז ביידע גלייך, ביידע זענען פאר אידישקייט און פאר מיסכער. וואס זאגן זי? די „פרייהייט"? געהערט. דאס איז א פעיפאר נישט פאר אונז. אונזער איינער לייענט דאס נישט. ס'איז בלויז, וויסנזי, פאר שניידערס מיט שוסטערס. ס'איז א בלאט פאר חאצדארנעס. גודביי, א שיינעם דאנק אינען.

— אז איר פארט ארום מסאדערקידושן זיין, דארפט איר דאך האבן בא זיך א כופע?

— וואסערענע כופע? וואסער מסאדערקידושן זיין? אין ניו יארק בין איך אן „און מסאדערקידושן", אבער הינטערוועגס בין איך א איד, וואס דארף האבן פארנאסע. וואוילע אידן בא נענק דא־הי. נאר גרויסע כאזירים, זאלן זי מיר טויזנט מאל אנטשולדיקן פאר דעםווארט: ערשטנס גיבן זיי נישט קיינעם. די צייטן, זאגן זיי, זענען שלעכט. פאר „עלעקשאן", זאגן זיי. און זיי גיבן שוין—וויפיל גיבן זיי? ניש מער זאלן מיינע סאנים האבן.

— וואס, האלט איר טאקע פון אונזער „עלעקשאן"? ווער מיינט איר איז בעסער פאר אידן סמיט צי הואווער?

— כ'וויים... כ'מיין ס'איז אלץ איינס. די סיים. נא דיפערענץ. ביידע זענען גוטע גויעצלעך. סמיט, זאגט מען, איז גאר א וואויל גויעצל. ער גייט אף אידישע סימכעס. נאר הואווער איז אויך נישט שלעכט. הואווער, זאגט מען, קען רעדן דייטש. יעס, ביידע זענען גוט פאר אידן, סיי הואווער, סיי סמיט. דאס הייסט: אויב די אידן זענען נאר אידן, נישט קיין דראבעס, קיין באלשעוויקן. אוואדע קיין באלשעוויקן מעכט מען אין ערגעץ נישט ליידן. אפילע סי זאל זיין א אידישער פרעזידענט, מעכט ער אויך נישט געוואלט ליידן. ס'איז נ י ש, וויסנזי. מ'זאגט, אז אפילע אזא „גרעיסע", ווי דר. היימאן וויצמאן, האלט אויך, אז אידן טארן קיין באלשעוויקן נישט זיין.

ער באווייזט דאָס פון דער טוירעאַקדוישע... גודבאי!

דער איד מיט דער שיינער באָרד איז אוועק אונטער א דעכל פון א „פילם-טעאַטער", געשטאַנען דאָרט א ווײַלע, זיך צעפּרעגט. דערנאָך האָב איך געזען, ווי ער שײַלט אָפּ זיין געלן שטעקן, ווי מ'שײַלט אָפּ א באַנאַנע. פון דעם שטעקן ווערט א שירעם. אונטער דעם שירעם, אַף א בלאָער זון, גייט דער איד מיטן שטרויענעם צילינדער איבער די גאַסן פון א גויעש שטעטל. ער טראָגט צו די פאַרוואָגלטע קינדער פון „פּיטספּילד, מאַסס." כופּעוועקידושן. און עפּשער? ווער ווייסט? לויט דעם רייאַך, וואָס האָט זיך אַרויס-געגאַנוועט פון פּעקל, האָט ער עפּשער געטראָגן צו די קינדער פון איסראָעל עפּעס א שאַרפערע זאַך ווי קידושן?

דער איד מיט דער ברייטער באָרד ציט אוועק, ווערט קלענער, ווערט פאַרשוואונדן.

דאָס האַרץ טוט ווײ אַף אַלץ וואָס פאַרשווינדט, אפילע אַף דעם קליינעם אָראַנזש-געפאַרבטן בריקל, מיט די צוויי שטאָלענע שלייקעס. אַפילע אָפּן יאַלעווקעלע לעבן דער ברייטער שטאָל דאָרטן, איבער וועלכער סי היינגט א מעטאַלענער האָרן, וואָס דרייט זיך.

:: :: ::

ס'איז גוט צו לעבן אַף דער וועלט. . ביפראַט אַז מי פּאָרט איבער די בערקשיר-בערג, אין א זוניקן מאָנטיק, נישט ווייט פון דעם גרעניץ פון האַרבסט און פון ווינטער. (ווי ווייט איז דען פון אונז אינגאַנצן דער האַרבסט און דער ווינטער? העכסטנס זעקס כאָדאָ-שים גאַנג!)

אין די דרייצן טעג פון מיין וואַקאַציע האָב איך מיך געשלעפּט דורך אַזוי פיל שטעט, שטעטלעך, טייכן, בערג, אַז איכ'ל אייך—צוליב מיין שלעכטן זיקאָרן—מוזן כאַפּן איינס אינ'ם אַנדערע. אין דעם פּראָט פון נישט-אויסווירן זאַכן כראָנאָלאָגיש, איז מיין שרייבן געגליכן צו דער ביבל: נישטאָ באַ מיר קיין פריער און קיין שפּעטער.

אַלצדינג וואָס סי האָט פּאַסירט נעכטן, האָט פּאַסירט אין דער זעלבער איצט-לײדיקער קוואָרט אַריין. ווער קען זאָגן, וועלכער טראָפּן פונם אויסגעגאָסענעם וואַסער איז געלעגן לינקס אָדער רעכטס פון דער קוואָרט? העכער אָדער נידעריקער?

מי פּאָרט, מי בינדט זיך אָפּ פון די טעוועדיקע קלייניקייטן, וואָס שטעלן-צענויף די מאָזאַאיק פון אונזערע טעג. דו וואַרפסט דיך אַרויס צו די שטילע הימלען, צו די פלאַמיקע בערג,

צו די טייכן, וואָס באַאומרואיקן זיך הערלעך וועגן דעם, וואָס ס׳איז דאָרטן ווייטער, ווייטער, ווייטער!

ס׳זענען פאַראַנען אַף דער וועלט, זאָגט מען, אַזוינע פייגל, וואָס פליען צו די טונקעלע וואַסערן אַוועק, קעדיי זיך דאָרטן אָנצוזעטיקן אין דער שיינקייט פון זייערע אייגענע פאַרביקע פעדערן. זיי זענען, זאָגט מען, אָפּט אַזוי פאַרטיפט אין באַוואונדערן זייערע אייגענע פעדערן, אַז זיי פאַלן אריין און ווערן דערטרונקען. אין טרענקען־זיך זעען זיי אויך נישט די געפאַר, זיי זעען נאָר דעם פייגל מיט גאָלדענע פעדערן, וואָס צאַפּלט זיך אַזוי קאָלירטש אין דעם צערינצעלטן שפּיגל פון דער וואַסער־פלאַך, דערנאָך אין דער טיף. דערנאָך זענען זיי פאַרכידעשט איבער דעם אייגענעם לעצטן געשריי, און זיי בלייבן שטיל.

זענען מיר דאָס אַלע אָט־יענע פייגל? קוקן מיר אַרויס צו דער מאַירעוו־זייט, וואו אונזער לעבן גייט אונטער און מיר זאָגן: „ווי שיין, ווי שיין, אָ, ווי שיין ביזטו, זון־פאַרגאַנג, אין די בערקשיר־בערג; ווי שיין, אָ, ווי שיין ביזטו, טאָג, אַפן מאַהאָנק־טרעיל, אַף דעם קעיפּ קאָד, וואו ס׳ליגט דאָס געליאַלקעטע פישער־שטעטל פּראָווינסטאַון — די שטאָט, וואוהין די אַמאָליקע נאָרדמענער האָבן זיך צוגעשלאָגן אַרום׳ן יאָר טויזנט!״

די סאָכרים פון מאָנהעגין און דער באַרימטער „קידנעפּער״, מר. האַנט, האָבן געזען די זון־פאַרגייען דאָ אינם שטילן שטעטל, וואו ס׳איז שפּעטער (אין 1620) געכאַסמעט געוואָרן דער „קאָמפּאַקט״ פון די פּילגרימען, אַף די ווינט־געשליפענע, ברוין־לעכטיקע ברעגן פון פּראָווינסטאַון, האָבן זיי אַוועקגעשטעלט דאָס „וויגעלע״ פון דער נייער פרייהייט, וואָס האָט שפּעטער מיט אַ דריי הונדערט יאָר אויס־געוווינט דעם „ביציקלעט־סאַיכער״ פולער, דעם טאַליען וועב טעיער, די מערדערס פון סאַקאָ־וואַנזעטי.

מאַרטאַס וויינגאָרטן

„מאַרטאַס וויינגאָרטן״ האָט גערופן מיט זיינע „זאַמד־דונען״, מיט די „אַלמאָנע־גאַניקלעך״ (ווידאָו־וואָטשעס), וואו די פרויען פון די פישערלייט פלעגן אַמאָל אין די שטורעמדיקע נעכט שטיין און אַרויס־קוקן צום יאַם, און נישט וויסן נאָך, אַז זיי זענען שוין אַלמאָנעס.

„מאַרטאַס וויינגאָרטן״ האָט גערופן פון מיין רייזע־ביכל אַרויס, און איך האָב געשיקט אַ פריינדינע, זי זאָל פאַר מיר טוען אויסזען דאָס לאַנד, אַ גרוס ברענגען פון דעם אָרט, וואוהין מיין האַרץ ציט,

נאָר די פיס פוילן זיך צו גיין (מ'איז א י י ן מענטש אַליין. אומע־טום: איין מענטש אַליין, קיינמאָל נישט מער).

איז זי געקומען און געבראַכט פון דאָרטן פאַרביקע שטיינדלעך, טשערפּלעך פון אינדישע וואַזעס, געזאָגט:

„באַנאַכט לויכטן דאָרטן די שטיינער און דאָס זאַמד. דער קלימאַט איז ווי אַ גרינלעכע פלאַש פול מיט קילן ווײַן.

זי זאָגט:

שיפן פירן־צו צו די ברעגן און לאָזן אַראָפּ אין דעם אינזלדיקן גאַניידן. אַלטע פרויען מיט טשיפיקלעך אויף די קעפּ, און האַלבע שוואַרץ־זײַדענע העניטשקעס קומען אַנטקעגן, באַגריסן פרום, פרעגן צי דו קומסט פונם קלויסטער.

זי האָט געזאָגט:

דאָרט איז די לויכטנדיקע שטילקייט פון זאַמד, וואָס שיט זיך אין ווינט. דאָרט זענען אַ סאַך פאַרוואָרפענע פייער־טורמלעך. אַז דו זעסט ווי פרעמדע מענטשן זענען זיך מויסערנעפּעש אין דער איינ־זאַמקייט פון די טויטע אינזלען אויפן יאַם, קעדיי דיך, דעם פרעמדן, דעם וועג צו באַלויכטן, וויינסטו אַזש פון ליבשאַפט צו דער וועלט, צו אירע מענטשן. (די זעלבע גוטצקייט צו מענטשן זעסטו אויך אין „סאַבוויי", אָדער אומעטום וואו אַ פרעמדער מענטש האַלט אָפן פאַר דיר די טיר, קעדיי דיר צו פאַרשפּאָרן די מי פון אויפמאַכן. דערנאָך גיסטו דיזעלבע אָפענע טיר צו אַן אַנדערן. ווי מיך רירט אָט די גוטצקייט ביז טרערן!).

זי האָט געזאָגט:

אין די היילן קריכן שלאַנגען. אויף די וועגן ליגן שלאַנגען איבער־געפאָרענע. זייערע ברידער אין די היילן שטעקן אַרויס די שלאַנגען־קעפּ, קוקן אויף זיי און וויינען מיט פייער אין די אויגן, מיט רויטע אויסרופצייכנדלעך אין דער לופטן.

איך האָב געזען, ווי איינע אַ שלאַנג האָט געהאַלטן אין איר מויל אַ יונג זשאַבעלע. דאָס זשאַבעלע האָט געוויינט ווי אַ קינד. איך האָב אַ שטיין געוואָרפן און עס פון דער שלאַנג באַפרייט.

זי האָט פאַרשאַרט די האָר, וואָס זענען געפאַלן איבער איר פייער־געפלעקטע אויגן, דערציילט פון איר רייזע אין איטאַליע, פון דער שטאָט קאַראַראַ, וואו מ'האַקט דעם איידעלן מירמלשטיין, וואָס האָט רויטע און גרינע אָדערן; דערציילט פון אירע צוויי יונגע זין, וואָס זוכן באַכמע אין שטיינער, אין טשערפּעס.

זי האָט געזאָגט:

אין „מאַרטאַס ווײַנגאָרטן" האָבן מיר געזוכט לעבן די פעלזנ־

שטײנער באַם יאַם און מיר האָבן געפונען טשערעפּלעך פון אַלטע געפעסן. װאָזן צעבראָכענע, װאָס שמעקן מיט דעם שאַרפן װײַן פון יאָרהונדערטן. מײנע זין האָבן דאָס אױפגעקליבן װי הײליקע רעליקװיעס. געפּריפט די טשערעפּלעך צענױפקלעבן. קינדער (אַפילע אַזױנע װאָס זוכן כאָכמע אין שטײנער) װילן פאַר קײן פאַל נישט אָננעמען, אַז דער הימל איז בלױז דער בלאָער סאָף פון אונזערע אױגן, אַז אױסגעגאָסענער װײַן זאַפּט זיך אײַן אין דער ערד, און די ערד װערט דאַפון שיקער, װי זי איז שיקער מיט דעם בלוט פון אונזערע טעג.

זי האָט געזאָגט:

איך בין נישט לאַנג געװען אין אַ קלײן שטעטל אין ניו העמשיר, האָט מען זיך דאָרטן דערװאוסט, אַז איך שרײַב לידער, זענען מיר קינדער נאָכגעלאָפן אין גאַס מיט שטיקלעך פּאַפּיר אין די הענט און געבעטן: „פּאָעטעס, פּאָעטעס, רײַט מי ע פּאָעם" (פּאָעטעסע, פּאָעטעסע, שרײַב מיר אַ ליד).

בעװערלי

מיר זענען איצט געפאָרן פאַרבײַ דער „יונײַטעד שיך־מאַשין קאָמפּאַני" פון בעװערלי, מאַסאַטשוזעטס.

די „יונשימקאָ" פאַבריצירט אַלערלײ מאַשינען פאַר דער פּראָדוקציע פון שיך. שטעלט די מאַשינען אַרײַן א ו מ ז י ס ט אין אַלע שיך־פאַבריקן. אײנײנעם מיט די אַלע װאונדערלעכע שיך־מאַכנדיקע מאַשינען שטעלט זי אױך אַרײַן אַ מאַשין, װאָס פאַרצײכנט אָטאָמאַטיש װיפיל פּאָר שיך סי װערן געמאַכט אין דער פאַבריק יעדן טאָג. די „מאַשין־קאָמפּאַני" קריגט באַצאָלט אַ געװיסן פּראָצענט פון יעדער פּאָר שיך.

און נישט נאָר אין די גרױסע פאַבריקן, נאָר אַפילע אין די קלײנע שוסטער־װאַרשטאַטן, װאו מי פאַרריכט שיך אָף מאַשינען, קערן די אַלע מאַשינען צו דער „מאַשין־קאָמפּאַני". דער באַלעבאָס פון דער „שיך־פאַרריכטערײַ" צאָלט אײן טױזנט דאָלאַר מזומען געלט. דערנאָך צאָלט ער פינף דאָלאַר אַ כױדעש. פאַר דעם־אָ געלט איז די „מאַשין־קאָמפּאַני" מכױעװ צו פאַרריכטן די מאַשינען אױב עפּעס װערט דאָרטן קאַליע. נאָר די מאַשינען בלײַבן שטענדיק ס׳אײגנטום פון דער „מאַשין־קאָמפּאַני". איר קענט צאָלן אַפילע הונדערט יאָר, צאָלט איר גאָרנישט אָפּ אַפן קערן.

אַמאָל איז די „שיך־פיקסערײַ" געװען אַ גאַנץ װאױל געשעפט. אַ סאַך מענטשן זענען דאַפון רײַך געװאָרן. דער „לאַטוטניק" איז אַרױף אַפן פערד. ער האָט „געלאַטעט מיט עלעקטרי". געפוצט מיט

עלעקטריש־באוואויגענע בארשטן. אין ניו יארק זענען אפילע דא אזוינע געוועלבן, וואס זענען איינגעטיילט אין „סעפעראטקעס". איר גייט אריין און טוט אויס אייערע שיך, און בעיס איר זיצט זיך אין די שקארפעטקעס און לייענט די „ניו יארק טיימז", וואס א נעגער האט אייך צוגעטראגן, שלאגט מען אייך דערווייל אונטער די זוילן, אדער מי ציט אייך ארויף א פאר נייע קנאפל.

דער לאטוטניק (אף ענגליש: „קאבלער") איז אייגנטלעך אמע־ריקעס „קרוין־ארבעטער". אמעריקע איז זעלטן אזא בעריע אף צו מאכן, ווי אף איבערצומאכן. „טו סאלוועדזש", „טו ריקלעים" איז אמעריקעס גליקלעכסטע פראזע. איבערמאכן, נישט לאזן פארלוירן גיין, ארויסראטעווען פון א כורווע דאס לעצטע טשוועקל, דאס איז די פיאנערן־פסיכאלאגיע, וואס איז טיף איינגעווארצלט אין יעדן אמעריקאנער. נאך יעדן קאטאסטראפישן שטורעם אדער ווּאלקנברוך קענט איר זען, ווי אויסלענדער ווײנען, בעיס די „יענקים" זוכן צענויף דאס איבערגעבליבענע און שטעלן זיך באלד ווידער בויען.

קומט צו א רייכן אמעריקאנער אין שטוב אריין, וועט איר זען, אז מעג ער זיין אפילע א מיליאנער, וועט ער נישט לאזן גיין לעאיבעד די קלענסטע זאך: מאראנצן־שאלעכץ ווערט פארנוצט פאר איינ־געמאכץ. אלטע שויטן פון ארבעס ווערן נישט ארויסגעווארפן, נאר מי מאכט פון זיי א שפייז. אלצדינג, וואו מי קען נישט נוצן היינט, ווערט באהאלטן אף מארגן, אף איבערמארגן. די קעלערן און בוידימס פון אמעריקאנער באלעבאסטעס זענען פול—נישט מיט ליידיקע קוישן פאר מאצעס, אדער פייסעכדיקע קויסעס מיט שפינוועבס—נאר מיט סלאיעס און פלעשער, אין בלעכענקענדלעך, וואס באהאלטן די שעפע פון דער היי־יאריקער גערעטעניש אף איבעראיאר.

:: :: ::

מיר פארן—איך וויים שוין נישט דורך וואנעט—מיר האבן זיך געשלעפט אן א פלאן, אהין און קריק. מיר זענען, זאגט מען, ערגעץ אף די גרעניצן פון די שטאטן ניו העמשיר, ווערמאנט, מעין. מ'קען אריבערשפייען אהער, אריבערווארפן א שטיין אהין. נאר צו וואס שפייען אוןווארפן שטיינער?

דער פארנאכט איז (שוין צום וויפילטנמאל היינטיקע וואך!) צוגעפאלן מיט צעבלוטיקטן קאפ צו די רעדער פון אונזער קאר. האט זיך אפגעקילט, שטיל געווארן, אנטשלאפן געווארן.

אין די יאגדע־קוסטעס פייפן פייגל. קליינע ביימלעך וואקסן דא —אזוינע אומעטיקע. נישט קיין יונגע ביימלעך, נאר אלטע, טויט־ערנסטע קארליקלעך, א מישפאכע רויטלעכע בוים-בלעטלעך

האָבן געמאַכט יאַדאַכעס אין ציטערן, כאָטש קיין ווינט איז נישטאָ, ציטערן, אַפּאָנים, אַז אַ ווינט זאָל נישט אָנקומען.

ס'איז נאַכט אין דער פרעמד. מיר וועלן היינט נעכטיקן ערגעץ אין אַ „לאָג־קעבין", צעפּוסנס פון אַ בארג, וואָס האָט אַהערצו אויס־געבראָכן אַ פול מויל מיט ווייסן זאַמד.

אונטן—הערן מיר—גייט אַ טייך. טיף אינם טייך שפּיגלט זיך עפּעס פייערדיקס. דאָס שטעטל, וואָס איז אַף יענער זייט טייך, דאָרט איז אַ פאַבריק—זאָגט אונז עמיצער—פון אַזאַ מין טייערן פּאַפּיר, וואָס ווערט געמאַכט פון ציבעלעס.

מיר קריכן־אַרויס פונם אָטאָמאָביל, קוקן אַרום די רעדער (דער זשעסט פון אַלע אָטאָמאָביליסטן). וואָס טוט נישט אַ מענטש צוליב אַ זשעסט? צוליב דעם פיינעם זשעסט פון האַלטן אַ פּאַפּיראָס, פּילעוועט מען דעם האַלז מיט ביטערן רויך; צוליב דעם ווילדקלאַנג פונם וואָרט „בוהז", טראָגן שול־מיידלעך פלעשלעך מיט בראָמפן אין זייערע ביכער־טאַשן.

אַ שטילע נאַכט. באַם טייך כלעפּעט אַ הונט דאָס וואַסער, וויל פאַרבייסן מיט לעוואָנע־לונג־און־לעבער. דאָס האָט קיין שום טאַם נישט, זעטיקט דעם הינטישן אַפּעטיט נישט. דער הונט לויפט אַוועק, שפּייט־אויס מ'טאַאַם פון דער נישט־פאַרזוכטער כאַצילעוואָנע. סי רינט אים וואַסער און פיינע פונם מויל. ער איז אין קאַעס אַף אונז אַלעמען. ער וויל אונז בייסן. נאָר מיר בעטן זיך באַ אים אָפּ מיט אַ שפּיציק שטיינדל (די איינציקע שפּראַך, וואָס אַ הונט פאַר־שטייט).

דאָס געצעלט אויפגעשלאָגן, וואַסער פון טייך געבראַכט, זיך געבאָדן, טיי אויפגעזאָטן אין אַן אינדיאַניש טשערפּל, וואָס אונזער פריינדינע האָט געבראַכט פון „מאַרטאַס וויינגאָרטן". געגעסן סאַרדעלן פון אַ קאָנסערוו־פּידעלע.

מיר זענען ציגיינער דע־לוקס. ציגיינער אַף... וואַקאַציע. ציגיינער מיט נאָטיץ־ביכלעך, ווערטער־ביכלעך, מיט דיסקוסיעס איבער ליטעראַטור און קאָמוניזם.

מיר זענען ציגיינער—אַף אַ נאַכט. מיר זענען אַף דער „שויס" פון דער נאַטור. די „שויס" איז קאַלט און פייכט, כאָטש דער ערד־באָדן איז פון ווייכן מאָך.

ס'איז שטיל. אַ נוס פאַלט אַראָפּ פון אַ דעמב. אַ וויעוויאַרקע גראַבלט אַ בוים. אַ לאַנגער שטערן פאַלט פונם הימל. דער „רייט־וואָגן" פון אויבן איז ווי אַ רעשעטע פול מיט פונקען. דער הימל איז „ביזי". יופּיטער דרייט זיך. ווענוס הוידעט זיך. אַלע איינענעם

„מאכן א טוהלער". און אויב זיי מאכן נישט אליין קיין טוהלער, ציטערן זיי אבער אין גרויס ערפורכט פאר דעם זילבערנעם טוהלער אפן הימל, וואס איז ניי און פריש און אפגעפוצט, ווי די זילבער־שטיקלעך אין דער שטאט לענאקס.

שלאפנגיין.

אדער זאל מען זיך דערציילן מאיסעס?

סי קנאקט א פייער פון סאסנע־צווייגן. סי שפריצט א רעגן פון פונקען בייזע, וואס האבן צו אונז טאינעס, למאי מיר האבן זיי באשאפן. דאס אינגערע אינגל, וואס „זוכט כאכמע אין שטיינער", באמערקט:

די נאטור האלט פון ספעציאליזאציע. דא־א ספעציאליזירט זי זיך אף סאסנעס און אף בערג, וואס שפייען אוים א פול מויל מיט זאמד. ערגעץ אנדערש ספעציאליזירט זי זיך אין: מעטעארן, אין פייערדיקער סלונע, אין לאווא.

און זי זאגט אזוי:

— זאל איך אייך דערציילן פון מיין לעבן? ס'איז געווען אזוי פראסט. אין א גאליציש שטעטל געבוירן געווארן. צישן גאיעשע זאלץ־קאבערס און אידישע לידיקגייערס.

(דערצייל, דערצייל, שוועסטער!).

...צו די עטלעכע הונדערט זאלץ־קאבערס מיט ברייטע אקסלען האבן זיך צוגעשפארט א גאנץ שטעטל מיט שלאפע אידן, מיט גאאים שפעקולאנטן, מיט סאברים, אויסטוישערס, אפנארערס.

(דערצייל, דערצייל!).

...בא אונז איז געווען א שטוב—מיט פארהענגלעך און מיט א ווינער סאמאוואר. דער טאטע האט אויסגעזען ווי דער אמעריקא־נישער גענעראל גרענט, און האט פיינט געהאט א שיין ביסל אידן.

„...האט זיך דער טאטע גענומען צו שוסטעריי—דאס הייסט, מיינט נישט: א טאטע מיט אזא בארד און מיט א קענטניש אין פויליש און דייטש וועט נישט כאפן און ווערן טאקע א פראסטער שוסטער, וואס זיצט אף א בענקעלע און ציט דראטווע און זינגט לידלעך.

דער טאטע האט ליב געהאט אלצדינג, וואס איז שיין. האט ער זיך נישט געוואלט פארפאטשקען, האט ער גענומען און גע־עפנט א „שוסטעריי" קלוימערשט, געבראכט „אויבערטיילן" פון ווין. פארקויפט ס'ראוו ווינער שיך, און געפירט א קליינע מייסטעריי.

(דערצייל, דערצייל!).

...ניין, נישט דער טאטע. דער טאטע האט ליב געהאט שיין צו

טראכטן, שיין צו שמועסן, שיין צו לעזן, שיין צו שפּילן אין קרענגל—געשעפטן? כ'ווייס, לאָז זיין געשעפטן, נאָר די מאַמע זאָל זיי פירן. ער אַליין וועט פאָרן קיין ווין, קיין לייפּציג, איינקויפן סכוירע.

...די מאַמע מיינע: אַ פאַנאַטישע פרוי, פול מיט שרעק פאַרן געהנים, פאַר דעם מאָרגעדיקן טאָג. איר פאַכער איז געווען אַזאַ, ווי זי וואָלט כוישעד געווען, אַז מאָרגן וועט זיך כאַלילע פון דער גאַנצער וועלט דאָס ברויט אויסלאָזן.

...האָט זי געפירט די געשעפטן. באַשיכט קימאַט אַלע זאַלץ-זידערס. געדענקט אָף אויסנווייניק יעדן איינעם, וואָס איז שולדיק געלט. וויפיל ער איז שולדיק, וועלכן טאָג ער נעמט-אָפּ וואָכנלוין.

...האָט זיך איינער פון די אַרבעטער אָנגעשיקערט און זיין אַרבעט נישט אַרויסגעענדיקט, האָט די מאַמע די שיך אַן אַנדערן איבערגעגעבן און דערנאָך דעם „שיקער" אָפּגעצויגן פון די סכירעס.

...פלעגט דער טאַטע שרייען: כ'בעט דיך זייער, וואו איז דיין יוישער? וואָס האָסטו פיר מיט דעם מענטשן? נאָך ווייניג, וואָס יענער האָט פאַרשיקערט ס'געהאַלט, ציסטו אים נאָך אָפּ פאַר נישט-אַרויסגעענדיקטער אַרבעט? נו, פרעג איך דיך!

...אָבער די מאַמע איז געווען אַן אַמעריקאַנערין, דאָס הייסט: אַזוי איז זי אַפילע געבוירן געוואָרן אין באַרשטשיוו, נאָר בטעווע איז זי געווען אַן אַמעריקאַנערקע, האָט געגלייבט, אַז ווי לאַנג אַ מענטש לעבט, דאַרף ער „מאַכן אַ טוהלער" (באַ אונז האָט מען עס דעמאָלט גערופן „רענסקי", „ראַנישל". יענע, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ ס אַ ך דאַפּון, האָבן עס גערופן „פלאָרין"!).

...דער טאַטע האָט ליב געהאַט ביכלעך, שמאָכטעס, נאַרישקייטן. האָט ליב געהאַט שפּילן שאַך. איז געווען אַסימילאַטאָר און האָט געהאַלטן, אַז פיינט-האָבן אידן דאַרף מען. (אוי, אוי דאַרף מען!). נאָר נישט קיין גאַאים דאַרפן עס טוען, נאָר א י ד ן. „גאַאים", פלעגט ער זאָגן, „טויגן נישט צו זיין קיין אַנטיסעמיטן. זיי קענען אונז נישט געננוג. זיי האָבן אונז ס'ראָוו פיינט פאַר אונזערע מאַילעס, דאָס איז פע, מיעס".

מיר האָבן שוין אַלע צעבעסלעך געדרימלט. ערגעץ האָט אַ פערד געשמאָרעט, געסאָפּעט און געגריזשעט גראָז. די לעוואָנע איז אַריין אין אַ מולטער פון טייג און האָט זיך דאָרטן געטאַפּטשעט. ס'יונגע אינגל, וואָס זוכט כאַכמע אין שטיינער, האָט געשמירט שוואַרץ איינגע-מאַכץ אָף דינע ביסקוויטן און באַקומען... וואָנטשעס ווי אַ קאַץ. די איבעריקע לייט האָבן געגעניצט אין די זשמעניעס אַריין. דער שאָפער

האט מיט א פענמעסערל געקריצט זיין נאמען אין דער קארע פון א בוים. דאס פערד האט איצט אומרואיק געשארוועט מיט א פוס.

זי האט ווייטער גערעדט:

— איר ווייסט, קינדער, ס'איז וואונדערלעך: מיר זענען ערשט־נאר־וואס געקומען, און מיר זענען שוין דא. מיר זענען אין ערגעץ נישט, אף דער גאנצער וועלט נישט, נאר דא־א, אין די בערקשיר־בערג.

זי האט זיך דערמאנט און ווידער אמאל איינגעפעדימט די „גע־שיכטע פון איר לעבן".

— די זאלץ־זידערס זענען ביסלעכווייז צערונען, אויסגעשטארבן פון קראנקהייטן, וואס זענען געקומען פון שלעכטע עסנס, שלעכטער לופט, שווערער ארבעט. די איבעריקע האבן זיך גענומען ארגאניזירן. אז דער „כראביע" פאן יאוויץ איז דאס געוואר געווארן, האט אים שיר דער שלאק געטראפן. ער האט געהייסן אפשטעלן אלע זאלץ־זידערייען און ברענגען „ארבעטער פון דרויסן"—פון בעמען.

די בעמער זענען געקומען. ארגאניזירט זיך. פארלאנגט „דאס טעלערל פון הימל". דער „כראביע" האט אף אן עמעס „געקראגן דעם שלאק". די זאלץ־זידערייען האבן זיך געשלאסן. בא דער שטאט האט דער בויך גענומען איינשרומפן — מ'האט נישט געקענט „מאכן קיין ראגיש".

— און אייער טאטע?

— דער טאטע איז פאראַרימט געווארן. ניין, וואס זאג איך? מיין טאטע, וואס איז בטעווע געוועזן א רייכער מענטש, האט נישט געקענט ארים־ווערן. ער האט נאר איצט געהאט וויניגער צו עסן, ווי פריער. און נישט נאר ער אליין, נאר אלע. „מיכלשימען פון דער מויער", וואס איז געוועזן דער גרעסטער גוויר פון שטעטל, און וואס זיין ווייב, די גראבע עלקע, האט געטראגן צוויי פארטיכער: איינס פון פארנט און איינס פון הינטן, איז אויך געבליבן א קאבצן אין זיבן פאלעס.

— דערציייל, דערצייל.

—...די מויער? דאס איז געוועזן די איינציקע מויער אין שטאט, די איינציקע שטוב פון צוויי שטאק. די מויער איז געוועזן די מאס פון אלצדינג: „וואו וואוינסטו?" „דריי שטיבער פון דער מויער". „וואו וועלן מיר זיך היינט טרעפן?" „אין סאד, הינטער דער מויער". האט מען גערעדט פון געלט, האט מען געזאגט: „ער פארמאגט מער, וויפיל ס'קאסט מיכלשימענס מויער". אדער: „מיט זיין געלט וואלט מען נישט געקענט דעקן אפילע קיין האלבן דאך אף דער מויער". האט מען גערעדט פון שיינקייט, האט מען געזאגט: „ער איז שיין,

װי די מויער". פֿון פֿינצטערניש: „ער איז פֿינצטער, װי דער קעלער פֿון דער מויער". פֿון נישט זיכערע זאַכן: „ער האַלט זיך אַף מיש־קוילעס, װי דאָס גאַניקל פֿון דער מויער".

...די מויער איז געװען דאָס שליסל־װאָרט צו דער שפּראַך פֿון אונזער שטעטל. און אַז די מויער האָט שפּעטער אָפּגעברענט (מ'זאָגט, אַז די בעמישע אַרבעטער האָבן זי געצונדן), איז שטעטל געבליבן קימאַט אָן אַ שפּראַך. מ'האָט נישט געװאוסט, װאו סי איז װייט, װאו סי איז נאָענט: אַז ס'איז קיין מויער נישטאָ, אַף װאָס צו מעסטן!

אין די זאַלץ־זידערייען זיינען די אויװונס געװען אויסגעלאָשן. די זאַלץ־טייכלעך זענען געשטאַנען לײדיק, און פּויערים זענען גע־קומען אַהין טונקען ס'ברויט.

...דער טאַטע איז געװאָרן װאָס־אַ־טאָג אָרימער און פּרייעלעכער. דער מאַמען אָבער האָט די אָרימקייט דערשלאָגן. מ'האָט געמוזט מיין עלטערן ברודער קיין אַמעריקע אָװעקשיקן, ער זאָל זיך דאָרטן זיין ברויט פֿאַרדינען.

...דער עלטערער ברודער האָט זיך אַרומגעשלאָגט אין ניו יאָרק, געזוכט אַרבעט באַ קאַמאַשן־שטעפּעריי און נישט געפֿונען. פֿלעגט ער אַהיימשרייבן געװיין־בריװלעך: ס'איז אים ביטער װי דער טויט; ער קען קיין אַרבעט נישט געפֿינען.

(דערצייל, דערצייל, שװעסטערל!).

...מיין טאַטע האָט שוין אין יענער צייט געלייענט ענגליש און פֿלעגט באַקומען פֿון ניו יאָרק עטלעכע ענגלישע טאָג־בלעטער. אַז ער האָט איבערגעלייענט, װי מיין ברודער שרייבט, אַז ס'איז קיין אַרבעט נישטאָ באַ זיין פֿאַך, האָט דער טאַטע גענומען זיך פֿאַראינטע־רעסירן אין דער רובריק, װאו מ'זוכט אַרבעטער; װאו ער האָט געזען, אַז מ'זוכט אַ שוסטער, האָט ער אויסגעשניטן דעם „װאָנט". די אַלע „װאָנטס" האָט ער דערנאָכדעם אַריינגעלייגט אין אַ קאָנװערט, זיי אַריבערגעשיקט קיין ניו יאָרק, אים אָנגעװיזן, װאו ער קען גיין זוכן אַרבעט, אויך אָנגעזאָגט, װאָס ער זאָל זאָגן צום „באָס" אַף ענגליש.

— אַ װאוילער טאַטע.

— אַװאַדע. נאָר צו דער מאַמען האָט ער נישט געפּאַסט. ס'איז געװען אַ איבעס־שידעך. מ'האָט אים „געקויפֿט". די מאַמע איז געװען פֿון האַסטיק־אידישן טעמפּעראַמענט. דער טאַטע װידער איז געװען אַ רואיקע, נישט־אידישע נאַטור. שפּעטער־צו איז דעם טאַטנס לעבן אויך צעריסן געװאָרן. נאָר ס'איז געװען אַ כילעק: דעם

טאַטנס צעריסנקייט איז געווען, ווי די צעריסנקייט פון אַ פאָן; דער מאַמעס צעריסנקייט איז געווען די צעריסנקייט פון אַ...האַנטוך. דאַפאַר האָט איך די מאַמען טאַקע ליבערשט געהאַט פונם טאַטן. זי איז שטענדיק געווען אַזוי מוירעדיק אומגערעכט, אַז מ'האָט זי נישט געקענט פאַרשטיין—מ'האָט זי געמוזט ליב־האָבן בלינדערהייט. אַ גוטע נאַכט. קומט, קינדער, שלאָפן אין אונזער „לאָג־קעבין".

די „קינדער" (וואָס זוכן כאַכמע אין די שטיינער) האָבן נאָך אַלץ געגעסן די ביסקוויטן. דער עלטערער האָט געטרונקען טיי פונם טשערפּל און אונטערגעהעצט דאָס אויסגעלאָשענע פייער, וואָס האָט קוים געזשיפּעט. ווי אַלע קינדער, האָבן זיי זיך אויך געוועדט קעגן שלאָף. די מאַמע האָט דעם יונגן אינגל געוואָלט נעמען אַף דעם שויס און אים גלעטן דעם קאָפּ. אָבער ער, ווי אַ ברודער פון דעם, וואָס זוכט כאַכמע אין שטיינער, האָט זיך נישט געוואָלט איבערגעבן צו פּוסטע מאַמעשע לאַסקעס (ער האָט געזאָגט: „איך בין נישט קיין בייבי", און פון די אויגן זענען אים געגאַנגען טרערן, און ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן באַ זיין מאַמען אַף די הענט).

זי האָט ווייטער גערעדט (אַף אידיש, דאָס עלטערע אינגל זאָל נישט פאַרשטיין):

— ווייסט איר, וואָס ס'איז געווען דער העלדישסטער מאָמענט אין מיין לעבן?

— וואָס?

— ס'איז געווען דער מאָמענט, ווען איך, אַ מיידל פון אַ יאָר 17, האָב מיך אָנגענומען מיט מוט און איינמאָל געפרעגט באַם טאַטן: „טאַטע, פאַרוואָס האָסטו כאַסענע געהאַט מיט דער מאַמען?"

...דער טאַטע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געשוויגן אַזוי טיף, ווי אַ טייך, וואָס אַ פראָסט האָט אים פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן אינמיטן לויפן, זיך געגלעט זיין באָרד, וואָס איז געווען זייער ענלעך צו דער באָרד פון דעם אַמעריקאַנישן גענעראַל גרענט, און געזאָגט, נאָר— וואָס איז וויכטיק? (זי האָט גרינג אָפּגעזיפצט) — קומט, קינדער, וועלן מיר גיין שלאָפן אין אונזער „לאָג־קעבין". אַ גוטע נאַכט אייך אַלעמען.

אַף די בערקשיר־בערג

אינדערפרי איז ווידער געווען טאָג, ווי אַלעמאָל. די בערקשיר־בערג האָבן גערויכערט זייערע פרימאָרגן־ליולקעס. די וועלט איז געווען ניי און אָפּגעגלאַנצט, ווי זי וואָלט ערשט אַפיר פונם אונטערן מייסטערס הענט.

אונזער אָטאָמאָביל איז געווען קאַלט און אויסגערועט. זיין

ראדיאטאָר איז פאַרדעקט. אונטער אים דאָס ארויסגעלאָזטע וואסער האָט געלאָזט אַ זשאווערדיקן פלעק אין גראָז.

די יונגע אינגלעך, וואָס זוכן כאַכמע אין שטיינער, זענען שוין געווען אויפגעשטאַנען. דער עלטערער האָט שוין געהאַט אַ פולע קעשענע מיט — בארג־שטאָפן, מיט די אַלע „אומפאַראַנט־וואָרטלעכע" שטאָפן, פון וועלכע בערג ווערן געמאַכט—אַריינגערעכנט די אַלע קריכערלעך, פלאַטערלעך, שטיינדלעך און בלעטער. אַ טשע־רעפּאַכע, וואָס אונזער עלף־יאָריקער „וויסנשאַפטסמאַן" האָט געכאַפּט, האָט ארויסגעשטעקט ס'קעפּל פון איר טשערעפּאַכענעם זעלבסט־ביניען, אונז אָנגעקוקט מיט אַ האַלב־אויג, שטילערהייט געשאָלטן מיט טויטע קלאָלעס בעים מיר האָבן זי איבערגעקערט מיטן בויך ארויף.

מיר האָבן אָפּגעפּרישטיקט אַלפי נוסאַך אַמעריקע. דאָס הייסט: מיר האָבן אָנגעהויבן מיט „גרעיפּ־פרוכט" און געענדיקט מיט קאַווע, וואָס מיר האָבן פאַרבריט אין די אינדיאַנישע טשערפּלעך פון „מאַר־טאַס וויינגאָרטן".

די קאַווע האָט אַ כוץ מיט קאַווע־בעבלעך אויך געשמעקט מיט אינדיאַניש „אַמאָל־איז־געווען". אַ שמיצל ציקאָריע, וואָס די באַלע־באָסטע האָט אַריינגעטועט אין אונזער קאַווע, האָט דערמאָנט אין... נאַראַיעוו.

אַזייגער ניין האָט זיך דער טאָג געשטעלט צו דער אַרבעט. (די נאַטור איז געוויינטלעך אַ „סקאַב", זי אַרבעט טאָג־און־נאַכט. אין ערגסטן וועטער, אין דער טיפסטער שפּעטקייט זיצט זי און שלייפט שטיינדלעך, אָדער שטופּט אונטער די זאַנגען, זיי זאָלן אַרויס פון דער ערד, אָדער—אין האַרבסט—שטייט מיט אַ משוגן פאַרב־טעפּל אין דער האַנט, און פאַרבט יעדער בלעטל באַזונדער מיט אַזאַ ערנסט, ווי זי וואָלט באַדאַרפט די אַלע בלעטלעך אויס־הענגען אין אַ קונסט־גאַלעריי).

מיר האָבן גענומען איינפּאַקן דאָס ליוונט־געצעלט, מיט די פּאַר־טיקע פלעקער און קלינעס. מיר האָבן באַמערקט, אַז אַף דער ערד, דאָרט, וואו ס'איז געווען אַביסל וואַסערדיק, איז איבערנאַכט אָנגעוואַקסן בלאָע, דורכזיכטיקע, איידל־שיינע בלאָטערלעך. די ראָסע איז געהאַנגען אַף די בלעטער־שפּיצן ווי אויערינגלעך.

שטילערהייט, אַזוי אַז קיינער פון אונז זאָל נישט הערן, האָט באַנאַכט געכאַפּט אַ פרעסטל. איצט האָט עס די פרישע זון געמאַכט צו־נישט און געלאַכט דער וועלט אין פּאָנים אַריין.

קעמפ בויבעריק

פרייטיק באנאכט. ערעוו דעם שפעקטאקל, וואס הייסט „פעלקער־יאנטעף".

דער „בויבעריקער גייסט" האט ערשט געהאט פאררוקט דעם טשאלנט, אפגעבענטשט לעכט און איצט זענען די קינדער געקומען מקאבל זיין די פרינצעסין שאבעס, און צו איר קאוועד האבן די קינדער אויסגעזונגען דריי לידער, אלע מיט שאבעס פון פארנט און פון הינטן און אינדערמיטן.

איך האב באמערקט, אז אין דעם שפיל־זאל וואו עס הענגען גראטעסקע מאסקעס פון מענטשן פון אלערליי פעלקער, האט מען אכטונג געגעבן, אז קיין אידיש פאנים זאל כאלילע נישט באליידיקט ווערן, ווייל מיר, אידן, פארשטייט איר מיך, זענען לויטער האדרעס־פענימער, און אין אונזערע שיינע אויגן קען מען נישט ארייננקוקן ווי אין דער לעכטיקער זון.

איך האב געזען זייער קלוגע אויפשריפטן, ווי, לעמאשל, : „אוועקצופארן פון בויבעריק און נישט מיטצונעמען קיין אידישע ביכער, איז ווי צו זיין אין ניאגארא און נישט זען דעם וואסערפאל".

דער לאגישער אויספיר פון דעם־א מאשל וואלט אייגנטלעך באדארפט זיין: „ווי צו זיין אין ניאגארא און נישט מ י ט נ ע מ ע ן דעם וואסערפאל".

איידער דער שאבעסקוידעש האט זיך אנגעהייבן, איז געווען א רעפעטיציע אף דעם מארגנדיקן „פעלקער־יאנטעף". דורך שיין־דעקארירטע טויערן, קומען די „פעלקער" צום „יאנטעף פון פארברי־דערונג". לויטן „בויבעריקער גייסט" זענען אלע פעלקער טאקע גלייך, נאר די אידן זענען א היפש ביסל ג ל י י כ ע ר.

לעמאשל: אלע „פעלקער" זינגען זיך אפ זייערס און גייען זיך אוועק אזוי שטיל, ווי זיי זענען געקומען. אבער די אידן, אך די אידן! די אידן זינגען מיט אלע פעלקער. זיי זינגען, הייסט דאס, אי פאר זיך, אי פאר אנדערע. דער סייכל דאפון איז א קלארער סייכל: ערשטנס זענען אידן די בעסטע זינגערס אין דער וועלט. די „ארייליס" קענען אויך מיטהעלפן אינם „ליד פון ברודערשאפט", נאר די אידן דארפן זיי ו ו י י ז ן ו ו י א ז ו י. ווארין סאפ־קאלסאף (ציזשן אונז זאל עס בלייבן!) זענען גאאיס—גאאיס. א גאיעשער קאפ קען נישט באנעמען די טיפקייט פון דער בויבעריקאנער טוירע. זיי וועלן אפלעבן אלע זייערע יארן, די „באמולעס", און נישט טויפעס זיין דעם „בויבעריקאנער גייסט", וואס וויל פארברידערן

אלע פעלקער פון דער וועלט אונטער איין פאן: די פאן פון אידישקייט.

„דער בויבעריקאנער גייסט" האט א ביסל קאליע געמאכט מיין וואקאציע. אבער ער האט מיר עפעס געלערנט: ער האט קלאר־געמאכט, אז אן אכטל סוינע איז געפערלעכער ווי א גאנצער. און אז ס'איז גאר קיין כילעק נישט, צי די „קאלע איז א ביסעלע שוואנגער" מיט שאוויניזם, צי א סאך. פארקערט: יענע, וואס זענען אין די הויכע כאדאשים זענען ווייניגער שעדלעך, ווייל מען קען זיי לייכטער דערקענען. (לייבוש לערער האט גערעדט פון דער „הייליקייט פון אידיש" און איך האב אים געזאגט: „מיין ליבער, דאס מינדסטע וואס א קאמוניסט איז גרייט צו געבן פאר זיין אידייע איז — זיין לעבן. און אז מ'האלט שוין בא געבן דעם קאפ, מאכט שוין נישט אוים, אז מ'גיט די צונג אויך. אוודע איז דאס בא אונז ס'לעצטע מיטל, אבער איבערשרעקן אונז מיט דער „הייליקייט פון דער שפראך" קענט איר נישט. נאך מער: צו געבן דאס לעבן פאר אידייע איז גארנישט אזוי שווער, ווי צו געבן אויך דעם טויט, אויך די אומשטערבלעכקייט, מישטיינס גע־זאגט. און צו דעם זענען מיר, קאמוניסטישע שרייבער, געפאסט).

מיר האבן איבערגעלאזט הינטער אונז די טעלערדיקע בערג פון בויבעריק, דאס מיקוועדיקע טייכל, דעם טאאם פון פיש מיט ציבעלעס.

די באסמאלקע שאבעס איז געווען אויסגעפוצט אין איר לעכטיקן שטערנטיכל, דער „בויבעריקאנער גייסט" איז געגאנגען פארוים, מיט א זילבערנעם בענטשלייכטער אין דער האנט און געזונגען ווי דער רעבי אין פערעצעס „גאלדענע קייט":

„אוי, שאבעס, שאבעס, שאבעס,
אוי, שאבעס וויל מיך נעמען".

נישט ווייט פון בויבעריק איז קינגסטאן. די פערי פון „ריינקליף" ברענגט אהערצו אין א צענדליק מינוט, שיט אייך אוים באם כווישעב־דיקן ברעג, וואו דאס גארטנדיקע דארף מישט זיך אוים מיט רויך און שטויב פון דער שטאט.

אמעריקע האט נישט קיין קליינע שטעט. זי האט נאר קליינע ניו יארקס. יעדע שטאט קימאט (מיט ווייניג אויסנאמען אין וויטן מאירעוו, אדער אין דארעם, און א קליין ביסל אויך אף די פאר־ווארפענע „קעיפס" פון נייר־ענגלאנד) איז א מוסטער פון ניו יארק.

א פעלשונג. האָבן זיי נישט קיין „הימלקראַצערס" פון 86 שטאָק, האָבן זיי—הימלקראַצערלעך פון 5 אָדער 6 גאָרן. קאָנדענסירטער רויש, אומרו. דאָס ניו יאָרקערישע קאָנסערווירט אין בלעכעלעך פאַרן עקספּאָרט אין אַלע ווינקלען פון אונזער לאַנד.

אומעטום דער „5 און 10 סענט וואָולוואָרט", אומעטום דער „יונייטעד סיגאַר סטאָר" מיט זיינע קופּאָנעס. אומעטום—דאָסזעלבע הייזעריקע געשריי: „קויפט! קויפט!" פּונקט ווי מענטשן וואָלטן נישט געוואָלט קויפן די אַלע גוטע זאַכן, וואָס אַמעריקע האָט צו פאַרקויפן און מ'דאַרף זיי צווינגען מיט גוואַלד, מ'דאַרף זיך אַף זיי אָנבייזערן, זיי זאָלן קויפן שיינע הייזער, טייערע קליידער, עסן גוטע עסנס, זען גוטע טעאַטער־שטיק.

ס'איז זונטיק אין קינגסטאָן. די שטאָט פּראַזשעט זיך אין זאַמדיקער היץ. בירגער זיצן אין זייערע היימען, אראָפּגעלאָזט די שטאָרן, פאַרמאַכט טיר־און־טויער און מי לייענט — די „קאָמיקס" פונם „ניו יאָרק אַמעריקאַן", אָדער די סענסאַציאָנעלע אַרטיקלען — „פאַרוואָס זענען פרויען ערגערע מערדער ווי מענער", „די ראָלע פון סעקס אין לעבן אַף דער בינע", „די נאָפּל־צירונגען פון דער עגיפּטישער פרוי, מיט אילוסטראַציעס", „ווילדע שוואַטים בא וועלכע די פרויען ציען אויס די בריסט זיי זאָלן זיין צוויי מאָל אַזוי לאַנג ווי געוויינטלעך, מיט פאָטאָגראַפישע בילדער".

דער בירגער לייענט, און אַ פוילער סעקסועלער געניץ באַפאַלט אים. ער ציט זיך. גיט די קינדער צו צען סענט זיי זאָלן אַרויסגיין קויפן אייזקרים (ליאַדים), זאָגט זיי אַז זיי זאָלן גיין זייער פּאַוואָלי, און נישט צום אידן, נאָר צו דעם גרעק, וואָס האָט זיין געוועלבל מיט אַ צען גאַסן ווייטער. און ער אַליין ווייזט דער מאַמען באַלערנדיקע אַרטיקלען אין זיין „פּעיפּאָר", פון וואָס די מאַמע הייבט אויך אָן צו געניצן מיט אַ פוילן „לײדנשאַפטלעכן" געניץ.

ס'איז זונטיק. אַרום דעם „יונייטעד סיגאַר סטאָר" זענען פאַרזאַמלט די באָכרימלעך מיט די האַרטע היטלען, ווי מולטערלעך. מי רעדט וועגן „בייזבאָל־געים", וועגן מיידלעך, וועגן דער דראָשע, וואָס דער פּאַסטאָר האָט געהאַלטן אין קלויסטער, וועגן די לעצטע מאָרד־סקאַנדאַלן. דאָס פּאָליטישע לעבן פונם לאַנד ווערט קוים פון עמיצן אָנגערירט.

אין קינגסטאָן האָב איך מיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט פון וואָקזאַל און מיר געלאָזט פּוצן די שיך פון אַ קליין נעגער־אינגל. ער האָט אַוועקגעשטעלט זיין קעסטעלע, אַרויפגעשטעלט מיין פוס אַהין וואו מ'דאַרף געניצן איינשמירן מיט דער פּאַסטע.

לעבן אים איז געשטאנען א „ווייס באָכערל“, מיט בלאָנדע האָר, רויטע בעקעלעך, א שטומפּיק נעזל, גרויסע פּעדערשטע ציין, געטשי־פּעט א האלב פּאַפּיראָסל און געשפּיגן.

— פּאַרדינסט עפּעס א סאַך, אינגעלע (איך צום נעגערל).

— נישט קיין סאַך. ע ר נעמט צו א העלפּט (ער ווייזט אף דעם ווייסן באָכערל).

— פּאַרוואָס גיסטו אים א העלפּט?

— איך מוז אים געבן, ווייל ס׳איז זיין קעסטל.

— פּאַרוואָס קויפסטו דיר אליין נישט קיין קעסטל, אינגעלע?

— קויפן קען מען נישט. מי דאַרף אליין מאַכן, און דזשאָני זאָגט, אז איך קען נישט מאַכן. בלויז א ווייסער מענטש, זאָגט ער, קען מאַכן אזא קעסטעלע.

— און דו גלייבסט אים?

— אז איכ׳ל אים נישט גלייבן, וועט ער מיך שלאָגן.

ער הויכט אַרויף אף מיין שוך, צו פּאַרענדיקן דעם „לעצטן גלאַנץ“, גיט א צי מיטן פּוץ־לאַפּן אהער און אהין, שפּיגלט זיך אינם בלישטש, ווי אין עפּעס רעכטס, און זאָגט:

— איך וואָלט געוואָלט אַרבעטן אין א פּוצעריי, נאָר דזשאָני זאָגט, אז איך קען נאָך נישט און אז מי וועט מיך דאָרטן שלאָגן.

דזשאָני, וואָס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט מיט די הענט אין די קעשענעס און געדרויכערט א האַלב ציגאַרעטל, איז איצט—אָז מיינע ביידע שיך זענען געווען אָפּגעפּוצט—צוגעקומען און קריטיקירט די אַרבעט, אָנגעוויזן, אז דער גלאַנץ איז נישט אַקוראַט, דער קנאָפּל נישט גענוג אָפּגעגלאַנצט.

דערנאָך האָט ער א קוק געטוען אַפן נעגער־אינגל און געזאָגט:

— אלעס, וואָס ער קען, איז שמירן מיט דער שמאַטע. קיין סייכל האָט ער נישט. שוין פון אים קיין ביזנעסמאַן נישט זיין. א מאַרכע, וואָס איך פיר פאַר אים די געשעפטן. ער קען אפילע נישט ציילן.

— איך קען י א . אָט איז צען פּענים, וואָס דער מאַן האָט מיר געגעבן, איז מיר פינף און דיר פינף.

— „סטינדזשי גאַי“ (קאַרגער הונט), — מאַכט דאָס ווייסע אינגל און כאַפּט בא אים צו די פינף סענט. — ער שטעלט זיך אף דער פּעני. ער מיינט, אז פון א סענט ווערט מען רייך. ניגער־לויז!

ער גיט א שפּיי אף נעגערלס קעסטעלע, טרעפט אף יענעמס האַנט. יענער ווישט זיך אָפּ דעם שפּיי און צעוויינט זיך.

גלאָסטער

גלאָסטער—געשריבן „גלאָוסעסטער", ווייל ס'איז אן אלט ענגלישער נאָמען. ענגלענדער האָבן א טעווע, אַז זיי מאַכן אלצדינג עקסקליוזיוו—אפילע נעמען.

די פּראָסטע „סמיטהס" הייסן—„סמיטה", אָבער די הויכע סמיטהס הייסן שוין „סמייטה", אָדער „סמהיטטט". זיי ווילן מיט די וואולגאַרע „סמיטהס" נישט האָבן צו טוען.

גלאָסטער איז אַ פישער־שטעטל באַם ברעג יאַם. באַ די ברייטע וואונדערלעכע יאַם־ברעגן פון גלאָסטער וואוינען... נישט די פישער, נאָר די, וואָס זיצן אינדערהיים און עסן דעם רויג פון די טייערע פישן. דאָ זענען פּאַלאַצן פון טויזנט־און־איין־נאַכט. די פּאַלאַצן קערן אָפּט צו דריט־קלאַסיקע מאָלערס, וואָס האָבן געמאַכט א פּאַרמעגן שמירנדיק „קאָמישע קאַרטונס" פאַר הוירסטס צייטונגען, אָדער צייכענענדיק פּלאַקאַטן פאַר גרויסע פירמעס.

די רייכע „מאָלערס" זענען נישט אַזוי באַשיידן, ווי די אַנדערע גווירים, וואָס האָבן דאָ זייערע פּאַלאַצן; יענע שטעלן קיין שילדן נישט ארויס פאַר זייערע שטיבער. פאַרקערט, זיי ווילן זיין „עקסקליוזיוו", אָפּגעשלאָסן. קיינער זאָל נישט וויסן ווער דאָ וואוינט.

קינסטלער אָבער האָבן ליב צו רעקלאַמירן זייערע פירמעס. זייערע נעמען.

גלאָסטערס „קינסטלער־קאָלאָניע" איז באַ דער בוכטע, אין אונטערשטן טייל שטאָט, וואו די „פישערים" זענען—די פישערייען וואָס טריקענען די „קעיפּקאַדער" פיש, וואָס פאַרקויפן זיך איבער גאָר דער וועלט.

שיף־שטאַנגען האַלטן אונטער דעם גרינגן הימל פון גלאָסטער. דער הימל איז אַ בלאָ, גרינג כופּעלע, וואָס ליגט אויף מאַסטן פון אויסגעשפּילטע שיפן, וואָס גייען שוין אין ערגעץ נישט, ליגן דאָ אין זייער שיינער צעפאַלנקייט, און דערמאָנען זיך „אָן די אַמאָליקע טעג", אָן די טעג פון שטורעמס, פון ברויז, פון כאַלוימעס גרויסע.

גלאָסטער לעבט פון... כורועס. די שטאָט־מלוכע פון גלאָסטער קויפט־אויף, זאָגט מען, אלע שיפן, וואָס האַלטן באַם אונטערגיין, ברענגט זיי קיין גלאָסטער צו דעקאָרירן די היגע הימלען, די בוכטעס.

אַמעריקאַנער זענען אַ יונג פאָלק, האָבן נאָך קיין באָרד נישט. קויפן זיי בערד פון טויטע זקיינים, לאָזן אריין אהין לייזלעך, סי זאָל אויסזען אלט.

טראַדיציע—גיט אונז טראַדיציע, פּליז! מיר וועלן נישט שטיין

אף דער „פעני". גיט אונז צעפּאַלענע שלעסער. מיט נייע „פּלאָמבינג" און מיט הייסן און קאַלטן וואַסער, וועלן מיר אייך אפּגילטן.

:: :: ::

דאָס געפיל, וואָס דו האָסט, אַז דו פּאָרסט איבער ניי־ענגלאַנד, איז פון אַן אויסגעפּוצטער קאַלע, וואָס שטייט און גראָבט דעם גאָרטן. אַלע הייזער פריש געפאַרבט, די שטאַכעטן ארום די גערטנער, אַפּט זייער אַלטע, מיט דער האַנט געשניצט פון די גרויסע האָלצמייסטערס פון סיילעם. הייזער הונדערט און אפילע צוויי הונדערט יאָר אַלט, אָפּט מיט אַ מאָדערן הינטל פון אויבן, וואָס פּאַסט אַקוראַט אַזוי ווי צו אַ קויהענגאַדלס פּאָנים פּאַסט אַ קאַשקעט.

דער „יענקי" באַוואָרט־אויף זיינע אַלטקייט, טרייבט זיי אונטער זיי זאָלן עלטער־ווערן. נאָר זיין געפיל פאַר ציכטיקייט דערלאָזט נישט דעם שטויב פון די יאָרן צו פאַלן אַף די אַלטע כאַפּיצים, אַף די אַלטע שטיבער.

זעט איר אָפּט: אַן אַלטע מירמל־שטיינערנע סטאַטוע, פריש ארומגעוואַשן מיט זייף און מיט ווארים וואַסער. אַן אַלטע שטוב אויפבאַוואָרט אינם גאַנצן שימל פונם אָריגינאַל, נאָר די ווענט זענען פריש אָפּגעפאַרבט.—באַ די דאַך־ווינקלען זענען שפּאָגל־נייע רינוועס פון בראָנז.

ס'איז אַ לעפישער טאָג. דער הימל איז עפּעס אָנגעדרודלט, אין דער לופט הענגט אַ לויער נעפּל.

גאַסן, געסלעך, ווי אין אָריענט, ווי אין מאַרסעל—עפּשער, אָדער אין טריעסט. אין דרויסן לעבן פישער־שטיבלעך אַלטע, ליגן נעצן. פישערס שטייען אַף די קניען און לאַטען די נעצן (דאָס אייביקע טור־עכץ פון די פישערס באַ אַלע יאַם־ברעגעס פון דער וועלט).

סי נעצט אַ ביסל. אָבער באַ דער „בוכטע", באַ דעם מיטנ־שטאָטישן יאַם־קאַנאַל, וואו די קינסטלער־קאָלאָניע איז, זעט איר אומעטום אַף די פעלזן, אַף צעבראָכענע שיפן, אַף גאַניקלעך, אַף דעכער פון הייזער אפילע—זיצן מענטשן און... מאָלן מיט אַזאַ האַס־טיקייט, ווי די וועלט וואָלט שוין אַלע ביז־איצטיקע בילדער געהאַט איבערגעקוקט, און זי שטייט אין דרויסן און וואַרט אַף נייע.

אין גלאָסטער איז אויך דאָ אַ גרויסע אינדוסטריע פון פיש־פּאַקעריי. דאָ טריקנט זיך דער „קאָד־פיש", פון וועלכן מי מאַכט דאָס געשמאַקע „יענקי"־מאַיכל „פיש־קניידלעך" (פיש־באָלס). איבער דער גאַנצער שטאָט שמעקן איינגעזאַלצענע פיש, וואָס ליגן אַף די ווערפן און טריקענען זיך.

איך גיי צו צום יאם: ער ווארפט זיך, ווארפט זיך, צערנט דארט ערגעץ מיט פיענע. ברילט ווי א ליוב, וואס מ'איז אים שולדיק דירעגעלט. נאר וואס ער קומט נענטער אלץ מער ווערט פון דעם לייב—א הונט, א שאפעלער הונט, וואס לעקט די ווייבערעש ברעגן פון די זאמד־פעלערינעס. כאנפעט זיך, גיט זיך אונטער.

ערגעץ־וואו איז דער יאם נישט גוט, זייער נישט גוט. אבער דא־א איז אים גוט. ער האט פארנאסע, ער „מאכט א טולער" דאפון וואס ער קערט איבער שיפלעך און לאזט זיי ליגן בא די פעלזן און די קינסטלער נוצן זיי אויס פאר טעמעס.

אין דער מאלעריי, ווי אין דער שרייבעריי, באמערקט איר דעמ־זעלבן שטריך: וואס קלענער דער קינסטלער, אלץ גרעסער די טעמע.

וואס מאלט א גרויסער מאלער: סעזאן, אוטרילא, מאנע, אהל? אן עפל. א שטיקל דאך. א טשערפ. א האנט פון א מענטשן. דער דילעטאנט אבער נעמט נישט קיין קלענערע טעמע ווי: שיפסברוך בא זון־אונטערגאנג אין שטורעמדיקן יאם לעבן איפסוויטש.

אין גלאסטער איז דער אנשטעל: דעמאקראטיע. ליבעראליזם. קינדער פון רייכע טאטעס טוען־אן א פאר הויזן פון ביליקן שטאף, אן ארבעט־העמד און... צאלן 8 דאלאר א טאג אין א האטעל, בלויז פאר שלאפן אליין.

אין די ווינקלען פון „לאטיינישן קווארטאל" אין גלאסטער שטייען „קינסטלער" און רעדן מיט פראסטע ארבעטער. ס'איז א געפיל פון טיפער זינד, וואס באפרידיקט די רייכע זינדלעך. ס'איז ליהאי ווי א פוילישער „כראביע" פארגינט זיך אמאל, פאר א שפאס, אפצושטעלן א אידן אין גאס און רעדן מיט אים.

גלאסטערס „פישערלייט" שעמען אף דער וועלט. צוליב די פילע מאלערס, וואס האבן געמאלן אט די מענטשן, בא אט די וואונ־דערלעכע ברעגעס פונם „קעיפ ען". די פישערלייט אליין, וואס האבן די קאסטשפיליקע אטמאספערע באשאפן מיט זייער הארטן, ארימען, הערואישן לעבן, די האבן געמוזט אפטרעטן פון די־א ברעגעס און אוועקפארן צום וויטסטן ברעג פונם „קעיפ" — קיין איפסוויטש, קיין „ליטל נעק", דארטן גראבן „אויסטערס" אדער „קלעמס".

דער אוואנטוריזם האט זיך אויסגעוועפט פון גלאסטער. „ווינט־שטויסערס", „סקיפערס", קאפיטאנען פון זעגלשיפן, „טראלערס"? וואו זענען זיי היינט! דאס מאדערנע שיפל מיטן אייל־מאטאר האט זיי פאר פאשעטע מאשיניסטן געמאכט. נישט

אפן ריזיקאלישן ווינט שטייט היינט די קאַרט, נאָר אַף דעם סאָלידן שטאָל, אפן רואיקן אייל.

„סקיפּערס״? וואָס פאַר אַ סקיפּערס! שיף־שאַפּערס! שיף־באַלעגאָלעס, וואָס שטייען בא אַ רעדל און גענייצן אין דרויסן אַרויס.

איך האָב גערעדט מיט אַזאַ „קאַפּיטאַן״ אין איפּסוויטש. ער איז אַן עלטערער מענטש אָן 1 צאָן אין מויל. ער האָט מיך מיט מיט אַ קאָמפּאַני פון נאָך זעקס מענטשן געפירט באַקוקן די ברעגן — דער איקער די סילס (יאַם־הינט), וואָס געפינט זיך דאָ אין דעם געגנט.

אַ „קאַפּיטאַן״? — מיר האָבן זיך מיט אים גערונגען עפּשער אַ האַלבע שאָ וועגן דעם פּרייז פון דער נסיע. ער האָט זיך געשוואוירן, אַז מ'האָט געמעגט אַ הונט גליַיבן, אַז ווייניגער ווי 8 דאָלאַר קען ער נישט נעמען. סיידן ער זאָל האָבן אַפן וועג נאָך „קאַסטימערס״ — בא די אינזלען דאָרטן, וואו מענטשן קומען זומערן, אָדער וואו די שטילע ברייזלעך זענען.

מיר זענען אַריין אין דער בענזין־מאָטער. דער קאַפּיטאַן האָט זיך געשטעלט באַם „שטייער־ראָד״, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן פּראָפּעלער דורך אַ גראָבן שפּאַגאַט. ער האָט מיך באַלד אויסגעלערנט די מלאָכע און איך בין געוואָרן אַ קאַפּיטאַן פון „אַ שיף אַפן יאַם״. דאַוקע אין אַ היפּשן שטורעם. (מיין קענטעניש אין טרייבן אַ „פערד״ איז מיר דאָ שטאַרק צוניץ געקומען — איך האָב מיך נאָר אַליין באַדאַרפט גוט אָנהאַלטן אָן רעדל, איך זאָל נישט אַרויספאַלן).

דער „עמעסער קאַפּיטאַן״ איז געשטאַנען לעבן מיר, געקייט מיטן מויל, אין וועלכן ס'איז נישט געווען קיין איין צאָן אַף אַ רפוא, און געזאָגט:

„צאָרעס! מ'מאַכט נישט קיין טולער. אַלע קינסטלער פאָרן היינט קיין גלאָסטער. דירעגעלט איז דאָרטן אונטערן הימל. מוזן מיר אַרבעטן דאָ אין „ליטל נעק״ אין די יאַם־זומפּן, גראָבן אויסטערס, קלעמס״.

— וויפיל קריגט איר פאַרן מעסטל קלעמס?

— מיר קריגן פון 50 ביז 60 סענט אַ מעסטל, אין וועלכן סי געפינען זיך ביז עטלעכע הונדערט טוץ „קלעמס״ (דזשאַבע־שיסעלעך). אין שטאָט פאַרקויפן זיך דיזעלבע קלעמס פאַר 35 סענט אַ האַלבער טוץ. פאַר די בעסטע ראַקעס 50 סענט אַ פונט. אין ניו יאָרק קאָסט געוויינטלעך אַ „לאָבסטער־דינער״ צוויי דאָלער מיט 50 סענט, גיב מען העכסטנס אַ האַלב־פונטיקן „לאָבסטער״.

— ווער מיינט איר, איז שולדיק אין דעם, קאַפּיטאַן?

— שולדיק? קיינער איז נישט שולדיק. ס'איז נאטירלעך. דער „מיטלמאן" דארף מאכן פראפיט. מיילע, מיר זענען בלויז ארבעטער, איז וויפיל מיר פארדינען מוז זיין גענוג. אבער יענע זענען דאך ספעקולאנטן. זיי לייגן אריין געלט, מוזן זיי גוט פארדינען, אנישט וועט זיך זיי נישט לוינען.

— ווי אזוי־זשע קומט איר דורך, קאפיטאן?

— אזוי קום איך דורך. ס'איז צארעס. מי מאכט נישט קיין טולער. אין די אמאליקע יארן פלעגט א סקיפער זיין א סקיפער (גיט אכטונג ווי איר פירט די שיף, איר'ט נאך אריין אין אן אינזל!) און א שיף פלעגט זיין א שיף. היינט איז די שיף קיין שיף נישט, דער „סקיפער" קיין „סקיפער" נישט. אף דער שיף צאלט מען „מארטגעדזשעס" (היפאטעקן). אף מיין „מיסעס פיבאדי" האב איך צוויי „מארטגעדזשעס".

די „מיסעס פיבאדי" איז דערווייל געווארן עפעס מעכולעדיק. דער יאם האט זיך צעארבעט. פון דער וויטן האבן זיך שוין געוויזן די גלאנציקע, ברוין־שווארצע קעפ פון די „סילס", וואס האבן געמאכט קאזשילקעס אין וואסער.

איך האב איבערגעגעבן ס'רעדל קריק צום „קאפיטאן", און איך האב אים געפרעגט:

— ווי קומט עס, וואס איר האט אלע ציין פארלוירן, קאפיטאן?

— איך האב זיי נישט פארלוירן. מ'האט זיי ארויסגעשלעפט. קראנק געווארן אף דער רואך־וויסט־וואס. אוועק צום דאקטאר. זאגט דער דאקטאר: „קאנסער (א ראק) אין בויך". זאג איך: „ביזט זיכער, אז קאנסער?" זאגט ער: „וואדען, נישט זיכער?" זאג איך: „וואס־זשע טוט מען?" זאגט ער: „לייג דיך אנידער, וועל איך דיר רייבן מיט עלעקטרי. עפשער וועל איך קענען דערהארגענען דעם קאנסער". האב איך מיך אוועקגעלייגט און ער האט איבער מיר געארבעט העבער א שא, ביז ער האט אין מיר דערהארגעט דעם קאנסער. איך האב באצאלט 25 דאלאר, נאר ער האט מיך געראטן איך זאל אוועקגיין צו זיינעם א פריינט א דענטיסט און מיר לאזן ארויסנעמען אלע ציין, דער קאנסער זאל זיך נישט אומקערן. איצט עס איך פערלגרויפן מיט פוטער, צוויבאק, און איך טרינק מילך—דאס איז אקוראט פאר מיר אן עסן. נאר, סי מאכט נישט. עז לאנג עז הי פיקסד מי אפ". (אבי ער האט מיך געשטעלט אף די פיס).

אפן וואסער

די יאם־הינט האבן געמאכט קאזשילקעס אף דעם שטיקל זאמד־

אינזל, וואָס איז איצט באַשײנפּערלעך געוואָרן אָפּגעווישט פונם צופלוס, וואָס האָט געהאַלטן אין אָנקומען. מיר האָבן זיך געהעצקעט אַף דעם מולטערל, צוגעהאַלטן די היטלען פאַרן ווינט. געקוקט אַף דעם טומלדיקן הייסן מאָטאָר, באַטראַכט דעם ווייסן פּאַס שוים, וואָס דאָס שיפל האָט נאָך זיך געלאָזט פון הינטן, און ווייטער גערעדט מיטן קאַפּיטאַן.

— דערציילט עפּעס אַ מאַיסע פון אייער לעבן, קאַפּיטאַן. די אינטערעסאַנטסטע זאַך, וואָס האָט זיך מיט אייך אַמאָל געטראָפן.

— די אינטערעסאַנטסטע זאַך, הע? וועל, די אינטערעסאַנטסטע זאַך אין מיין לעבן האָט זיך מיט מיר פּאַרלאָפן ווען איך בין אַלט געווען אַ 22 יאָר.

...איך בין דעמאָלט געווען אַ העלדישער יונג, געהאַט אַלע ציין אין מויל און אַלצדינג.

נאָר קיין געלט נישט געהאַט. פאַרמאָגט מיין אייגנם אַ פישער־שיפל, איז דאָס אויך נישט געווען מיין אייגנס. איך האָב עס געהאַט בשותּפות מיט איינעם „ביל ווינדהעם".

ווינדהעם איז געווען אַ גאַנץ וואווילער פישעריונג, נאָר אַ גרויסער גאָרנישט און גאָר קיין באַלטאַכלעס נישט.

איך ווייסט דאָך ווי מ'זאָגט, אַז מ'האָט ליב דאָס ווייב האָט מען ליב די שוויגער אויך.

איך האָב מיין מיידל שטאַרק ליב געהאַט, האָב איך מיך געוואָלט מיט עפּעס אַרויסווייזן און נישט געהאַט מיט וואָס, אַ כוץ אַמאָל מיט פיש, וואָס איך האָב געבראַכט אין שטוב אַריין, האָט אָבער איר מוטער נישט ליב געהאַט קיין פיש.

...טראַכט איך: וואָס טוט מען? נעם איך איינמאָל און זאָג צו בילן: „ביל", זאָג איך, „היינט איז שאַבעס, נעם ס'שיפל אַף שאַבעס, איכ'ל עס נעמען אַף זונטיק. איך וויל נעמען מיין מיידלס „אַלטע לייט" אַף אַן עקסקורסיע. איז אָפּגעמאַכט?

מאַכט ער: „אָלרייט".

זונטיק. מיין שווינער האָט זיך אויסגעפּוצט אין ווייסע קליי־דער, מיין שווער אין ווייסע הויזן, מיין קאַלע אין לעכטיק־בלאָ מיט אַ פּאַראַסאָלכן און אַ פּעכער, ווי דעמאָלט איז געווען די מאָדע. מיר קומען צו צום ברעג יאַם, נישטאָ ס'שיפל. ביל האָט עס אָפּגע־אַנקערט.

...וועל, בטעווע בין איך געוויינטלעך אַ רואיקער, נאָר דאָס מאָל בין איך געוואָרן אַזוי אין קאַעס, אַז איך האָב באַ זיך אָפּגעמאַכט:

איך מוז אים דערשיסן ווי א הונט. אנישט וואסער פּאָנים וועל איך האָבן?

...איך שטיי און טאפּ דעם רעוואָלווער אין מיין קעשענע. מיר שטייען אַלע. גייט אוועק עפּשער א שאַ, קומט אָן דאס שיפל. איך זע עס פון דער ווייטנס. איך בין שוין גרייט באַלד אויסצושיסן, ערשט איך הער א גוואַלד: ביל טרענקט זיך — ער איז אריינגעפאלן אין וואסער.

...ס'האָט נישט געדויערט קיין צוויי מינוט, בין איך געווען אין וואסער. איינגעשטעלט מיין אייגן לעבן (דער יאם האָט שרעקלעך געשטורעמט) און אים געראטעוועט—ניין, געראטעוועט האָב איך צוויי מענטשן: אים פון טויט, מיך פון באַגיין א מאָרד און פון שאַנדע.

...דאָס באַווייזט אייך, וואָס א מענטש איז.

איז... יאָ, פאר וועמען וועט איר שטימען היי־יאָר, קאפּיטאַן?

— וועל... פאר הואווערן.

— און וואָס זאָגט איר וועגן סמיטן? איז ער ערגער פון הואווערן?

— סמיט איז אוואַדע בעסער פון הואווערן. איך וואָלט זייער געוואָלט שטימען פאר סמיטן, נאָר איך קען נישט.

— פארוואָס קענט איר נישט, קאפּיטאַן?

— וואָס הייסט פארוואָס? איך בין דאָך א רעפּובליקאַנער.

— קענט איר דאָך ווערן אויס!

דער קאפּיטאַן האָט זיך צעלאַכט מיט זיין נאַקעט מויל אָן ציין:

— יו אַר קידינג מי, מיסטער (איר מאַכט פון מיר שפּאַס), נאָר סי מאַכט נישט, יונגערמאַן. איך האָב ליב א שפּאַס. איידער מ'האָט מיר ארויסגענומען די ציין, פלעג איך אַליין אויך זאָגן אמאָל וויצן. איצט איז שווער.

— פון די קאָמוניסטן האָט איר געהערט? פון דער וואָרקערס פּאַרטי?

— נישט פאר מיינע צייטן. א פעטער מיינער אין קערהאָנקסאָן, א ריעל־עסטייט־מאַן (גרונט־סויכער) שטימט פאר די סאָציאַליסטן. „סעי", זאָג איך צו אים, „אָנקל, וואָס קומט דיר ארויס, וואָס דו שטימסט פאר די סאָציאַליסטן, אז זיי קריגן אַלע יאָר ווייניגער שטי־מען?" „וועל", מאַכט ער, „סי מאַכט נישט אויס. זיי וועלן אזוי לאַנג קריגן ווייניגער שטימען, ביז זיי וועלן מוזן דערוויילן אָן איינגע־נעם פּרעזידענט". אזוי, זאָגט ער, באַווייזט די היסטאָריע. — איר זענט פון גלאָסטער? אנו, ווייזט אייערע בילדער. איך בין אויך

אַ שטיקל מייוון אַף די זאַבן. מיך האָט מען שוין אַ סאַך מאָל געמאָלן, נאָר איצט אַז איך האָב נישט קיין ציין, ווייסיך נישט. זיי זאָגן, אַז איצט זע איך נישט אויס ווי קיין פישער, דאָס פּאָנים איז באַ מיר צו אומעטיק. אָן די ציין, יו נאָו! יעס, האַלוואַי וואָלט איך געקענט שטימען פאַר סמיטן, וואָלט איך אַוואָדע גע־שטימט. איר זעט דאָרטן־אָ דאָס אינזעלע? דאָרט מאַכט מען בראָמפן, מי האַלט אים אין פעסער אַף קייטן. די פעסער ליגן אין יאַם. דער „פּראָהיבישאָן אַגענט" קומט אָפט אַהער מאַכן אַ גוטן שנאַפּס. מ'איז אייגענע מענטשן — ער וואוינט דאָ נישט ווייט. נאָך איך, בעהיימע, האָב מוירע געהאַט צו פּ י ר ן אַפילע בראָמפן. איך האַלט, אַז ברעכן דעם געזעץ איז נישט פאַר קיין אָרעמאַנס קעשע־נע. אונזערס אַ מענטש קען זיך נישט פאַרגינען אַזאַ לוקסוס. דאָרטן־אָ? דאָרטן איז גלאָסטער—מיר וועלן דאָרט באַלד זיין. איכ'ל אייך אַראָפּלאָזן און קריקפאָרן. קיין „קאַסטימערס" וועלן שוין היינט נישט זיין, סי רעגנט. די קינסטלער האָבן ליב צו קוקן אַף דעם רעגן—דורך אַ פענצטער. נישט צו זיין אין קיין נאַס שיפל ווי מיינס.

— אַדיע, קאַפּיטאַן.

— אַדיע, יונגערמאַן. ווען איך וואָלט געהאַט דיינע ציין!

— וואָס־זשע וואָלט איר געטוען, קאַפּיטאַן?

— מיט דיינע ציין, מיט דיין קאָפּ האָר, וואָלט איך געקענט זיין אַ מאָדעל באַ מיסטער וואַן־קורז, דער וואָס צייכנט די באַרימטע רעקלאַמעס פאַר קראַגנס.

— טאַקע!

— „יו בעטש יור סוויט לייף".

מיין קאַפּיטאַן האָט אַ פינטל געטוען מיט אַ טרויעריק און צע־יאַטערט אויג. אָנגעשפּיגן אין דער זשמעניע אַריין, וואו ער האָט געהאַט דאָס געלט פון זיין „טאָג לייזונג", געגעבן אַ פייף פון גאַיווע וועגן מיט זיין סירען, איז אַוועק און מיך ווידער איבערגעלאָזן אין— גלאָסטער.

צישן קינסטלער

גלאָסטער איז שיין ווי די וועלט. אַ שיינקייט וואָס האָט אין זיך דעם פינקל פונם אָרינעט, די וואולקאַנישע שיינקייט פון איטאַליע, די אָפענע יאַם־ברעגן פון דער ריוויעראַ.

און וואָס זאָגט איר נישט צו דעם? אַ מענטש איינער אַליין, אָן קינד און אָן רינד, אַ באָכער מיט אַ פליך, אָרעמס ווי שטעקעלעך (זיי זעען זיך אַרויס דורך די האַלבע אַרבל פון זיין ווייס גאָלף־העמד)

האָט זיך אָפּגעשניטן פאַר זיך אַליין דאָס גרעסטע שטיק יאַם־ברעג— א האַלב־רינגל, וואָס איז עפּשער צוויי מייל די גרויס. דאָרט וואַקסן די מעשוגענסטע בלומען, די שענצסטע רויזן, קאַלינע־ביימלעך שטיקן אויס די לופט ווי מיט אַלט־רוסישע קרייץ־שטעך—בינטלעך בלוט אַף ביימער.

סי וואַקסן אַזוינע ווילדע רויטע קנאָפּקעלעך, וואָס איך קען זייער נאָמען נישט. איך וויים נאָר, אַז זיי האָבן אין זיך ווייסע סאַמעטענע קערלעך אַזוי ווי פון ראָזשינקעס. באַפּעדימט מיט אַזוינע פּעדימלעך, וואָס מאַכן אייך סיאַרזקע די הענט.

ווילדע קאַרשן גייען שוין איבער פון רויט אַף שוואַרץ—ציטערן אַף זייערע הויכע קשאַקעס, איילן זיך צו דערצייטיקן זייער שוואַרצקייט, איידער דער פראָסט קומט אָן.

ערגעץ האָקט עמיצער האָלץ. יונגען מיט הויכע שיך, געשנירט פון פאָרנט, און אין לעדערנע הויזן, מיט העק אַף דער זייט, פאַרריכטן די קופּערנע טעלעגראַף־דראָטן, וואָס זינגען אַזוי וואונדערלעך אין דער בלאָער זון. איינער פון זיי שפּייט אַראָפּ הויך פון א טעלעגראַף־סלופּ, וואו ער האָט זיך איינגעקלעמט מיט די ליטקעס פון זיינע האַרטע פּיס,—שפּייט אַראָפּ אַף א רעדל שניי־בלומען, וואָס שטייען פרישפאַרשוירן און אויסגעפּוצט ווי צום יאָנטעף פון ווייסן טרויער.

אַן אַלטער געהויקערטער גערטנער שטייט מיט א ריזיקער שער, שערט די בלומיקע שעפּעלעך, קלינגט מיט די שער־מעסערס, בייגט זיך, האָרעוועט — צוליב דעם, אַז דער מענטש־אָ, אַן קינד און אָן רינד, זאָל קענען זיינע אויגן אָנזעטיקן אָן שיינקייטן, וואָס ער האָט פון א בלומען־קאַטאַלאָג אַרויסגעקלייבט.

דער אַלטער מיליאָנער זיצט אין די ווייסע פלאַנעלענע הויזן אַף די טרעפּ פון זיין פּאַלאַץ, טרייבט פון זיך אַראָפּ די פליגן, נעמט אַרויס אַ ליולקע פון א פּודעלע, קלאַפּט זי אויס, לייגט זי אַריין אין טאַבאַק־זעקל און שטאָפּט—קימאַט אַטאָמאַטיש—מיט די פינגער דעם טאַבאַק אין דער ליולקע אַריין, בעיס ער גענעצט צום יאַם אַרויס.

:: :: ::

„קינסטלער" זענען בטעווע זייער פּראַקטישע מענטשן. קוקט־אָן די פרויען און מיידלעך אין די לאַנגע „מעוועריקישע" קליידער — ווי שטיל זיי רעדן, ווי פרום זיי טוען, ווי זיי דערמאָנען קיינמאָל נישט דאָס וואָרט „געלט" (און דערמאָנען זיי עס יאָ, איז עס מיט כוויזעק, „מיר און געלט. כאַ־כאַ". מיר, וואָס לעבן אַף לעוואָנע־מילך און זון־וואַרעניקעס און שטערן־צימעס—ווי קומט צו אונז טראַכטן

פון „פילטי ליוקר", פון וואלוועלן מעטאל, פון גאלד? ווייסן מיר דען נישט, אז בראנז איז טויזנט מאל שענער פון גאלד! אז געשלי־פענער שטאל פון לעוורעס און שטאנגען איז פרעכטיקער ווי זילבער?).

פונדעסן שאדט נישט, איר זאלט זיך א ביסל צוקוקן נעענטער צו די „קינסטלער", וואס הייבן די אויגן צו די זיבן קונסטן.

סי דאכט זיך מיר: קיינער האט אזוי נישט ליב קיין געלט ווי זיי. קיינער איז נישט אזוי גייציק און קליין ווי די־א לעוואנע־צעכאפערס.

איך וואלט באדארפט זיצן אין איינעם פון די „נוקס" („ווינקל־קנייפעס) פון די גלאסטערער קינסטלער און הערן, ווי מי רעדט און מי רעדט און מי רעדט וועגן קונסט און פון אלע הויכע רייד וועגן קונסט קומט מען ארויף—ניין, נישט אפן טויט, נאר אפן טוהלער: „מי מאכט א טוהלער! מי מאכט נישט קיין טוהלער!"

פארשטייט זיך, דער גלאסטערער איז א מענטש מיט א גלאנצל. ער וועט דיר אזוי גראב נישט זיין און טאקע זאגן בפירעש „מי מאכט א טוהלער"—פע, דאס פאסט פארן „פעבל", פאר דער מאסע. ער (אדער זי) מאכט עס איידל, ווי א פייגעלע מיט א שפיציק פיסקעלע:

— אויב איר האט פארבינדונגען מיט רייכע מענטשן, וואלט איר באדארפט זען, אז זיי זאלן בא מיר קויפן.

— עלפריד האט נעכטן פארקויפט צוויי לייוונטן פאר א שיינעם פרייז.

— עלפריד טויג זיך אויס!

— עלפריד פארקויפט אלע מאל.

— עלפריד קען, אוהא!

קיין גלאסטער קומען טוריסטן א קוק טוען אף „יענע לייט". עפעס שמועסט מען, אז זיי באדן זיך נאקעט, אז זיי האבן מאדעלקעס פון די גאר־גאר גרויסע שיינקייטן. עפעס דערציילט מען, אז בא זיי איז נישטא „מיין ווייב, דיין ווייב".

בעביט און הענעך און אנטשל קומען צעפארן פון ניו יארק, פילאדעלפיע, שיקאגא, באסטאן. קומען אנקוקן די „קינסטלער", וועמען זיי זענען שטילערהייט מעקאנע פאר דעם פיקאנטן לעבן, וואס זיי פירן. און דער סאף איז, אז... מי שאכערט זיי ארײַן אלערליי שמירערייען פאר ריזיקע סומען געלט.

די עטלעכע עמעסע קינסטלער, וואס געפינען זיך אין גלאסטער, הייבן גארנישט אן אויסצוזען ווי קינסטלער און זיי טראגן גארנישט צו צום „קינסטלערישן קאלאריט" פון דער קאלאניע. די קומען אהער זען—נישט געזען ווערן. די האבן קיין געדולד און געלט נישט

פאר די סקוטשנע מאסקעראדן, וואס ווערן דא געטריבן. זיי שרייבן נישט אין די „קינסטלערישע בלעטלעך", גייען נישט צו די „ראָוסט-פיג" קערמעשלעך, טראָגן נישט קיין פראנצויזישע יארמילקעס. איר קענט זיי זען ארויסגיין—נישט פונם „קליינעם טעאטערל" אָדער פון א „נוק", אָדער פון א „בוז־ווינקל", נאָר פון א „גראָסערי" (שפייז־געוועלבל), וואו זיי האָבן פאר די אָרימע פאָר גראָשן איינגעקויפט שפייז פארן טאָג.

אין דער „קאָלאָניע" מאָלן קינד און קייט. קינד און קייט גייען ארום איבער די גאסן מיט אזוינע צענויפגעלייגטע בענקעלעך אף איין אָרעם, א רענצעלע מיט מאָל־געצייג און לייוונט אין דער אנדערער האנט, און וואו סי באפאלט זיי נאָר די שטימונג—(מעג עס זיין אין מיטן רעסטאָראן, אָדער אין יאם, אָדער אין א שוויץ־באָד) כאפט מען ארויס די „מאטריקלאָסן" און מי נעמט זיך מאָלן.

איר קענט אין גלאָסטער נישט אָפגיין קיין הונדערט טריט איר זאָלט נישט טרעפן א מאן אָדער א פרוי (אין א פראנצויזישער יארמילקע), וואס זיצט אף אן אויפשטעל־בענקל און צעלייגט די נאטור אף טעלערלעך.

גלאָסטערס נאטור טראָגט מיט זיך א טאָן פון גליקלעכער פויל־קייט.

די גאסן: זיי דרייען זיך אהער און אהין, אָן א באשטימטן צוועק. צישן עטלעכע בוכטעס, יאם־ברעגעס, קארשן־גערטנער. סי שמעקט מיענטע און ראמיאניק און טויטע פיש, און זאלץ און סמאָלע און שטריק און יאם־שפייזן, געפרעגלט אף אייל.

גאסן דרייען זיך ארום ווי לידיק. אָבער זיי זענען נישט אידיש־לעך נערוויאיש. זיי גייען נישט אף קיין יאריד, זיי זוכן נישט קיין פארנאָסע, קיין טאכלעס. סי איז גאָיעשע גאסן: זיי גייען זיך גלאט אזוי שפאצירן, ווי זונטיק נאָכן קלויסטער.

איך זע א שילד: „אויסשטעלונג". גיי איך ארויף, קלאפ אָן אין א טיר. ענטפערט קיינער נישט. פרווו איך די קליאמקע: ס'איז אָפן. גיי איך אריין: זע איך א גרוים צימער אויסגעהאנגען מיט נישקאָשעדיקע „איילן", אקווארעלן, פאסטעלן, א פאָר מאָדעלירונגען אין ליים.

פונם גרויסן צימער פירט א האלב־אָפענע טיר אין א קעך אריין. אף א טיש שטייט א טעמע פאר א „נאטור מאָרט": צוויי עפל, א מייערל, א שטיק רויטער קעז, א הענגל וויינטרויבן.

ס'איז אָוונטברויט־צייט. איך בין הונגעריק. מיין האנט ציט זיך אוים צו איינעם פון די צוויי עפל. כאפ זיך קריק: ווער

וויים: עפשער מאך איך דאָ קאַליע אַ קונסטווערק? עפשער שטיט דאָ פאַר מיר נישט קיין עסן, נאָר אַ טעמע?

איך האָב מיך דערמאָנט אָן אַן ענלעכער סצענע מיט יאָרן קריק אין ליכטענשטיינס אַטעליע: ער האָט געהאַט אין שטוב זיין אייגנס צוויי מאַראַנצן און אַ באַנאַנע. ער האָט געכאַלעשט עסן. אָבער אַ פּראָבלעם געווען: „עסן די באַנאַנע, צי מאָלן זי?" איך געדיינק שוין נישט אַקוראַט וועלכער יעיצעראַרע סי האָט דעמאָלט גוויזער געווען. איך וויים נאָר, אַז פון דעמאָלט ביז היינט האָט זיך מיין דערעכערעץ פאַר קונסט אַ היפּש ביסל אָפּגעקילט, און איך וואָלט אַוואַדע געווען באַגאַנגען די זינד פון אויפנאַשן אַ פרעמדן עפּל, ווען די טיר עפנט זיך נישט פּלוצים (ווי בא לעאָן קאָברינען אין אַ ראָמאַן) און ס'קומט נישט אַריין די באַלעבאָסטע פון דעם אַטעליע. שיין איז זי געווען, ווי אַ פרוי פון אוראַם רייזענס מעמוארן אַרוים. און וואָס טויג עס אייך?

ראָקפּאָרט

איך שטיי איין אין דעם שטעטל ראָקפּאָרט—עטלעכע מייל וויית פון גלאָסטער. אויך אַ „קינסטלער־קאָלאָניע", נאָר מיט ווייניגער אָנשטעל.

דער האָטעל וואו איך שטיי (אין ראקפּאָרט) איז אַזוי אַלטמאָדיש, אַז סי איז אַ מעכאיע! דאָ ברענען נאָך קעראָסין־לאָמפּן. אונטערן בעט שטעלט מען אייך אַוועק—נו, וואָס איז דאָ זיך צו באַליידיקן? מ'איז דאָך אַ לעבעדיקער מענטש. באַם פענצטער אַ צענויפגעקנויל־טער שטריק. אין פאַל פון אַ פייער כאַלילע וויקלסטו אויף דעם שטריק, לאָזט אים אַרוים דורכן פענצטער, האַלטסט זיך צו און גליטשסט זיך אַראָפּ.

„אַלטמאָדישע ערלעכקייט" איז אין דעם אויפן ווי מי באַהאַנדלט די געסט.

איך פרעג באַם לאַנגן, דאַרן האָטעליער:
— וואָס קען מען בא אייך עפּעס עסן?
ער ענטפערט:

— עסן קען מען, אָבער ס'איז נישט זייער פריש. ס'איז גע־בליבן פון נעכטן. קוקורוזעס קענען מיר אייך געבן פ ר י ש ע. אָבער דאָס פלייש האָט שוין קיין טאַאַם נישט.

ערשט א י צ ט כאַפּ איך מיך, ווי וויית איך בין פון ניו יאָרק. איך זוך אונטן אַ „וואַש־צימער" און איך קען נישט געפינען.

אף איין זייט איז אָנגעשריבן „לײדיס״ און אף דער אַנדערער זייט איז אַ טיר מיט אַן אויפשריפט „עקסיט״. אַז איך צעפרעג מיך בײַ אײנעם פון די באַדינער, געפין איך אויס, אַז „עקסיט״ איז—פאַר מענער.

איך האָב היפּשע עטלעכע מינוט געטראַכט פון וואַנעט סי נעמט זיך אַזאַ אַבסורד, אַז פרויען זענען „לײדיס״ און מענער זענען נישט מער ווי „עקסיטס״, און איך האָב מיר דערטראַכט צו צוויי ענטפערס מיט אַמאָל: ערשטנס, איז מעגלעך, אַז דער האָטעליער האָט גע־קויפט דאָס טעוועלע מיט דעם אויפשריפט גלאַט־אַזוי, ווייל ס׳איז אים געפעלן דאָס וואָרט „עקסיט״, ליהיי אין דער נייער אידישער ליטעראַטור דאָס וואָרט „געראַנגל״, אָדער „שקיע״, אָדער „קאַיאָר״—דאָס איז נומער איינס.

נומער צוויי איז מעגלעך, אַז דער פריערדיקער באַלעבאָס פונם האָטעל איז געווען אַ איד, און ער האָט געוואוסט, אַז אַן אָפּטריט איז אַן אָרט וואו מענטשן גייען אַרויס. ווי אַזוי איז אַרויסגיין אַף ענגליש?—„עקסיט״.

(אַך, ווי גרינג ס׳איז צו פאַרענטפערן פּראָבלעמען, אַז מ׳האָט נאָר אַ שאַרף אידיש קעפּל!).

ראַקפּאָרט, גלאָסטער, וואודסטאָן, פּראָווינסטאָן—די פיר זיילן פון דעם טעמפּל, וואו די קונסט שיינט אַריין דורכן קוימען.

אין ראַקפּאָרט ווי אין גלאָסטער איז יעדע שטיקל האָלץ, יעדע צעבראָכענע זאַך אָפּגעפאַרבט מיט שוואַרץ און אָראַנדזש.

אַ האַלבע שטאָט גייט קסיידער אַרום מיט טעפּלעך פאַרב און מיט בערשטלעך און וואו מ׳טרעפט עפּעס אַ זאַך אָדער אַ מענטשן—מאַסקירט מען עס מיט פאַרב.

די מאַסקע, ווייל דאָס איינענע פּאָנים איז דערעסן. ווייל דאָס פּאָנים פון דער בירגערלעכער וועלט איז כּויזעק.

אין וואודסטאָק קלינגט און שעמט דער „מעווערוק־קאַרניוואַל״. ווייט און ברייט ווערט געבלאָזן שויפער און סי ווערט אָנגעזאָגט, אַז דאָס געלע קונסט־לאָשיקל גייט זיך אָפּרייסן פינם שטריק, זיך צע־פּאַלאָשן. היט זיך!

אין מעווערוקער וואַלד ברענען פייערן—מי טאַנצט וויפיל מי קען. מי שיקערט זיך אַן ווי די כאַזיירים. מי פאַרבייט זיך מיט וואָס מי קען: וואָס קען מען טאָן? די קונסט פאַרלאַנגט עס! איינטריט־געלט אַ דאָלאַר.

אין „מעװעריק“ (פּאָװיאַט־װאָודסטאַק) מאַכט מען אַ טוהלער, היין פון די פייערן װאָס מי צינדט אין װאַלד, היין פון די שמיר־בלעטלעך װאָס מ׳גיט אַרויס, און אין װעלכע מי לאַכט־אויס די—„לעימען“, די „פּראָסטע מענטשעלעך“, די פּראָפּאַנען.

מיט װאָס פאַר אַ כװיזעק די „מעװעריקער“ רעדן דאָס פון די „שאַפּ־כאַיעס“, פון די „זאָטלמאַכערס“, װאָס מאַכן זאָטלען פאַר פּראָסט־פּאָשעטע פערד, אָן פליגלען.

דער קינסטלער־שיװועט.

אין װאָודסטאַק איז דער הערב: אַ באָרד אַף אַ יונג פּענימל, אַ ליולקעלע פאַר דעם „ער“; אַ לאַנג קלײדל און גרינלעך־געפאַרבטע ליפּן פאַר דער „זי“.

אין גלאָסטער איז דער סימבאָל: דו רײבסט־אָן אַ שװעבעלע אָן אײגענעם נאָגל—קײנמאָל נישט אין פּידעלע, אָדער אין דער װאַנט. דו טראָגסט נישט קײן קראַװאַט, און האָסט אַ בראַזלעט־זײגערל.

אין ראַקפּאָרט איז דער צײכן: אַ סיראַטענער קאַפּעליש, אַ לעדערן בײטשל אין דער האַנט. (צו װאָס מ׳דאַרף ס׳בײטשל, װײס איך נישט. נאָר אַלע גײען דאָ אַרום מיט בײטשלעך).

איר װאָלט פונדעסן באַדאַרפט זען גלאָסטער באַ שקיעסאַכאַמע.

מי רעדט שוין נישט אַזוי פון דער פלאַמענדיקער שײנקײט פון יאַם־טױבן אין פאַרנאַכטיקער זון אין דער שטאָט גלאָסטער, פון די לעכטיקע מושל־טשערפּעס, װאָס האָבן מיט זײער צעבראָכנקײט רױזנדיק און בלאָ געמאַכט די דורכזיכטיקע װאַסערן פונם „בעי“, װאָס באַנאַכט האָט ער די קװאַליטעט פון טונקעלן, זיסן בױמל. איך רעד שוין נישט פונם װאונדער פון דער ערדס בלוט, װאָס שפּראָצט אַרױס דורך רױטע בלומען און מאַכט דיך אַזױ װײך־טרױעריק. איך רעד פון דעם, װי אַזױ מי צעכאַפּט דאָ די זון, בעיס זי איז אַף צאָרעס און האַלט אין אונטערגײן. טױזנט בערשטלעך צעכאַפּן זי װי מאַצע־װאַסער, צעפירן זי אַפּן לײװנט. און אַז זײ װערן מיט איר פאַרטיק, בלײבט פון איר גאָרנישט.

נאָך אַ גליק, װאָס דער הימל אַלײן איז דאָ אַזױ הױך, אַ־נישט װאָלטן אים די „קינסטלער“ אָן שום סאָפעק איבערגעפאַרבט אַף שװאַרץ און אָראַנזש... ער זאָל „מעטשן“ (פּאַסן) צו די לאָדנדלעך און טירן און שילדן און גרינע לאַמטערנדלעך פון גלאָסטער—(אין אַלע „אַנטיק“־געװעלבן זעט איר גרױסע בלאָ־גרינע פלעשער פון װענעציִשן גלאָז און לאַמטערנדלעך, װאָס מ׳האָט זײ אָפּגעשרױפט פון אַלטע בריטשקעס, אָדער פון שיפן).

אומעטיק און שיין. שיין און אומעטיק. און ס'איז באלד ווינטער. די שוואלב (זאָגט מען) קערט זיך שוין אום אהין, וואו ס'איז ווארים. טעג זענען שוין א ביסל טערפּקע און קיל. נאָר די נעכט, די נעכט...

א גוט לעבן אף זיי, מיט זייערע לעוואָנעס! זיי גלעטן מיט „צאַרטע הענט" איבער דעם אַלטן געהירן פון דער וועלט, שטילן־איין, טרייסטן.

(אך, וויפיל לעוואָנעס די וועלט דאַרף האָבן אף צו טרייסטן זי!).

דער אַלטיטשקער

גלאָסטער דעם אַזויפילטן און אַזויפילטן סעפּטעמבער.

איך גיי שפּאַצירן אפן קיזלשטיין־וועג לעבן דעם „באָכערס ווילאַ", באַם ברעג יאַם, וואַרף אַ שטיין אף אַ ביימל מיט קאַלינעס און שרעק־איבער אַ טשאַטשע ווייסע הינער, וואָס האָבן ביז איצט אויסגעזען ווי פּאַפּירענע.

איך זעץ מיך אוועק אפן גראָז, הער מיך איין אין מיין באַליבטער מוזיק פון די טעלעגראַף־פידלען,—וואָס זענען אי פידלען אי מוזיק־נאָטן—הער מיך איין אין דעם יאַם, וואָס ליגט אָט־דאָרטן־אַ, ווי אַ קינד, וואָס שפּילט זיך מיטן אייגענעם נאָפּל און—לאַכט.

— האדי!

— העלאָ!

לעבן 'מיר שטייט אַן אַלטיטשקער מאַן, מיטלהויך, מיט האַרט־געקרייזלטע ברוינע האָר אַרום אַ פּליך. אַ האַרט־קורצע באָרד, פאַר־פּאַקט אין אַן אַלטמאָדישן סורדוק, וואָס איז צעפּלאַצט הינטער די אָרעמס. ער זעט אויס ווי אַ שטיק שמייכלדיקער קלאָץ, וואָס מ'האָט אים לשיים כויזעק אָנגעטוען אין שטאָף־קליידער.

דער אַלטער לייגט אוועק דעם גראָבן, קנאָכיקן שטעקן לעבן מיר, זעצט זיך אוועק אפן גראָז.

איך זע ס'איז אים נישט באַקוועם. פון די קעשענעס פון זיין סורדוק שטעקט אַרויס: אַ מויל פון אַ פלאַש, אַן עק פון אַ „פּיינעפּל" (אַנאַנאַס), אַ האַלב ברויט.

— איך בין געקומען אַהער עסן—מאַכט דער אַלטער מיט די מאַרק־טוועיניש־ע וואָנטשעס. דאַווענען, מאַכט ער, גאָט בעטן, קען מען אומעטום. אָבער צום עסן דאַרף מען האָבן דאָס שענסטע אָרט אין דער וועלט. עסן, מאַכט ער, איז אַ מיעסע זאַך, ווי זנוס. נאָר שיין עסן, שיין מזאַנע זיין איז—שוין גאָר עפּעס אַנדערש. איר ווילט אַ ביסל?

ער האָט אַרויסגענומען אַ פלאַש מיט דיקן וויין, זיך צעקושט

מיטן פיסקל פון דער פלאַש, ווי מיט אַ מאַמען, מיר פאַרגעלייגט אַ „צי”, דערנאָך האָט ער זיך צורעכט געמאַכט אַף דר'ערד, מיטן פּאָנים ארויף, אויפגעשטעלטביידע קניעס ווי קראַקוועס, און זיך פאַרטראַכט צום הימל־צו, מיט אַזוינע פרייד־טרויעריקע אויגן, ווי באַ אַ ביקל:

— די מענטשהייט, זאָל זי מיר טויזנט מאָל מוחל זיין, גייט פאַרוועדטס אין אַ צירקל ווי אַ בלינד פערד וואָס דרייט אַ ראָד אין אַ זשאָרנע.

— ...איך בין אַ מענטש פון גאַרקים אַ בוך ארויס, איינער פון זיינע באַסיאַקעס.

...פון וואָלט וויטמאַן האָב איך געגאַשט דעם גרויסן אַפּעטיט צום לעבן.

אָדער אריינצעפאַלן אין היספּאַילעס איבער אַ זאַנגל גראָז, איבער אַ זשוק, איבער אַ ווילדער גאַנז, איבער וואָלקן־שמאַטעס, וואָס מינען זיך אַף בערג, פאַרלעשן דאָס קייקלענדיקע גאָלד־לעבע ציגאַר־פּאַפּיר פון דער זון... איבער די געדאַנקען פונם רעגנ־בויגן, וואָס באַצייכענען אײן זאַך און מיינען אַן אַנדער זאַך.

...איך בין אויך אַ קאַפּעלע ענלעך צו פיאָדאָר שאַליאַפּין, צו איזאַדאָראַ דאַנקאַן. באַ מיר איז די וועלט פון לויטער שאַבאַסים, פון לויטער זון־טאָג. קיין וואָכנטעג איז באַ מיר נישטאָ.

...אַ ביסל האָב איך אויך אין מיר דאָס בלוט פון האַמסונס נאַגעל, — נאַגעל נאָכדעם ווי ער איז אויסגעהיילט געוואָרן דורך פּסיכאָ־אַנאַליז,—געוואָרן וויינינגער טאַלאַנט און מער מענטש.

...איך בין נאַגעל, נאָר אין מיין פידל־קעסטל טראָג איך—דער ליטעראַרישער וועלט אַף צו להכעיס—נישט קיין קריטיקע וועש, נאָר אַ פידעלע. וואו איך דערזע אַז הינט פאָרן זיך, שטעל איך מיך אוועק און שפּיל זיי אָפּ.

...מיין פילאָזאָפישער קלאַוויר־שליסל איז, אַז די וועלט איז נישט מי־יאַדייע וואָס און דער מענטש איז נישט מי־יאַדייע ווער. מיר זענען, לאָמיר זאָגן, פליי אַף אַ בעט. נו, גוט, שפרינגען מיר, „האָפּלאַ, וויר לעבען!”.

ער האָט ארויסגעשלעפּט פון דער קעשענע אַ פּייפּל, אים אָפּ־געשיילט, צעשניטן, געגעסן, געזויגן די זאַפט פון די געשמאַקע פרוכט־פעניצלעך און גערעדט:

דער אָפּטימיסט איז געוויינטלעך אַ זויערער מענטש. דערוואַרט פונם לעבן אַזוי פיל! ער זאָגט, „לעבן, לעבן, לעבנדל!” און ער קען עס באַם עק נישט אָנכאַפּן! דאָס לעבן איז אַ קליינע מויז, מיר

זענען די הונגעריקע קעץ—לאָזט זיך די מויז נישט כאַפּן, פאַלן מיר אַריין אין אַ מאַרעשכוירע, ווערן טיף־עטיש מקלאָמפּערשט, ענדיקן אין אַ משוגאַאים־הויז.

...איר זעט דאָרטן אויבן ? דאָרט איז אַ יאַריד פון וועלטן. דאָרט זינגען אייביקייטן. ביז דער פּאַדעם לעבט קומט צו אונז צו פון דאָרטן, האָט ער שוין פאַרגעסן פון וואַנעט ער קומט.

...מיר זענען פליי, ברודער. „האָפּלאַ, מיר שפּרינגען !" דאָס אַלעס. אָבער פּיינעפּל איז געשמאַק. און דיקער וויין איז אויך גוט. ביפּראַט אַז דאָס געזונט פאַרוועדט צו טרינקען.

איך בין אַ פּעסימיסט. יאָ־יאָ פּע—סי—מיסט. איך האַלט, אַז דער מענטש איז נישט „די קרוין פון דער וועלט", און אַז די וועלט אַליין איז אויך אַ קנאַפּע קרוין. איך האַלט נישט, אַז דעם מענטשן איז אַנגעטרויט געוואָרן אַ מיסיע : דער מענטש איז בלויז דער ווייזער אַף אַ פּרעמדן זייגער. „וויפיל האַלט דער זייגער ?" נישט דעם ווייזערס דאגה. דער ווייזער דאַרף זיך דרייען.

...דאָס לעבן לויערט אַף אַלצדינג. דער טויט ווערט צעפּיקעט פון ערגערניש. ער קאָן זיך נישט צערייסן. וואָס מער ער אַרבעט, אַלץ ווייניגער ווערט ער.

דאָס לעבן איז אַ געפּערלעכע זאַך ! יעדער לעבעדיקער טראָגט אין זיך לעבנס־פּראָצענטער ווי דער גרעסטער פּראָצענטניק. זאָמען פאַר טויזנט. פאַר מער עפּשער.

דער אַלטער האָט מיר אַ וויז געטוען אַף אַ פאַרנאַכטיקן הימל, וואָס איז—ווי שטענדיק אַ הימל—געווען פול מיט סאָנעטן און ער האָט ווייטער גערעדעט :

—ווען דער מענטש וואָלט נאָר געקענט לעבן מיט איין מינוט לענגער, ווי ער וועט זיין טויט, וואָלט שוין גאָרנישט אויסגעמאַכט. עפּשער וועט אַמאָל קומען די צייט. די וויסנשאַפט וועט קאָנען אָפּ־וועגן : אַ טאָג לעבן פאַר אַ טאָג טויט־זיין. אַקוראַט. סי זאָל נישט זיין קיין מציע, אָבער אויך נישט קיין שווינדל. פאַר אַזאַ ברעקל לעבן צו באַצאָלן מיט אַזאַ לאַנגן טויט—לעבּאַאים !

דער אַלטער האָט זיך נאָך אַמאָל צעקושט מיט דער פלאַש, געוואָרן לעבעדיקער און גרינגער. אַף די האָר, וואָס זענען געווען אָפּן פּיטעם פון זיין נאָז, זענען געשטאַנען טראָפּנס ווי טרערן. אויך זיין קנייטשיקער שטערן איז געווען נאַס. דער מענטש, וואָס האָט נישט געוואָלט וויינען מיט די אויגן, האָט געוויינט מיט אַנדערע טיילן פון זיין גוף.

— איר ווייסט ווער איך בין ? אַ „קינסטלער". אין מיינע

יונגע יאָרן האָב איך גענומען גאָר הויך. מיינע אַפּעטיטן האָבן אויפגעמאַכט פּיסקעס, ווי איינצושלינגען אַ וואַלפיש. אַראָפּגעשלונגען האָב איך אַ—פליג! האָט זיך מיין „פאַרדרייטער קאָפּ" דאַפון אויפ־געדרייט, אויסגעניכטערט. איך האָב געזאָגט צו זיך: „דער טייוול זאָל נעמען דאָס גאַנצע לעבן. סי האָט קיין זין נישט!"

...איך בין אַוועק צום יאָם, זיך געוואָלט אַריינוואַרפן. קיין קויעך נישט געהאַט. דערשמעקט מיטאַמאָל אַזוינע טאַימים פונם לעבן, וואָס זענען מיר ביז דעמאָלט געווען פרעמד.

קונסט איז אַ יאַטקע, וואו מ'האַקט ס'אייגענע פלייש און די ביינער. דער קינסטלער איז אַ יאַטקעניק: ער לייגט זיך אַליין אַפן קלאָץ און שמייכלט דאַפון וואָס די האַק איז שאַרף און דאָס בלוט איז רויט און וואַרים—פע, כאַלאָשעס!

„פּאַטשקע דיך נישט אין דיר אַליין!" האָב איך געזאָגט צו זיך, „האָב אַף דיר ראַכמאָנעס, כאָטש אַף אַזוי פיל ווי אַף אַ פרעמדער קאַץ. די וועלט דאַרף אויגן—רייסט זי דיך, דעם „קינסטלער", פונם לעבן אַרויס, דו זאָלסט אירע אויגן זיין. לאָז זי מיך קושן אין טאָכעס".

דער אַלטער האָט אָפּגעזאָגט דאָס גראָבע וואָרט, זיך צעשמייכלט ווי אַ קינד. זיינע רייפלדיקע ווייסע וואָנטשעס זענען געווען ווי אַ שטראַלן־קרוין איבער זיין קלוגן מויל.

— איך קום פון באָסטאָן, ברודערל. דו קענסט באָסטאָן? קעמברידזש? דאָרטן זענען נאָך דאָ אַלטע הייזער מיט קוימענס, וואָס האָבן אַף זיך שוואַרצע שטרייפן—דער צייכן פון די אַמאָליקע טאָרים.

— ווייסטו וועלכע זאַך האָט בריענדיק־הייס געשטעמפּלט מיין נעשאָמע—בעים מיין שפּאַציר דורך „קעמברידזש"? דאָס הויז פון אַמעריקעס פּאַטריאַרך, לאָנגפעלאָו, אין וועלכן ס'וואוינט איצט זיין טאָכטער, וואָס ער האָט אָנגערופן „גרעיוו עלים", די ערנסטע עלים.

...היינט איז זי שוין אַליין אַ זקיינע, איבער 90 יאָר אַלט. זונטיק נעמט זי אויף געסט, וויזט זיי די רעליקוויעס: דאָ איז דער טאַטע געזעסן, דאָרט האָט ער געטראַכט, דאָרט האָט ער געשריבן.

...אַ באַזונדער צימער אויפבאַוואָרט מיט זיינע זאַכן. דאָס צימער שטייט שטענדיק ליידיק. דאָס צימער איז אַ מין מאַצייווע אין מיטן פון אַ שטוב מיט אַ לעבעדיקן מענטשן.

אַ שרעק צו לעבן אַזוי. ס'איז ווי צו לעבן מיט אַ נישט־באַגראָבענעם מעס אונטער איין דאַך.

...ווען איך זאָל זיין אַ „גרויסער מענטש", אַזוי ווי לאָנגפעלאָו, וואָלט איך מיין טאָכטער אַזאַ צאַר נישט אָנגעטאָן: איך וואָלט

געהייסן מיין צימער צעשטערן נאָך מיין טויט. מיין ליב פאַרברענען און דאָס אַש צעשיטן אַפן יאַם.

...צו הייסן דאָס אַש פון אַ טויטן אויפבאַוואָרן אין אַן אורנע, און איבער דער אורנע זאָל וואַכן דאָס האַרץ פון אַ לעבעדיקן מענטשן, דאָס איז אַזוי גרויזאַם ווי אָנצושרייבן איבער איינעמס בעט מיט גרויסע אויעס:

„דו וועסט מאָרגן שטאַרבן".

...אַ־יאָ, איך רעד גאַנץ אינטערעסאַנט? דאָס רעדט נישט איך אַליין, דאָס רעדן מיר ביידע: איך און דאָס פּיסקל פון מיין פלעשל, געבענטשט זאָל עס זיין, און אין דר'ערד אַריין זאָל גיין די קונסט, און איינגעזונקען זאָל ווערן גלאָסטער!

...גלאָסטער? — ווייניגער ווי „נאַרבערט דזשיי אַקסלפּלינט" הייסט דאָ קיינער נישט. ס'מינדסטע וואָס אַ פּרוי הייסט אין גלאָסטער איז גאַנאַהאַנדידי דע טאַמבוראַ. אַפילו יונגע קינדער פון קינסטלער הייסן דאָרט „איפּסוואַנגאַ", אָדער עפּעס ענלעכס.

— אַנאַטאָמיע קענסטו? און ביאָלאָגיע? אַז די וויסנשאַפט רעדט פון אונזער געהירן, רעדט זי פונם אַלטן טייל פון אונזער גע־הירן, און פון יונגן טייל. דער פּראָגרעס פון דער וועלט איז בפירעש פאַרצייכנט אין געהירן־שטאָף. מיט די הענט אָנצוטאַפּן, מיטן אויג צו זען.

צוויי געהירנס לעבן צוזאַמען, ווי שלעכטע שכיינים. קריגן זיך, רייסן זיך בא די נעז. וועלכער וועט זיגן?

דער אַלטער געהירן איז אַ גוטער קנעכט צום מענטשן, נאָר אַ ווילדע כאַיע. לאָזט זיך לייכט אויפרייצן, איז טעמפּ, ברויגעז.

דער נייער געהירן איז מער „דזשענטלמאַן", מער מענטש, האָט בעסערע מאַניערן, נאָר אַ טרוס, אַז דער אויבערשטער זאָל אָפּהיטן. קומט אַן אייסצאָרע, איז אָדער ער איז נישטאָ אין דער היים, אָדער ער זעצט זיך אַוועק און וויינט און ווערט מאָרעשכוירעדיק.

...אַז דו לייגסט־צו—נישט־אומסינע—אַ פינגער צו אַ הייסער בלעך, קומט דער אַלטער געהירן און שלעפּט גלייך אַוועק דעם פינגער און זאָגט דיר אַפילו נישט פ אַ ר וו אָ ס. דערנאָך ערשט קומט דער נייער געהירן און זעצט זיך אַוועק מיט דיר פּילפּלען פ אַ ר וו אָ ס יענער האָט דיר געהייסן אַוועקכאַפּן דעם פינגער, און אַז יענער איז גאָר נישט אויסן אַזוי דיין טויווע, ווי ער איז אויסן די טויווע פון דער אור־כאַיע, בא וועמען ער האָט אַמאָל געאַרבעט — דער ב ו ל־וו אַ ן.

איר הערט? דער נייער געהירן רופט דעם אַלטן „בולוואַן", און

דער אַלטער געהירן, דער „בולוואַן”, האָט אַפילו נישט קיין סייכל צו ווערן אין קאַעס. ער שמייכלט בלויז מיט זיין מאַלפּישן פּאָנים און ער זאָגט: „אויב איר וועט מיך דאַרפן פאַר עפּעס, זאָלט איר מיר לאָזן וויסן. איך שלאָף דאָ אונטן, באַ דער טיר—דאָס הייסט: איך שלאָף נישט, איך האַלט בלויז צוגעמאַכט די אויגן, מ'זאָל מיינען, אַז איך שלאָף. און אַז איך דערשמעק נאָר, אַז עמיצער קומט אייך טוען אַ רישעס, איז—האַוו! איך בין שוין אַף די פיס און איך רייס שוין יענעם באַ די פּאָלעס, און איך ברענג אייך שוין אַ שייט־האָלץ, אָדער אַ האַק.

...ווי מיינט איר? איך בין שוין שיקער?—דאַכט זיך, אַז יאָ: איך זע אייך דאָ, דאָרטן, אומעטום. די גאַנצע וועלט איז פול מיט אייך, איר מוזט זיין אַ איד. גאָדעם שינים!

ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ שמייכל אַף די וואָנטשעס און מיטן לעצטן זידלוואָרט אַף זיינע שיינע זאַפטיקע ליפּן. דאָס פלעשל מיטן דיקן וויין איז געלעגן אַף דר'ערד לעבן אים און געוויינט מיט לאַנגזאַמע, רויטע טרערלעך.

איך האָב אים איבערגעדעקט ס'פּאָנים מיט אַ צייטונג, די פליגן זאָלן אים נישט דאַקוטשען, און איך בין אַוועק.

אַלבאַני

אַלבאַני איז אַן אָפענע שטאָט. מאַנצביל, וואָס האָבן קיין פרויען נישט און בענקען נאָך „אַ ביסעלע ליבע, אַ קאַפּיטשקע גליק”, פאָרן קיין אַלבאַני.

די „געשעפטן” אין די הינטערגעסלעך פון אַלבאַני זענען אויס־גערעכנט אַף „באָמס”—צישן וועלכע סי רעכענען־זיך אַ שפּאָר ביסל פון אונזערע קלוגע „סענעדרים”, די געזעצמאַכערס פון אַלבאַני.

די „טעמעני־האָלעכע”, די פעטע נקייווע, פירט אַ הייזל אין אַלבאַני. גיט זי אירע „געטרייע זין” דראַשע־געשאַנק די אַלע גוטע זאַכן, וואָס „ליבע” קאָן געבן, אַז מ'היט זיך נישט.

די אָרימקייט איז דאָ אַן אַרומגעפּוצטע, אַרומגעשווירענע. ס'איז אַן אָרימקייט מיט אַ שלייפל פון אויבן.

אַלבאַני קנייפּט זיך די באַקן, אַז די פאַרב זאָל שטיין. מי איז בוכאַשעם דער „צענטער”, די הויפּט־שטאָט. קאָן מען נישט גיין אין די „הוילע העמדער־אַרבל”—מי מוז טראָגן אַ זשילעט, אַ שטרויע־נעם קאַפּעליש, אַ דין שניפּסעלע, געפּוצטע שיך.

אין אַלבאַני זיצן די אַרכיטעקטן פון אונזער פּאָליטישן ביניען, די „סענעדרים”, די מיניסטאָרישע קעפּ. זיי פעסטיקן די פוילע פיד־

וואַלינעם אין פּאָליטיש־עקאָנאָמישן זומפּ. נאָר אַז די פּידוואַלינע אַליין איז פויל, וואָס פאַר אַ הויז קאָן שוין אַף איר שטיין?

שלעכטע פּאָליטיק? בארבארישע פּאָליטיק? אפילע דאָס נישט. ענגלאַנד האָט אַ פּאָליטישע ליניע, אַ פינצטערע, אָבער אַן אייגענע, די פּאָליטיק פון שלאָגן אַ סוינע מיט זיין אייגענער האַנט. (זע איר קאָלאָניאַל־ווירטשאַפט. מיט אַן אינדיער שלאָגט זי אינדיער; מיט אַ איד—די אידן!). דייטשלאַנד האָט אַ ליניע—אַ כיטרע, אַ רעאַק־ציאָנערע: אַריינגעפאַלן צו מענטשן־פרעסערס אין די הענט אַריין, האָט זי איין בייטש אַף זיי: אויב מי וועט איר נישט נאָכגעבן וואָס זי וויל, וועט זי אויפהערן עסן, וועט זי זיך מאָרען, מאָגערן. ווען די קאַניבאַלן נישט האָבן וואָס צו עסן.

אָבער אמעריקעס פּאָליטיק (דער איקער די נאַציאָנאַלע) איז אייגנטלעך נישט קיין פּאָליטיק, נאָר אַ געשעפט. יעדער פלינדערט, יעדער שטאָפּט זיך די קעשענעס מיט גאָלד.

אַפּילע אַזאַ קליינינקייט: אונזערע וועלדער ברענען־אָפּ, גייען אַוועק מיטן רויך. פּאַפּיר־האָלץ און פּאַפּיר אַליין אַפּילע ברענגען מיר שוין פון קאַנאַדע. וועלדער זענען אַ גרויס רייכטום, נישט נאָר צוליב זייער אייגענעם ווערט אין האָלץ, נאָר זיי האָבן אויך אַ גרויסן באַטייט פאַרן קלימאַט פון אַ לאַנד. וואָס ווערט געטאָן די וועלדער צו שיצן פון פייערן? אַ פאַרמעגן ווערט אויסגעגעבן אַף רעקלאַמעס, וואָס זענען צעהאַנגען אומעטום אין די וועלדער. די נעמלעכע רעקלאַמעס דאַרפן פוילן באַם בירגער און בירגערין, אַז זיי זאָלן נישט וואַרפן זייערע ברענענדיקע ציגאַרעט־אָפּשניצלעך אין די וועלדער אַריין, ביפּראַט אין די טרוקענע סאָף־זומער טעג, ווען דאָס וואַלד איז טויט־דאָרשטיק און שמאַכט נאָך אַ טרונק וואַסער, אָדער נאָך אַ טרונק פייער.

און וואָס זענען די־אַ אויפשריפטן אין די וועלדער? מיר זענען דאָך עפּעס „דאָס פאָלק פון רעקלאַמע”, מאַזיקים אַף אויפצובויען אַ הילצערנע קו, וואָס זאָל אייך נאָכלויפן איבער גאַנץ אַמעריקע און אייך שרייען אין אויער אַריין: „קויפט מיין מילך!” ווענדן מיר אויך אָן דיזעלבע פאַך־געניטשאַפט ווען סי האַנדלט זיך וועגן אָפּהיטן אונזער נאַציאָנאַלע אַשירעס? ניין. דאָרט וואו די גרעסטע ליטעראַטן שרייבן באַ אונז... רעקלאַמעס, וויל וואָס קען זיין הייליקער, וויכטי־קער ווי... רעקלאַמע? איז דאָס אָבער גערעדט געוואָרן דאָן, ווען סי האַנדלט זיך וועגן אָנשיטן די אייגענע קעשענעס מיט גאָלד. אָבער אַז

סי האַנדלט זיך וועגן דעם העפקערדיקן פאַרמעגן פונם פאָלק, שטעלט מען אָן אַן אידיאָט, און יענער שרייבט לאָזונגען:

“Prevent forest-fires. It pays!”

איר פאַרשטייט די כאָכמע? „פאַרהיט וואַלד־פייערן, ווייל סי לוינט זיך״—פאַר וועמען לוינט זיך? וואָס קען דעם איכיס־טישן בירגער אַ קוועטש טוען אַפּן געוויסן, אַז ער לייענט איבער אַזאַ „וואָרענונג״ פאַרוואָס לוינט זיך אים פּערזענלעך נישט, אַז אַ וואַלד זאָל ברענען און ער זאָל—פאַרבייפאַרנדיק—האָבן אַן אומזיסטיק שפּעקטאַקל? אומזיסטיקע פייערווערק?

אין אָלבאַני האָט מען מיך געראָטן צו גיין אָנקוקן דאָס מיליאָן־דאָלאַרדיקע טרעפּן־ווערק פונם „קעפּיטאָל״. אָבער ס׳איז נישט אויסגעקומען, ווייל ס׳איז געווען זונטיק. איך האָב בלויז פון ווייטן (דורכן טראַם־פענצטער) געזען די ריזיקע פאַסאַד, מיט עפּשער טויזנט טרעפּ, וואָס פירן צום טעמפּל פון... אומגערעכטיקייט. העט אויבן אַף דער לעצטער טרעפּ, האָט אַ בירגער געפירט זיין אינגעלע באַ דער האַנט, אים אָפּגעווישט די נאָז, אין דרערעכערעץ פאַר דער גרויסער הייליקייט.

:: :: ::

„ליידי־בווירטשעס״ הייסן די איידעלע בערעזענע ביימלעך, וואָס לויפן אייך נאָך איבער די אומעטיקע וועגן קיין סקענעקטעדי. סי דאַכט זיך אייך: ס׳איז שוין ווינטער. יונגע ביימלעך שטייען פאַרשנייט. צוליב דעמדאָזיקן געדאַנק, אָדער געפיל, דאַכט זיך אויך, אַז די זון איז קאַלט געוואָרן, ווינטערדיק געוואָרן. איר פאַרקנעפּלט זיך אַף אַלע קנעפּלעך און ציטערט, כאָטש אין דרויסן שמייכלט די זון.

מיר האָבן זיך געאיילט קיין „סאַראַטאָגאַ־ספּרינגס״ צו פייערן דאָרטן דעם „כאַג־אַפּערדלעך״, וואָס טוען געוויינטלעך לויפן זייער וועט־געלויף אין די לעצטע טעג פונם כוידעש אויגוסט. מיר זענען אָבער אָנגעקומען מיט אַ טאָג צו־שפּעט, אין סאַמע איסרוכאַג שעל האַפּערד־געיעג. די פערדלעך זענען שוין געהאַט אָפּגעלאָפן, דאָס געלט איז שוין געווען איינגעקאַסירט. די קופערטן פון די „בוקמייקערס״ (געוועטניקעס) האָבן זיך שוין געקאַטשעט אַף די אָטאָמאַטישע שטופּ־וועגעלעך פונם וואָקזאַל, זיך געקאַטשעט צו די פּראַכטוואַגאָנעס פונם אָנקומענדיקן צוג.

ס׳האָבן געגלאַנצט לאַקירטע הוט־שאַכטלעך פון די דאַמען. ס׳האָבן געקוקט מיט זייערע קרומע ניקלנע נעז (פון די לענגלעכע לעדער־זעק אַרויס) די גאָלף־שטעקנס. איבער די גאַסן האָט מען

געזען פערדלעך אויסגעפוצט מיט לענטעס, ווי קאלע־מיידלעך, די פיס־געלענקן ארומגעבונדן מיט ציכטיק־ווייסע וויקלשנירן.

איך האב באטראכט די „רייס־טרעק" פון סאראטאגא: מי האט מיר אנגעוויזן אז די לאזשעס, וואו די „סאמע סמעטענע" פון אמעריקע איז געזעסן. די גרעסטע מענטשן פונם לאנד זענען געקומען צופארן פון אלע עקן אמעריקע, האבן באצאלט אזוי הויך ווי הונדערט דאלאר פאר א פלאץ אין א „לאזשע". די גרעסטע דיכטער האבן (אינם כאגאסוסים) באזונגען די סאראטאגער פערד. די גרעסטע מאלערס האבן זיי געצייכנט, די גרעסטע מוזיקער זענען אינספירירט געווארן צו שרייבן מוזיק לויטן ריטם פון די לויפנדיקע פערד־פיס.

סאראטאגא ספרינגס

„סאראטאגא ספרינגס" איז א כוץ א מאקעם פאר פערד־געיעג, אויך א קוראָרט פאר מענטשן, וואס לידן אף „אינעוויינקסטע קראנקהייטן", דער איקער פאר אזוינע, וואס עסן צופיל און באוועגן זיך צו ווייניק.

דא זענען פאראן עטלעכע קוואלן („גייזערס" הייסן זיי), וואס שיסן מיט לעבלעכן, פריקרען מאאים־האפאסקודנע. זיי הייסן מיט די שיינע נעמען: לינקאלן, האטארן, קא־איזא, און—טאקע „גייזער" אליין. די הויפט־רפוא באשטייט אין דעם, וואס...סי פ י ל ט זיך, און דאפאר גלייבט מען אין דעם.

אז א וואסער שיסט און שטינקט און ס'האט קיין טאאם נישט, טו וואס־זשע איז דאס? גלאט אזוי קיין וואסער איז דאך דאס נישט. איז דאס מיסטאמע א...רפוא!

איינער א סאראטאגער דאקטאר דערקלערט מיר:

— דאס היגע וואסער ווירקט...פסיכאלאגיש, ווייל ס'האט א שלעכטן גערוך. אזוי ווי א רעבע ווירקט עס.

— און דאס מינעראל־וואסער אליין?

— דאס מינעראל־וואסער קען נישט שאטן. אמאל קען עס אפילע א ביסל העלפן אויך. סאראטאגער מינעראל־וואסער איז ליהיי—קוגל: איינעם שאט עס, און איינעם פאליובעט עס. ס'איז א גאט־זאך.

פארוואס סי קומען אהער מערסטנס אידן? ערשטנס צוליב קארלסבאד. בא אידן איז שוין א טראדיציע, אז וואס מער מי לויפט אלץ געזינטער איז עס. קיין פאלק אין דער וועלט גלייבט נישט אזוי פאנאטיש אינם קויעך פו די וואָרמבעדער ווי אידן. אידן דולדן נישט קיין יעסורים, האבן נישט ליב קיין אפעראציע (א כוץ די מאדערנע בירגערלעכע פרויען, וואס האלטן מיט דער מאדע פון „דריי

אָפּעראַציעס אַ יאָר״) און זוכן עפּעס אַ גרינג רפועלע, וואָס זאָל נישט וויי־טוען און זאָל קאָסטן טייער.

סאַראַטאָגאַ איז דאָס ריכטיקע אָרט דאַפאַר. דאָס וואַסער טוט נישט וויי. און די הויצאָעס פון די בעדער, וואַסערן, מאַסאַזשן, עלעקטרישע באַהאַנדלונג טוט אויך נישט שטאַרק וויי, ווייל ס׳ראָוו פון די קורגעסט זענען רייכע פאַבריקאַנטן, סאָכרים, קלייקוידעש.

סאַראַטאָגאַ איז אַ שטאָט פון — בערד. דאָ גאָרגלען זיך כאַזאָנים. סי רייניקן זיך די העלזער די—גאַליצישע ראַבייאים, מיט די געקרייזלטע פּיעלעך און מיט סאַמעטענע קאַפּעלישלעך. סי פליען אַרום אין טייערע אָטאָמאָבילן די „שוימרעשאַבעסניקעס״ מיט זייערע דיקע ווייבער, וואָס זענען באַהאַנגען מיט גאָלד און דימענטן ווי די שווענטע מאַריעס.

דער סאַראַטאָגער דאָקטאָר „עקס״ איז אַ וואוילער מענטש, געווען אַמאָל אַ „באַלכאָלעם״. היינט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און—זיך געקויפט אַן אָטאָמאָביל, אַ הויז. און „ער מאַכט אַ טוהלער״.

אַמאָל איז זיין „הינטערגרונט״ געווען מוזיק, ליטעראַטור, אַלע זיבן קונסטן. היינט אין זיין „הינטערגרונט״ שטעטלשע ביזנעסלייט, אָפּענער „פּאָוקער״. 25 סענט לימיט.

דעם נעמלעכן דאָקטאָר האָב איך געטראָפן אין אַ „פריילעכער מינוט״ האָט ער באַוויזן זיין גאַנצע „עטישקייט״. ער האָט באַרעדט זיינע פּאַציענטן, זיינע פּאַציענטקעס, דערציילט ווער סי לײדט פון וועלכער קראַנקהייט, און וועלכע פּאַציענטקע ס׳האָט אַ „שיין קערפּערל אַ פאַרגעניגן״.

דער דאָקטאָר איז, נעבעך, אַליין אַ כוילע. ער לײדט פון אַ נאַקעטקייט־קאָמפּלעקס, וואָס ס׳איז אים געקומען דאַפון, וואָס ער האָט קיין ווייב נישט. און פאָרן קיין אָלבאַני אַלע וואָך, קען מען בלויז ווינטער. זומער איז מען פאַרנומען מיט די קורגעסט.

רעדט ער קסיידער פון נאַקעטקייט.

— אין ניו יאָרק, זאָגט מען, איז היינטיקס יאָר אַזוי היים, אַז פרויען גייען אַרום האַלב־נאַקעט.

ער רעדט פון „נאַקעטע אידעאַלן״, פון „נאַקעטע עסנס״, פון „נאַקעטע שאָף, וואָס פּאַשען זיך דאָרט־אָ, איר זעט?״

דאָס איז די „סעקסועלע פרומקייט״ די פּוריטאַנישע, וואָס רייצט און רעגט. וואָס מאַכט פרישטשעס אָפן פּאָנים און אָף דער נעשאָמע. ס׳איז די נאָנישע סעקס־ריניקייט, וואָס טרייבט צו פּערווערזע זאַכן, צו מיעסע מאַיסים.

אידן עסן און... טרינקען מינעראַל־וואַסער. פּילעוועו זיך מיט פּעטע שפּייזן און מאָגערן זיך מיט דעם ביטערן וואַסער, פון די פאַר־זשאַווערטע פלעשער ארויס.

אין די מינעראַל־וואַסער־האַלעס גיט מען אייך פאַר צען סענט א פלאַש נודנע וואַסער, און א וועלט מיט נודנער טוירע ווי אַזוי דאָס וועט אייך בלינײדערשאַבעס שטעלן אַף די פיס, מאַכן פון אייך א נייעם מענטשן.

סאַראַטאָגעס סעזאָן איז—זומער.

די שטאָט גופא איז היים און שטויביק, אָבער אידן מיט אידענעס קריכן ארום בא די „שיס־ברונעמס" מיט די טעפּעלעך אין די הענט. שוויצן און טרינקען. טרינקען און פאַרקרימען זיך, און פּיעסטשען זיך בא גאָט: „גאָטעניו, גאָטעניו, זע, א י י נ ע נ ע מ ע נ ט ש ן מ ו ט ש ע ס ט ו!"

אַז מי גיט א בלאָז אינם שויפער, און דער סאָטנמקאַטרעג כאַפּט אַף זיך ארויף זיין סיראַטעגעם מאַנטל (אידן האָבן א טעווע, אַז זיי שפּייען אריין אינם שויפער!) דערמאָלט כאַפּן די סאַראַטאָגער געסט די קלימיקלעך אַף די פּלייצעס, מי נעמט זיך מיט א טוץ פלעשער מיט גייזער־וואַסער און—מ'לויפט קריק אין שטאָט אריין, קיין ניו יאָרק.

סאַראַטאָגאַ ווערט שטיל.

די קוואַלן „שיסן", נאָר קיינער שטעלט נישט אונטער ס'מויל, אָדער א טעפּעלע. וועלדער וויאַנען און קיינער שטערט נישט זייער רו.

סאַראַטאָגאַ מאַכט זיך צו.

סאַראַטאָגאַ פאַרשליסט זיך אַפן ווינטער, און לאָזט דעם שליסל באַם גאָיעשן שאָכן אַפן פענצטער־געזימס.

האָטעליערן פּאַקן־איין זייער בלעכן „זילבערוואַרג", זייערע כעשבן־ביכער, טשעק־ביכער, און פאָרן קיין . . . לייקוואוּד אַפן ווינטער, עפּשער וועט מען דאָרטן מאַכן א טוהלער?

פּונקט ווי אין לעיקוואוּד זענען די האָטעל־באַלעבאַטים באַקי—סטייטש באַקי! — אין די הייל־קראַפטן, וואָס שפּראַצן פון די מאָגערע זומפּיקע סאָסנע־וועלדלעך, אַזוי זענען זיי דאָ אין סאַראַטאָגע באַקי אין די וואַסערן. א טייל פון זיי פאַרשרייבן אליין רעצעפּטן. ראָטן אייך ווי אַזוי צו „מישן די וואַסערן" און נישט צו הערן דעם דאָקטאָר, עקס, ווייל דער דאָקטאָר עקס איז א מעבאַלעלשאַבעסניק.

סאַראַטאָגאַ האָט אויך א זעלטענעם פּאַרק, וואָס הייסט „טאַדראַ פּאַרק". וועגן דעם־א פּאַרק דערציילט מען, אַז צוויי קינדער פון א

היגן מיליאָנער זענען דאָרט אמאָל דערטרונקען געוואָרן אינם טייכל. די נעמלעכע קינדער פלעגן נישט קענען זאָגן „שאַדאָו" (שאָטן) פּאַרק, פלעגן זיי זאָגן „טאַדאָו". אין אָנגעדענק פון די צוויי טויטע קינדער, האָט דער פאָטער אָפּגעקויפט דעם־א פּאַרק, פאַר־פלאַנצט עקזאָטישע פלאַנצן, בלומען, סטאַטועו און אינזעלעך, פּענ־גאָלאָס און קינסטלעכע סאַזשעווקעס.

איך האָב אין טאַדאָ פּאַרק פאַרבראַכט עפּשער א שאָ. באַ־וואונדערט (צוביסלעך) די פלאַמיקע בלומען, די סטאַטועו, דעם גאַנצן פּלאַן פון דעם פּאַרק, וואָס איז אַזוי „אומנאַטירלעך נאַטירלעך", ווי די גערטנער אַרום דער ווערסיילער שלאָס. כ'האָב מיר אויך אָנגעקוקט דאָס „הויז אין וואַלד", וואָס ווערט אַוועקגעגעבן פריי צו געוויסע ליטע־ראַטן, זיי זאָלן דאָ „שאַפן זייערע ווערק".

פאַרוואָס אקוראַט דאָ? ווייל דאָ איז „שטימונג" מיט די זשמעניעס צו שעפן: וואַלד־איינזאַמקייט, נאַטור־שיינקייט, פייגל־געזאַנג, וואַסער־זמירעס.

איך טראַכט: ווער קען דאָס דאָ שרייבן? ווען אַלצדינג אַרום דיר טראָגט דיר אָקעגן פּאַפּיר און טינט און בעט דיך „זיי אַזוי גוט, פליז, טו א טוויוע און שרייב־אָן אַ גרויס ווערק".

איך וואָלט דאָ א שורע נישט געקענט אָנשרייבן. איך וואָלט מיך געשעמט פאַרן וואַלד, פאַר די קליינע קאַטשקעלעך, וואָס שווי־מען דאָ אַרום, פאַר די שטילקייטן, וואָס גייען דאָ אַרום באַרוועס.

לעיק דזשאָרדזש

ווידער אַף אַ טראַם, וואָס גייט, דאַכט זיך, פון זיך אַליין. דער מאָטאָרמאַן איז באַהאַלטן אין אַ „קעסטל", אין דער רעכטער זייט פון טראַמוויי.

די געגנט איז הויך, אַף הויכע זאַמדן, מאַבל־איבערלעבענישן, וואָס די נאַטור האָט פאַרדעקט מיט זאַמד, קעדיי מ'זאָל נישט דערקע־נען וואָס זי האָט דאָ אָפּגעטוען.

די געגנט איז הויך, זאַמדיק, כאָטש גרין און פול מיט קאַרליק־פלאַנצן, קאַרליק־ביימלעך. די געגנט איז — ו ו י ס ט.

איר ווייסט: סי זענען פאַראַן ערטער, וואָס גיבן אייך שטענדיק דאָס געפיל פון נאָענטקייט, ווי ווייט איר זאָלט נישט האָבן געפאָרן זיי צו זען. וויען איז נאָענט. באַכטשיסאַריי איז נאָענט. מעראַן אין דער שווייץ איז נאָענט. אָבער די „שוועל פון אַדיראָנדאַק־בערג" איז ו ו י י ט, אפילע ווען איר שטייט נאָענט לעבן איר; ווייט און שווער. סי פרעמדט־אַף די אומענדלעכע לאַנגשאַפט פון די ווילדע, כמורנע וועגן. דעש־נע־דעש זעט איר אַ מישפּאָכע יונגע ברעזעס,

וואָס שמועסן צישן זיך אױף אַ בלאָלעכער, צאַרטער שפּראַך און בענ־קען זיך די הערצלעך אַרויס, נאָך זייערע עלטערע שוועסטער, אַרום סאַראַטאָגאַ.

קיין לעיק־דזשאָרדזש זענען מיר אָנגעקומען איינינעם מיט דער גראָער װאָראָנע, װאָס איז אונז נאָכגעפלױגן די גאַנצע צייט, געמאַכט אַ װאָרע פאַר אונז אין דער סאַמע הױפּט־גאַס אין „דזשאָרדזש״. דערנאָך אָבער, אַז זי האָט דערזען דעם אָפענעם גרינעם טייך, אַרומ־געשױמערכינעמט מיט מעסוקענע בערג, איז איר שטימונג אַביסל געפאַלן. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אױפן „מעשענעם פױגל״ פון אַ יאַכטשיפל, געדזשיבעט אים אין קאָפּ און—געװאָרן נאָך מער אומ־גליקלעך, און אָנגעהױבן נאָך מער שרייען.

גוטאָװנט, לעיק־דזשאָרדזש! גוטאָװנט, װילדע בערג. מיר זע־מיר שוין דאָ.

— טאַקע שוין לאַנג נישט געזען זיך. װאָס מאַכט מען עפּעס?

— אַ דאַנק, לעיק־דזשאָרדזש. װאָס זאָל מען מאַכן? שאַ, װאו איז באַ דיר קאַנאַדע?

— קאַנאַדע? — איז דאָרטן־אָ (דער באַרג װײזט מיט אַ לאַנגן פינגער אַהינצו). װערמאָנט איז דאָרטן־אָ.

— װאָס־זשע נאָך װעט איר עפּעס זאָגן גוטס, אַדיראָנדאַקס? אַ י ד י ש רעדן קענט איר כאָטש?

— פאַרגאַיעשט געװאָרן — ענטפערט מיט אַ זיפץ אײנער אַ באַרג, װאָס גייט אין אַ יאַרמילקע.—מ׳שטייט אױף אַלע יאָרן אין אַ גאָיעש מאָקעם. װען זעט מען דען דאָ אַ איד? און אַז אַ איד קומט שוין יאָ אַהער, רעדט ער דען אידיש? מי װערט דאָ פאַר־גרעבט. אָט גייט שוין צו די יאָמימנאָראָאים — און גאָרנישט, מ׳הערט אַפילע נישט בלאָזן קיין שױפער.

באַ די־אָ רייד האָט אַ שיף־סירען אַ בלאָז געטוען אַ שװאָרים און אַ טרוע.

— װער בלאָזט עס שױפער?—האָט זיך פאַרכידעשט דער באַרג מיט דער יאַרמילקע.

זיין שאָכנטע מיטן גרין־גראָען װעלדל אױפן קאָפּ (װי אַ שייטל) האָט זיך אױך פאַרכידעשט און אים עפּעס אַ זאָג געטוען אױפן אױער. דערנאָך האָבן זיך ביידע—אי די יאַרמילקע אי דאָס שייטעלע—צעװיגט און געערדט עפּעס אַ מין זינדיק װינט־לאָשן, װאָס איז אַריין אינעם טונקעלן טייך אַריין און דאָרטן געװאָרן שוים.

מיר זענען געבליבן שטיין באַם טונקעלן אָפּשרעקנדיקן טייך, װאָס דיפּעט שטאַרק אױפן מערדערישן קױעך פון די צװיי אידישע

בערג: יאַרמילקע און שיטעלע — דאָס קאַצאָווימשע פּאָרפּאָלק, וואָס רעדן רעדט עס, דאַכט זיך, פרום און וואויל, נאָר אַז סי קומט צו דערלאַנגען א קנאַק מיט א דונער, אָדער א זעץ מיט א בליץ, איז דאָס—מערדערס.

מיר שטייען באַם ברעג טייך אַף א פּלאַטפאָרמדל, וואָס איז אָפן פון פאָרנט. אָן אָפענער בעלעמער אין דער קלויז פון געפאַר, פון שרעק.

די נאַטור, ווי איר שטייגער איז, ליגט אַף דער ערד, אַף די בערג, שלייפט שטיינדלעך, פיילט זאַמדן, נאָר קיין טשוועקעס מאַכט זי נישט. דאָס מוזן מיר שוין אַליין טוען.

ס'איז זייגער זעקס. א ראַפּאַעלס־הימל, מיט וואַטענע וואָלקנס, באַשיט מיט צעריבענע רויזן. אַף מאַירעוו־זייט הענגט א קופּערנער ענגלייכטער, וואָס מ'דאַרף אים ראַטעווען וואָס גיכער, אַז נישט וועט ער צ ע ג י י ן, אינאיינעם מיט די זיבן לעכט, וואָס ברענען אין זיינע רערן.

מיר שטייען צעפוסנס פון א ריזיקן בוים, וואָס האָט זיך איינגעגעסן מיט זיינע האַרטע וואָרצלען אַזוי וויט ווי ער האָט געקענט— גאַנוועט די ערד פון אונטער זיין שאָכנס פיס אַפיר, ציט זיך אויס, טוט־אַפּ די מיעססטע זאַכן אין דער פינצטער, לאָזט אַף זיך קריכן ווערים, בלאָטע, אבי די „קרוין" זאָל לעבן א גוטן טאָג דאָרטן אויבן אונטער דער זון.

ס'איז סעפּטעמבער־כוידעש. און אין סעפּטעמבער־כוידעש איז די נאַטור אַף די בערג שענער ווי אַלע מאָל. זי מ ו ז זיין שענער ווי אַלעמאָל, ווייל סעפּטעמבער ענדיקט זיך דער „דאַטשע־סעזאָן", און די נאַטור מוז צוגרייטן גרעסערע אַטראַקציעס, אַז נישט וועט מען נישט קומען.

די אַמעריקאַנער „נאַטור" פאַרשטייט א ביזנעס. זי העלפּט די מענטשן מאַכן א טוהלער.

— וואו ווילט איר איינשטיין? — פרעגט מיך א מענטש, א מעקלער, אַפּאָנים, — אין וועלכן האָטעל?

— וואָס פאַר א האָטעלן האָט איר?

— מיר האָבן אַלערליי. מיר האָבן „פּאָרט וויליאַם הענרי האָטעל"—45 דאָלאַר א טאָג. זייער א פיינער האָטעל. איצט סאָף־סעזאָן וועט איר עפּשער עס קריגן פאַר בלויז פערציק דאָלאַר א טאָג.

— ס'איז צופיל? עפּשער אויסערן שטאָט א ביסל אין „באָלטאָן

ראָוד״? די געגנט דאָרטן איז באַקאַנט אַלס „מיליאָנערשער וועג״. זייער אַ פיינער געגנט. דאָרט קענט איר קריגן אַ צימער אין „האָטעל מאַריאָן״ נישט טייער, אַרום 18 דאָלאַר אַ טאָג, שוין מיט עסן, מיט אַלעמען. זאָל איך אייך פירן אַהינצו, אַף מיין אָטאָ־מאָביל?

— קיין ביליקערע האָטעלן איז נישטאָ?

— ביליקער?

דער מענטש האָט מיך אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ. אַזאַ מין קוינע, הייסט דאָס, בין איך! בין איך דאָך גלאַט אַ שלעפּער, איז דאָך נישטאָ מיט מיר וואָס צו רעדן.

— איר זענט אַ שפּאַניער? (ער אַזוי צו מיר).

— ניין, איך בין אַ איד.

ער טראַכט אַ ווײַלע, קראַצט זיך אין קאָפּ.

— וועל, סי מאַכט נישט אויס,—מאַכט ער צום סאָף.

איך באַמערק, אַז זיין קאָל ווערט ווייכער. ער רעדט צו מיר מיט ראַכמאָנעס, אַזוי ווי מי רעדט צו אַ קראַנקן.

— „אידן״,—מאַכט ער,—זענען אָלרייט. איך אַליין קען צוויי אידן, זייער פיינע לייט. זיי האַנדלען מיט דזשולערי אַף „מעידן לעין״, אין ניו יאָרק, אויב איר ווייסט. איינער פון זיי הייסט אָפּענהיימער.ביידע זענען „גוט־אָפּ״. זיי קומען אַהער אַלע זומער. אָבער אין „פּאָרט וויליאַם הענרי״ שטייען זיי נישט איין, כאָטש געלט שפּילט באַ זיי קיין ראָלע נישט. אָ, יעס, סי זענען דאָ פיינע לייט צווישן אידן אויך. נאָר יענע זענען דייטשע אידן. איר קומט דאָך נישט פון דייטשלאַנד, אַ־ניין? (דער סאָף איז גוט).

באותו הלילה, אין יענער נאַכט אין לייק־דזשאָרדזש, האָב איך, פאַרשטייט זיך, נ י ש ט געשלאָפן אין „פּאָרט וויליאַם הענרי״ און האָב אַף אַזאַ אויפן פאַרדינט ריינע 43 דאָלאַר.

דאָס שטיבל, וואו איך האָב גענעכטיקט, איז געשטאַנען אַף... איכ׳ל נישט זאָגן אַף ה י נ ע ר ש ע פּיסלעך—אָבער אַף פרעמדע פּיס איז עס געשטאַנען, ווייל ס׳איז געווען אַף אַ באַרג־אַראָפּגליטש לעבן טייך. ס׳האָט אין דער אָוונט־זון אויסגעזען ווי אַ געזונט, פרייִ־לעך מענטשל אַף קוליעס.

שפּעטער, אַז ס׳איז געוואָרן נאַכט, האָט דער לעיק־דזשאָרדזש געמרוקעט מיט פרעמדע, איבערשרעקנדיקע קוילעס. אויגן זענען גע־האַנגען אין דער לופטן איבערן טייך. ווייסע יאַכטן האָבן ווי ברייטע קאַטשקעס געמאַראַכעפּעסט איבער דעם פּאָנים פון די וואַסערן.

שטערן אָן אַ שיר האָבן ווי מאַלינעס געבליט דאָרט אויבן, וואוהין אונזער האַרץ ציט.

אַלצדינג האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די וואַסערן אונטן—האָבן טאָפּל־געבליט און גערוישט מיט דעם שטילן גערויש פון שטערן.

...זענען מיר, אַ פינף אירע, געזעסן באַ אַ פרעמדן טיש, „געבראָכן ברויט" מיט אַרבעטנדיקע מענטשן, וואָס וואוינען דאָ אין דער אָרימער שטוב, פּראַצעווען פאַר 3 דאָלאַר אַ טאָג, דערציען צוויי קינדער צו וויסן, אַז אַמעריקע איז דאָס לאַנד פון די בראַווע און די פרייע.

דער לאָמפּ האָט געברענט, די טיי איז געווען געדיכט און ביטער.

די באַלעבאָסטע האָט דערציילט פון איר לעבן.

דער מאַן אירער האָט געזאָגט: איך האָב אַרבעט אף דער באַן, באַ דער סיגנאַל־אָפּטייל. איך דאַרף אומגליקן אויסמיידן, מוז איך מ'קאָפּ ניכטער האַלטן. איך מוז מיך איינגאַנצן געבן צו מיין אַרבעט. דער קאָפּ טאָר פון עפּעס אַנדערש נישט וויסן. אָבער גיט אַ קוק וואָס מיר עסן, ווי אַזוי מיר לעבן.

דער לאָמפּ האָט שווער געצויגן די זאַפט פונם קנויט. ווי אַ שלאָפער זאָקן ציט אַ ליולקע וואָס האַלט באַם אויסגיין.

די סטעליע איז געווען נאָענט איבערן קאָפּ, ווי אַ וואָרנונג, אַז מ'זאָל נישט וואַקסן הויך, נישט טראַכטן הויך, נישט שטרעבן הויך.

אין שטוב איז אַ כוץ דעם מאַן, די פרוי און די צוויי קליינע קינדער (איינס אין אַ גאַנג־וועגעלע), אויך געווען צוויי הינט. איינער האָט געהייסן „שעפּ" און איינער „קינג".

„קינג" — אַ פּיצל הינטל אַ קוטשעראַווע, מיט צעיאָטערטע אויגן, האָט זיך קסיידער געקראַצט די אויערן מיט אַ שוואַרץ לאַפּקעלע.

„שעפּ" — אַ הויכער אַ פוקס־ברוינער הונט, קומט צו קיינעם נישט אָן נאָכן ביסן ברויט. גייט אַרויס אַ הונגעריקער אין וואַלד אַריין, אין די בערג אַריין און קומט קריק אַ זאַטער.

דאָס קליינע „קעניגל" קראַצט זיך, און מאַכט דעם אָנשטעל, אַז סי היט די שטוב. און עסן—מוז מען אים דערלאַנגען אין מויל אַריין—אַליין טויג עס צו גאָרנישט. אַפילע אַ ווייב מוז מען אים אויסזוכן, ברענגען אין שטוב, דערמוטיקן.

דאָס גרעסערע קינד האָט זיך איצט געשפּילט מיטן גרויסן הונט. אַזוי ווי ס'איז געווען באַלד נאָך וועטשערע און באַ דעם קינד איז דאָס פּאָנים געווען פאַרשמירט פון „טרויבן־פּאָווידלע", האָט „שעפּ"

דאָס קינד פריינטלעך ארומגעלעקט, עס ארומגעוואַשן מיט זיין שפּייעכץ.

— איר זעט, — האָט געלאַכט דער סיגנאַל־געבער, — דער־אַ הונט ארבעט בא אונז אַלס אַ... וואַנע.

— און צוליב וואָס האַלט איר דאָס קליינע?

— דעם „קעניגל" האַלט איך פון... ראַכמאָנעס. געפּריפּט עס אַמאָל ארויסלאָזן אין דרויסן ארויס, האָט מען עס שיר איבער־געפאָרן. נאָר שטאָלץ איז עס בא זיך—אָווא: פּריפּט אים זאָגן: „קרום פישטו", וועט זיך טוען כווישעך. וועט עס אָפּהאַווקען, אָפּוויי־נען אַ האַלבע שאָ, מ'וועט עס נישט קענען איינאַלאַיען. אזא מיוכעסל איז דאָס. אַ קליינינקייט זיין מאַמע, אַ שוים־צוויג, האָט זיך אויסגע־וואַלגערט וואו אַן אריסטאָקראַטישע שוים אין לעיק־דזשאָרדזש.

ס'איז געוואָרן שפּעט. דאָס קליינע קינד איז אנטשלאָפן גע־וואָרן שטייענדיק אין וועגעלע. דאָס גרעסערע קינד איז געלעגן אַף דר'ערד מיטן גרויסן הונט אונטער די אָרעמס און—געשנאָרכט. דעם הונטס בויך האָט געציטערט. אַף זיינע איידעלע בויך־ריפּן האָט דאָס הינטישע לעבן אויסגעשפּילט אַ „גוטע נאַכט".

— איר ווייסט ווי אַזוי איך האָב זיך באַקענט מיט מיין מאַן? — האָט געזאָגט די פרוי, — מיר האָבן ביידע פיינט געהאַט דעמזעלבן מענטשן. דאָס האָט אונז פּאַראייניקט אין אַ ליבע, וואָס איז אַלע טאָג געוואָרן שטאַרקער. אונזערע צוויי קינדער? זיי זענען דער רעזולטאַט פון ...סינע, פּונקט אַזוי פיל ווי פון ליבע. פּופּעלעך מיינע!

זי האָט אויפגעהויבן איין קינד—דאָס קלענערע. ער דאָס גרע־סערע. ביידע האָבן שטילערהייט געקושט זייערע קינדער.

„שעפּ" האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַ שמעק געטוען צי מ'דאַרף אים אַף עפּעס, און באַלד זיך ווידער געלייגט שלאָפן,—דאָס מאָל אַף דער שוועל.

„קעניגל" איז געלעגן ווי אַ פּוטער־קניידל, זיך פון שלאָף אַלע ווײַלע אַ קראַץ געטוען מיטן איידעלן לאַפּקעלע הינטערן אויער.

אין עטלעכע מינוט ארום בין איך געלעגן אַף אַ ברייט, אַלטמאָ־דיש בעט און געכאַלעמט דעם העמשעך פונם אנומעלטיקן כאַלעם—וועגן פּראָפעסאָר שנייאורסאָן.

דאָס מאָל איז שוין דער פּראָפעסאָר געגאַנגען פונם באָדן. דאָס שטרויענע האַרטע קאַפּעלישל איז בא אים געווען נאַס. דעסט־גלייכן זיין שטעקעלע. נאָר ער אַליין האָט נישט אויסגעזען מיד, כאָטש

ער איז אריבערגעגאנגען דעם יאם צעפום. די באקן זענען בא אים געווען פריש און צארט ווי די פליגלען פון א טירטלטויב.

גלענס־פאלס

אין גלענספאלס זענען מיר ארייַנגעפארן מיטן דישל אין „לייבאר־דעי"—דער „טאג געווידמעט צו דער קאנסעקראציע פון ארבעט". די קלויסטערס האבן געקלונגען—די „מואווים" זענען געווען פאר־מאכט.

ס'איז געווען א מין שווערער, פאנאטישער „יאמקיפער". א פארגרייזטער, פארבלאנדזשעטער יאנטעף. דער „יאנטעף פון ארבעט" אין א קיטל פון א גאלעך, א ציילעם־ברעטל, א האסטיע.

אזא ערנסטן, אנגעכמורעטן „לייבאר־דעי" איז מיר נאך נישט אויסגעקומען צו זען אין ערגעץ, אפילו אין יענע שטאטן, וואס „פירן־אויף" די לייבאר־דעי קאמעדיע מיט א סאך פאמפ, רעזשי און דעקאראציעס פון אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר.

— וואס פאבריצירט מען בא אייך אין שטאט? — פרעג איך בא א מאנצביל, וואס גייט פון לייבאר־דעי־דאווענען מיט א „סידערל" אין האנט—גייט מיסטאמע פון „אויסנעמענס". ער טראגט א שווארץ, שמאל אנצוגל אף זיין שמאל, לענגלעך גופל. די געפלעקטע הענט זע־נען בא אים געוואשן אזוי ריין, אז זיי שיילן זיך אזש. פונם האלז שפארן אים ארויס אזוינע הארטע אדערן, ציישן וועלכע סי לויפט דער גארגל־קנאפ, ווי אן עלעוויטארל.

— וואס מי פאבריצירט בא אונז?—צעגערט ער און זאגט־איבער מיינע רייד, — בא אונז איז דא א גרויסע פאבריק, וואו מי פאברי־צירט עפעס א זאך, נאר איך ווייס נישט וואס דאס איז. א טייל זאגן, אז ס'איז א שרויף צו א שיף, אנדערע זאגן, אז מ'נוצט עס פאר געביידעס. נאך אנדערע זאגן, אז מ'נוצט עס צו טעלעסקאפן, אבער קיינער ווייסט נישט דעם עמעס.

— נו, און די ארבעטער אליין, וואס ארבעטן דארטן?

— אט בין איך אליין אן ארבעטער, וואס ארבעט דארטן. כ'ארבעט 9 שא א טאג: כ'מאך מיט א שטאנג ארויף און אראפ, דערנאך גיב איך א דריי אין א האלב־צירקל. מער ווי די־א דריי באוועגונגען מאך איך נישט א גאנצן טאג, ווייטער ווייס איך נישט.

— און ס'ארט אייך נישט?

— וואס איז מיר דער בילעק? ס'איז נישט מיינע ביזנעס. אבי מי ארבעט און מ'פארדינט. איצט איז אפילו שלעכט. די

פאבריק שטייט ליידיק. ס'איז פאר „עלעקשאן", איז א ביטערע צייט. פאר די וואלן איז שטענדיק אזוי.

— פון סאוועט־ראשע האסטו געהערט, ברודער?

— געהערט א ביסל. סעי, דארטן איז קאלט, כ'וואלט דארטן נישט געוואלט זיין.

— און וועגן דער נייער מעלוכע האסטו געהערט? ס'איז דארט א מלוכע פון ארבעטער. אלצדינג קער צו די ארבעטער.

— וועל, — מאכט ער, — יו סי... איט'ס לייק דיז, אי דאנאו... אז אזוינע גרויסע קעפ ווי די ראקעפעלערס און די פארדס קענען נישט אויפטאן גארנישט פאר די ארבעטער, וועלן די ארבעטער אליין אוודאי נישט קענען אויפטאן גארנישט.

— פון די באלשעוויקעס האסטו געהערט?

— געהערט א ביסל. דאס זענען אידן אזוינע, וואס פארשטעלן זיך פאר קריסטן, ווילן אונטערגראבן די קירך און די פאמיליע— א־יא?

— וואו האסטו דאס געהערט, ברודער?

— דער פארמאן פון מיין קארפוס האט עס מיר דער־ציילט. ער קען אליין פערזענלעך, זאגט ער, אזא „באלשי", וואס איז א איד, נאר ער האט זיך פארשטעלט פאר א קריסט. קעדיי אוים־צונארן בא די קריסטן דאס געלט און עס צעטיילן צווישן די אידן.

— דו האסט אמאל געזען א איד?

— פערזענלעך? ניין, אבער מיינס א פעטער פלעגט מיר דער־ציילן, אז ער האט געקענט א אידן, איז ער געווען א קישעפמאכער. איינמאל גייט ער אזוי אפן וועג, פונם דארף אין שטאט אריין. טרעפט ער אפן וועג דעם אידן. דער איד רויכערט א גרויסע ליולקע, און מיין פעטער רויכערט א קליין ליולקעלע, פון א פאפשוי־קאטשן („קארן־קאב"). זאגט צו אים דער איד: „העי, טאם, לאמיר זיך בייטן מיט די ליולקעס". בייטן איז בייטן. ביפראט, אז יענעמס ליולקע איז פון „פרענטש ברייער" האלץ, און מיין פעטערס ליולקע איז פון א פאפשוין־קאטשן. בייטן זיי זיך. און זיי גייען אזוי און רעדן. דערווייל פאלט־צו די נאכט. מ'גייט דורך א קלויסטער, און דאס אידל ווערט נישט. מיין פעטער קומט אריין אין הויף פון קלויסטער, באגעגנט אים א שאכן און זאגט אים: „זע נאר, דו האלטסט דאך אין מויל א ראץ". ער גיט א קוק: ער האלט טאקע אין מויל א ראץ. באם עקל האלט ער עס. דאס איז געווען דעם אידלס ליולקעלע.

— באַ אייך אין שטאָט איז קיין אידן נישטאָ?

— ס׳איז דאָ. אָבער נישט פון די עמעסע, ס׳איז דייטשע אידן, וואָס זענען אַ ביסל ענלעך צו אונז. די עמעסע אידן זענען פון „ראָשע״.

איך האָב געהאַט אַ צוויי שאָ צייט. האָב איך זיך ארומגעדרייט אין גלענספאָלס. געזען אין די „שאָו־פענצטער״ די נייע קליינשטעטלדיקע מאָדעס אין מענער־קאַפּעלישן: ברוינע, הארטע מולטערלעך, מיט אַנקערלעך, אַף צו פארטשעפּען אַ בענדל, דאָס נעמלעכע בענדל איז מעכויעוו צו „אַנקערן״ דעם קאַפּעליש צו אַ קנאָפּלעכל פונם ראָק, קעדיי אַ שטארקער ווינט זאָל אים נישט אַוועקטראָגן.

פונדעסן האָט שוין אהער אויך דערגרייכט די מאָדערניסטישע קונסט: צוויי וואקסענע פיגורן אין די פענצטער פונם אידישן קאַפּעליש־סויכער זענען אַזוינע „קוביסטישע מיעסקייטן״, אַז אַלע וואָס גייען פארביי, גיבן אַ קוק און זאָגן: „טעריבל״ (אַ שרעק!).

דער באַלעבאָס אַליין שטייט באַם געוועלב, קייעט אַ גראָבן ציגאַר, און אַז עמיצער זאָגט „טעריבל״, זאָגט ער „עינט איט?״ („איר מעגט עס נאָכאמאָל זאָגן״). דערוויי פארפירט ער מיט דיר אַ שמועס וועגן קאַפּעלישן ביכלאַל און וועגן זיינע קאַפּעלישן ביפראַט. ווי אַזוי ס׳איז אים קוים געלונגען צו קריגן פון ניו יאָרק אַ וואַגאָן מיט די „ברוינע קראַכערס״, וואָס זענען די לעצטע מאָדע. מי צעכאַפּט זיי ווי מאַצע־וואַסער. שור, שור־א. היינט איז דאָס געוועלב פארמאַכט. קומט אריין מאָרגן, וועט איר עפּשער נאָך קריגן אַ קאַפּעליש אין גלייכן געלט. נאָר קומט פרי. אַז נישט, קען ער אייך נישט גאַראַנטירן. וואָרין די „ברוינע דוירבים״ גייען איצט, ווי „האַט קעיקס״ („לאַטקעס״). שור, שור־א. דאָס וועטער איז זייער גוט— סי גייט שוין צו ווינטער. שור־אַר, שור־א...

דער „שור־א״ („שור״, „געוויס״) גייט אים נישט אראָפּ פונם מויל. איך גיי צו און זאָג אַף אידיש:

— נו, וואָס הערט זיך, רעב איד? מי מאַכט אַ טוהלער?

— „שור־א״,—מאַכט ער,—סאָלרייט. טהענק גאָט.

— וויפיל האָט איר דאָ אידן אין אייער שטעטל?

— אידאָנאָ. נאַט מאָטש. באַט איטס פּלענטי. ווי העוו פּלענטי דזשוס, שואה. די אָגלי טראָבל איז, ווי קענט מעיק עי מיניען. יו נאָו, קאַדיש. איטס בעד, וועריִ בעד, שור־אה!

— פון דאַנעט קיין לייק־דזשאָרדזש איז ווייט?

— אַ קאָפּלע מיילס. וועהאַט׳ל יו דו אין לייק־דזשאָרדזש?

— איך וויים. איך זוך עפּעס אַ ביזנעס.

— אידעלעך, — מאכט ער, — עווריוועדס. נו־נו, גוט־גוט. שו־אה. העוו אַ ציגאַר... וואָט איז יור נעים?

— מאַסליאַנסקי.

— אָ, אַי הוירד עבאַוט יו. איך זענט—מאכט ער, און קוקט אין דער ווייטער לופט אַריין—אַזאַ נידעריקער, אַ דיקער. מיט אַ באָרד. אַי נאָו. יו אַר עי וואַטשמעקאַליט. אַ כאַזן, לאַיק יאָסעלע ראָזענבלאַט. אַי נאָו. שו־אה.

שו־אה, „מיר־אידן" זענען אָלרייט!

אַמאָל פאַרקויפן מיר... נוויעס. אַמאָל קאַפּעלישן. אַמאָל ציוניזמוס. אָבער שטענדיק מאַכן מיר אַ טוהלער. שו־אַה. אַ דאַנק דער אידישער נאָז, וואָס שטופּט זיך אומעטום און דערשמעקט אַ טרער פאַרנאָסע—אַף אַ מייל די ווייט.

די אידישע נאָז.

איך געדענק, איך בין אַמאָל געפאָרן מיט אַ אידישן באַלעגאָלע איבער אַ פּויליש שטעטל. ס'איז געווען נאַכט און שטאָק־פינצטער און ס'האָט גערעגנט.

איך האָב באַדאַרפט פאַרפאָרן ערגעץ אין אַ גאַסטהויז. האָב איך געפרעגט באַם באַלעגאָלע וואו מיר זענען ערגעץ, האָט ער אַ טיפן צי געטוען מיט דער נאָז און געענטפערט:

— דערוואַהל זענען מיר נאָך נישט דאָרטן. מיר זעמיר ערשט באַ כאַאים דעם געלנס שטיהב.

ער האָט נאָכאַמאָל אַ צי געטוען מיט דער נאָז און געזאָגט:

— דוס איז בעריש דער גראָבער.

און ווידער אַ צי מיט דער נאָז:

— דוס איז עלקע די טיקערין. באַ איר קאָכט מען האהנט וועמפּ־לעך. איר פילט?

:: :: ::

צומאָרגנס איז ווידער געווען טאָג—דאָס מאָל אַף דעם באַרג וואָס מיט דער יאַרמילקע און אַף זיין פרוי וואָס מיטן שייטל.

דאָס אַלטע פּאָרפאָלק איז זיך געשטאַנען און אָנגעקוקט די וואַסערדיקע פאַרמעגנס זייערע. דורך דער נאַכט איז, ווייזט אויס, אַ ביסל אָ פּ געקומען, זענען זיי געווען זויער און ברויגעז, כאָטש די נאָז האָבן געגלאַנצט באַם „זיידן".

איך האָב אָפּגעפרישטיקט, יויצע געווען די טעגלעכע אַמעריקאַ־נישע מיצווע פון „גרייפּ־פּרוט", אָפּגעמווידעאַניט מיט אַ דאַנק צו מיינע לאַנגע פיס, וואָס האָבן מיך געטראָגן אַזוי ווייט.

איך האָב אַ שטיקל שפּאַציר געטוען הינטער דער שטאָט, וואו

די פאַרמס זענען. אַף טישלעך לעבן די פאַרם־הייזער איז געווען אויסגעלייגט די פרוכט פון דער ערד: טאָמאַטן, עפל, קוקורוז, „סקוואַש". דאָס בעסטע, וואָס די פאַרם האָט אַרויסגעגעבן נאָך אַזוי פיל מי, איז איצט געלעגן ווי אַף אַ בעטלערישער האַנט און זיך געפילט שאָפל.

הינטער יעדער שטאָט און שטעטל זעסטו די קראַפט, וואָס באַלעבט דאָס אָרט, גיט אים לעבט און קויעך. די עלעקטרישע קראַפט־סטאַנציעס מיט זייערע שטאַנגען, דראָטן, שיסעלעך, קאָנסערוואַטאָריעס.

אָט שטייט אַ פאַרמער און זאַמלט־איין היי.

מיט זיין ווילקע־גאָפל רייסט ער „פאַסן" פון דער ערד. די ערד לאָזט זיך נישט, ציט צו זיך, רייסט פונם גאָפל אַראָפ. דער פאַרמער שרייט אַף די פערד, שוויצט, ווישט זיך מיט אַ בלאָ־געטיפּלטער פאַטשיילע מ'שטערן און די אַקסלען אונטערן העמד.

און נישט ווייט פון זיין פאַרם איז דאָך אַזוי פיל הייסע קראַפט אָנגעזאַמלט אין די טעלערלעך, אין די סלאָיעקלעך, גרייט צו דער וועלטס סודע פון פאַרברידערונג. ווען עלעקטרישע קראַפט וועט זיך גיסן איבער אַלע פעלדער פון דער וועלט, זיך גיסן און דערפרישן די אָפגעמידיקטע האַנט, דעם געבויגענעם רוקן, דעם שווייסיקן נאַקן.

דעם מענטשנס סייכל איז דאָך שאַרפער ווי די האַק, וואָס שפאַלט לענדער, באַפרייענדיקער ווי די שווערט וואָס לעבערט־דורך דעם ברודערם האַרץ.

פאַרוואָס איילט ער אַזוי—דער וועלטס סייכל? וואָס פעדערט זיך דער „נייער געהירן" פון דער וועלט, און מאַכט לעבטיק אין די שלאַנגען־היילן, אין די מייזן־לעכער? וואָס טריקנט ער צומערשטן די גיפטיקע זומפן נישט אויס? וואָס רינגלט ער דיך אַרום מיט שפיגלען, בעים דיין גוף איז פול מיט קרעץ?

לעיק טשעמפלעין

איך בין אַף דער שיף, וואָס גייט אַף לייק־דזשאָרדזש און לייק־טשעמפליין, אַ רייזע פון אַרום 8 שאָ.

איך ווייס נישט: פאַרוואָס ווערט באַ מיר דאָס האַרץ אַזוי דערציטערט פון פרייד, אַז איך טרעט־אַריבער די שוועל פון אַ שיף, ווען איך דערזע אַ זעגלטוך אַף אַ מאַסטבוים, אָדער די שטאָלענע, בויטענדיקע אינגעווייד פון אַ שיף, אָדער די שטאָל־געשליפענע „וואַסער־טרעגערס" פון אויבן אַף אַ פערי־שיף, וואָס זעען־אויס ווי איינער וואָלט זיך ריטמיש געבויגן אַהין־און־אַהער אונטער צוויי קראָמיסלעס מיט בליצן—געגאַנגען און געשטאַנען אַף איין אָרט, געשעפט

און נישט אויסגעשעפּט דעם קישעפּריקן קויעך, וואָס ליגט באַהאַלטן אין די „קראָמיסלעס”?

אין מיינע גוטע כאַלוימעס בין איך שטענדיק אַף אַ שיף אין מיטן יאַם, וואו דער שטורעם רייסט די פענצטער און סי הײלט אַ ווינט־מיט־אַ־רעגן.

איז דאָס די פאַרב פון מיין געמיט? די שיף? דאָס בלאָנזשען? די אומרו? דער שטורעם?

ווי אומענדלעך ליב איך האָב די אַרבעטנדיקע גלידער פון אַ שיף, די פּיסטונען, לעוורען, שטאַנגען, וואַלוון!

און ווי הערלעך זעט איצט אויס דער „אוילער” אָנגעטוען אין זיינע בלאָע אַרבעט־קליידער, אין זיין שוואַרצן קאַשקעט פון רעשעטע־לייוונט, ווען ער האַלט דעם לאַנג־מויליקן אייל־שפּריצער אין האַנט און גיט דעם האַרטן שטאָל צו זויגן פון ברוין־גרינעם אייל, וואָס דער־קוויקט די מעטאַלענעביינער, מאַכט גרינגער דאָס אָטעמען, דאָס לעבן.

די שיף איז אַ געפּוצטע שפּאַציר־שיף. טוריסטן פאָרן אַף איר אויסזען די 365 אינזלען (די נאַטור זיצט דאָ יעדן טאָג אַף אַ נײַ אינזעלע). שיינע פּאַרקאַמטע אינזעלעך. „סעמפּל־אינזלען”, וואָס גאָט האָט געמאַכט עקסטער פּאַר די אַגענטן פון זיין פירמע. זיי זאָלן האָבן וואָס צו ווייזן. האָבן זיי די ג ר ו י ס ע אינזלען פּאַרקויפט ענגלאַנד, און די „קליינע מוסטערן” האָבן זיי געלאָזט אָפן וואַסער, און אַוועק זוכן עפּעס אַן אַנדערע ביזנעס, וואו מ׳קען מאַכן אַ טוהלער.

איך שטיי אונטן, לעבן קאַפּיטאַנס בריקל, וואָס איז ווי אַ פליגל פון אַן עראָפּלאַן. איך קוק דורך די צוויי רעטונג־בייגל, וואָס הענגען דאָ—ווי דורך אַ פּאָר ריזיקע ברילן.

זעט נאָר, זעט! רעגנבויגנס אין וואַסער. דאָרט וואו ס׳וואַסער איז נישט טיף, שלאָגט די זון אָפּ אין די שטיינער, די שטיינער גיבן קריק אַלערליי פאַרבן — רעגנבויגנס. דער קאַפּיטאַן שטייערט זיין שיף אַוועק פון די רעגנבויגנס, פון די פּאַרפּירעריש־שיינע געפאַרן, וואָס לאַכן פון די אָפּגרונטן אַרויס.

און אָט איז אַן עראָפּלאַן.

דאָס פליען „טוריסטן”. 8 מינוט פליען פאַר 5 דאָלאַר.

דער טאָג האָט זיך אויסגעפּוצט מיט אוירינגלעך. איך וואָלט געשוואוירן, אַז ער גייט אָנקוקן אַ קאַלע.

אַ גרויסע רו איז איבער אַלע גיפלען. אַלע בערג טראָגן פאָנען. אַלע אינזלען זאָגן אונז „גוט־יאָנטעף!”

נישטאָ קיין קויעך צו באַוואונדערן אַזוי פיל די נאַטור. מ׳איז

א י י ן מ ע נ ט ש אַ ל י י ן , און דאָס נאָטיצביכל איז שוין קימאַט פול.

אוינעג־דינסטיק איז מיר אין יעדן טראָפּן בלוט. אַף דער װײַטער װעלט איז אַ כּאַסענע, דאַכט זיך מיר, און דער הימל איז פול מיט פענצטער און מיט טירן.

קופּער־גאָלדענע בערג קוקן־אַריבער אײנער דעם אַנדערן איבער די אַקסלען, צו זען די שיפן, װאָס גײען פאַרבײ, צו הערן דעם פּלעשטש פון די װאַסערן.

דער טײך איז שטיל, װי אַן אױפגעמאָלן קעצל אַף אַ טעלער.

אונזער שיף מאַכט זיך שאַבעס פאַר זיך. רופט אַלײן אַרױס גרױסע פּאַליעס איבער דעם שטילן װאַסער, שרעקט זיך קלױמערשט פאַר זײ, ציט אָפּ. אין אָפּציען מאַכט זי װידער שפּאָטיקע פּאַליעס, קאָמעדיאַנטישע שטורעמס.

זאָל איך זאָגן: „אָ, שיף אַף ליק־טשעמפּלעין!”? װעט דאָס זײַן די ערשטע שורע פון אַ ליד אין פרײַע פערזן, און איכ'ל זײַן מעכוײעװ צוצושרײַבן דאָס איבעריקע.

נישטאָ װאָס צו טאָן.

די נומער־אײנסער שײנקײט מאַטערט אײן. די רו קלאַפּט מיט אַ שטיל העמערל אין דײַן נעשאָמע, װעקט־אױף די אומרו.

צום טיש דערלאַנגט אַ נעגערשער באַדינער.

— האַדי!

— העלאָו!

בעיס ער דערלאַנגט מיר די קװאַדראַטלעך פּוטער, רעד איך צו אים, פרעג אים אױס װעגן די אינזלען, װעגן זײַן אײגן לעבן.

— איך? איך בין פון די באַהאַמאַס. מײַנע עלטערן זענען ד אָ ר ט ן . אַף דער שיף דין איך בלױז אום זומער. װינטער פאָר איך קריק אַף די באַהאַמאַס־אינזלען. דאָרטן האָב איך אַ געװעלב, אינײנעם מיט מײַנעם אַ ברודער. צי מי מאַכט אַ לעבן?—נישקאָשע. מי קען אַף די באַהאַמאַס אױך מאַכן אַ טוהלער. נאָר דאָ איז גרינגער. װען מ'זאָל דיר נאָר נישט געבן צו פילן, אַז דו ביזט—

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, צי דער אױבערקעלנער זעט נישט, און װײַטער גערעדט:

— אַף די באַהאַמאַס האָב איך אַ מײדל, רײַן, װי דער טאָג איז רײַן. און װי זי קען שפּילן. װי זי קען טאַנצן!

זײַנע אױגן האָבן זיך צעגלאַנצט װי סמעטענע אין צװײ שװאַרצע שיסעלעך.

— ...טאַנצן? אייערע טאַנצן מיט די פיס. מיר טאַנצן מיט אַלצדינג. מיט די קישקעס, מיט די לונגען, מיט דעם לעבער. מיר גייען־אויף אין טאַנץ.

ער האָט אַ נעם געטוען דעם טאָץ אַף זיין האַנט־פּלאַך, אים אויפגעהויבן הויך איבערן קאָפּ און זיך געגומען ווינן. האָט ער באַגעגנט דעם ווייסן אויבערקעלנערס בליק, און ער איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

— וואהאַט'ל יו העוו, סיר? פּליז? טהענק יו. יעס, סיר, ראַיט, סיר, שור, סיר. שור־אַר!

ער איז שוין געווען אַריינגעטוען אין דעם איניען פון... מאַכן אַ טוהלער. דאַפאַר זענען זיינע אויגן איצט געווען טרויעריק, „ציוויליזירט".

:: :: ::

דער טייך „דזשאָרדזש" האָט עפּשער הונדערט קלימאַטן דורכן טאָג.

אַז די זון שיינט, טו איך אויס מיין מאַנטל, מיין ראָק, פּאָך אַף זיך מיט אַ טאַשנטיכל.

גייט אונטער די זון, ווערט קאַלט און איך טו אָן קריק מיין ראָק, דעם סוועטער, דעם מאַנטל. סי קלאַפּן מיר די ציין פון קעלט.

אין אַ מינוט אַרום: ווידער די זון—דער קלימאַט איז הייס, שוויציק. ענג.

ווידער אין אַ מינוט אַרום: די זון באַהאַלט זיך. איך זיץ אַפן אויבערשטן דעק, וואו דער קוימען איז, וואַרים מיר די פיס אָן דער אונטערשטער טייל פון דער קוימען־רער.

— הערט, — זאָגט אַן עלטערע דייטשע פרוי צום קאַפּיטאַן באַם ראָד, — אייער שיף גייט ריכטיק? עפּעס דאַכט זיך מיר איך האָב פריער נישט געזען די אַלע אינזלען. צי בלאָנדזשעט איר נישט צומאָל?

דער קאַפּיטאַן פּאַרזיכערט איר, אַז ס'איז אָלרייט. אָבער זי באַרואיקט זיך נישט. פרעגט אַלעמאָל צי ער איז „שור", אַז דאָס איז דער וועג.

פון ערגעץ הער איך אַ געזאַנג:

„אָ, סוזאַנאַ, ווי איז דאָס לעבן נאָך זאָ שעה—ה—ה—ן—!"

דער קיילעכדיקער שעה—ה—ן דערמאָנט אין רהיין.

טוריסטן פון קאַנאַדע, עלטערע מענטשן, אַף דעם הינטער־ווינקל פונם דעק. די שטולן צענויפגערוקט, די קאַשקעטן אַראָפּגעלאָזט איבער

די אויגן. א פרוי האלט אירע הענט צענויפגעפלאכטן אפן נאקן, קוקט אין דער בלאער ווייט אריין, וואו דער רהיין געפינט זיך:

„אך, סוזאנא, ווי איז דאס לעבן שעה—ה—ה—ן!"

איך טראכט:

מיר זיינען אלע ברידער-שוועסטער אף א קליינער רייזע. פאר־וואס נישט צורוקן ס'בענקל צו זיי און אויך מיטזינגען?

„אך, סוזאנא, ווי איז דאס לעבן שעה—ה—ה—ן!"

...פון דער וויטן, אף אן אינזעלע, פארבט עמיצער א שטאכעטל. שוין אויף איבעראיאר, אפאנים, ווייל איז דאך שוין באלד הערבסט, די שפאציר־שיפן הערן שוין באלד אויף צו גיין איבער די טייכן „דזשארדזש" און „טשעמפלעין".

„פאראיארןווינטער", זאגט דער אלטיטשקער דייטש, וואס זיין קאפ שאקלט שטענדיק אף יא, „פאראיארן ווינטער בין איך געווען אין בערמודא. אן אינזל פון לויטער קרעלן, און ציכטיק—וואס הייסט ציכטיק? א שפרענקעלע זעט איר דארט נישט אף דער ערד. דער דרויסן און די שטוב—דיזעלבע ריינקייט. ס'איז אונטער ענגלישער קאנטראל. ענגלאנד האט פון גאנצן טראפישן אינזעלע בערמודא גע־מאכט א „שאו־פענצטער".

דאס אינזעלע איז בלויז עטלעכע צענדליק ענגלישע מייל די גרויס. אבער איר וואלט באדארפט זען וויפיל אמעריקאנישע טוריסטן סי קומען אהין יעדן ווינטער. איר מיינט זיך באדן אין די ווארימע וואסערן, בא די קרעלן־ברעגן? ווייסיך! זיי קומען אהער טרינקען, שיקערן".

דעם אלטישעקנס קאפ האט עטלעכע מאל פון זיך אליין בא־שטעטיקט זיינע רייד. דערנאך האט ער ווייטער גערעדט:

— פאראיארן ווינטער בין איך דארטן געווען צוליב מיין געזונט. איך אליין טרינק נישט. איך בין א קראנקער. אבער ס'איז געווען א שרעק צו קוקן ווי א י ע ר ע טרינקען. ווי די כאזיירים, איר זאלט מיר אנטשולדיקן. אין די רינשטאקן וואלגערן זיי זיך, פאראומרייניקן די רויטע קרעלענע טראטוארן. א רייניקער מוז דער־נאך קומען מיט זייף און וואסער און—אויסוואשן.

— נאר דאס איז גארנישט. אז א מאן טרינקט, טרינקט ער. אז א פרוי אפילע טרינקט און זי איז איינע אליין, אדער מיטן מאן, איז אויך גארנישט. אבער וואס וועט איר זאגן, אשטייגער, צו דעם, אז ס'קומט צו פארן פון ניו יארק א פארפאלק מיט א קינד, דינגען

זיך א צימער און הייבן־אָן טרינקען. באטאָג און באנאכט—מ'זשליאַ־קעט. מ'קאָן גאָר נישט אָפּכאַפּן דעם דאָרשט. אין א שיינעם פרי־מאָרגן טרעפט מען ביידע ט ו י ט, און דאָס קליינע קינד קריכט אַרום, גראַבלט מיט די פּוכקע הענטלעך דער מאַמען איבערן פּאָנים, זוכט בא איר די ברוסט.

— צוליב וואָס, מיינט איר, איז אייער גאַנצער „פּראָהיבישאָן“? צוליבן דאָלאר. צוליב דעם, אז פּאָליטישנס און פּאָליציילייט זאָלן מאכן א דאָלאר. יעס, יעס,—א דאָלאר, אָט דאָס איז אמעריקעס מאָס פאר אַלצדינג.

אָבער די צייט וועט קומען.

...איך זאָג נישט „מיר דייטשן“. מיר דייטשן עפּשער אויך. אָבער די גאַנצע וועלט האָט איצט פיינט אמעריקע—דאָס אמעריקע, וואָס ווערט רעגירט פון אדוואָקאטלעך. דאָס אמעריקע פון וואָל־סטריט, וואָס איז איצט דער וועלטס מיעסטער פּראָצענטניק. דער־וויל כאַנפּעט מען נאָך דעם פּראָצענטניק. מי דאַרף אים האָבן. אָבער לאָז ער זיך נאָר אַף איין מינוט אויסגליטשן, שוואַך ווערן—דעמאָלט וועט אייער וואָל־סטריט —

פּאַוזע.

— איך בין אמאָל געווען צישן עסקימאָסן. זיי זענען ציוויליזירטער פון אונז, „וויסע מענטשן“. זיי הארגענען נישט אַזוי אָפט ווי מיר. אי, וואָס די פרוי'ען קייען דאָרט די שטיוול פון זייערע מענער קעדיי ווייך־צו־מאַכן די לעדער? איז, איך בעט אייך זייער, וועלכע אמעריקאַנישע פרוי קייעט נישט ב ט ע ו ו ע דעם מאַנס שטיוול?

אוים!

איך בין קריק אַף דער יאבאָשע, באַם וואָקזאַל פון דער באַן, וואָס גייט קיין ניו יאָרק.

אָפּן וועג זע איך ווי איינער שטייט אין א וואַלד און איילט־אָן זיין ביקס.

א סטערטע שטרוי האָט א טראָלד פון אויבן ווי אַף א מיצל. ווער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט מאַכן אַזא טראָלד? און צו וואָס דאַרף די סטערטע שטרוי דאָס האָבן?

א קו ציט איר האַלז צו דער לויפנדיקער באַן, מאַכט „מ־ו־ח, דער זומער גייט שוין אוועק“.

א שטראָמל פון די בערג לויפט ווי א זינגענדיקע מויז. די מויז זאָגט: „אַכאַ־כאַ, דער זומער גייט שוין אוועק“.

א קנופּיקער קלאָץ ליגט לעבן אַן אַלט פאַרם־הויז מיט אַ שאָקל־דיקן לאָדן.

דער קלאָצס האַרץ איז פאַרשטאָכן מיט אַ רואיקער האַק. און ביידע, אי די האַק, אי דער קלאָץ, זאָגן:

„דער זומער גייט שוין אַוועק".

אַ נאַקעט פעלד דעקט זיך איין אין אַ טומאַן, מ'זאָל נישט זען ווי עלנט סי איז.

איך בין איינגעטילעט אין מיין מאַנטל. איך כאַלעם רעשטלעך כאַלוימעס וועגן די אַלע שיינקייטן און וואונדער, אַף וועלכע איך האָב געפּאַשעט מיינע אויגן די דרייצן טעג פון מיין וואַקאַציע, און איך טראַכט:

ס'איז אַנדערש אַז מי זעט אַ באַרג פון אַ שיף אַרויס, אָדער אַ ברעג־יאַם, און ס'איז אַנדערש אַז מ'זעט דעמזעלבן באַרג פון אַ קוילן־שאַכט אַרויס.

ס'איז אַ בילעק אַז מי זעט די זון פון אַ האָטעל־פענצטער, ביז זען דיזעלבע זון פון אַ רישטאָוואַניע 80 שטאָק הויך.

ס'איז אַ בילעק פון זיצן אין אָלבאַני, אָדער אין וואַשינגטאָן, און מאַכן אַ „גרינגן טוהלער", ביז פאַרדינען אַ דאַר שטיקל ברויט מיטן שוויים פון דיין פּאָנים.

אָ, ס'איז אַ בילעק, ס'איז אַ גרויסער בילעק, מיין ליבער קאַלווין קולידזש, פון זען די וועלט דורכן „ווייסן הויז", ביז זען די וועלט דורך אַ פענצטער פון אַ טפיסע, אָדער אַ העקדיש, אָדער אַ טעקסטיל־פאַבריק.

יאָ, יאָ! שוא, שואה!

אַנדערע ביכער פונזעלבן מעכאַבער:

ווילדע רויזן, ליטעראַרישער פאַרלאַג, ניו יאָרק.

פון מענטש־צו־מענטש, פאַרלאַג „ווערבע״, ניו יאָרק.

אויף געלעכטער, 〃 〃 〃

מעשהילאַך מיט אַ מאָראַל, 〃 〃 〃

קום שפּאַצירן, געליבטע! 〃 〃 〃

מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָסדאָזיקע בלוט, 〃 〃

(צווייטע אויפלאַגע פון דיזעלבע לעצטע זעקס ביכער, פאַרלאַג מייזל, נ. י.)

Peh-el-Peh,
Pagan Publishing Co., New York

פון נעכטן ביז מאָרגן, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווארשע.

דער פאַרזונקענער גלאָק (איבערגעדיכטעט) 〃 〃

פון־מענטש־צו־מענטש (נייע פאַרבעסערטע אויפלאַגע), פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווארשע.

אַ לאָמפּ אַפּן פענצטער, (לידער), פאַרלאַג נאַראַיעוו, נ. י.

דערלאַנג אַהער די וועלט, בורזשוי, פאַרלאַג „פרייהייט״, נ. י.

אונטער דער זון, פאַרלאַג „פרייהייט״, נ. י.

פון מיר צו דיר, פאַרלאַג „קולטור־ליגע״, קיעוו.